STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05895

TSVISHN SHTET

S. Apter

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזעצט און געדרוקט אין
סופרים פרינטינג קאָמפּאני
(קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי)
460 ריטשמאָנד סט. וו. טאָראָנטאָ

ש. אפטער

צווישן שטעט

(דערציילונגען)

פארלאג „קאמף", טאראנטא
יולי, 1936

נאַטאַן פּריוועס

ווען דער אלטער נאַטאַן פּריוועס, מיט זיינע פאַריונגטע, צוגעפּאַרבטע סימען־זאַכער וואָנסעלעך, איז א שטיק אָפּן טאָג אהיימגעקומען, האָט ער געפונען זיין טאָכטער, די סטודענטקע עווא, וואָס איז געקומען פון ווארשע אויף זומער-וואקאציעס.

פון עוואָס שלאָף־כיידער האָט זיך געהערט איר פריילעכע סאָפּראַן־שטימע, וואָס האָט זיך געקאָלערט צווישן די פאַרשטילטע איינזאמע ווענט.

קליינע געמאָסטענע טריטעלעך האָט ער געשטעלט, דער אלטער פּריוועס, אף דעם ברוין-געפּארבטן פּארקעט, וואו שיטערע זונשפּריצן האָבן ווי גאָלדענע פליגעלעך, זיך געצויגן פון די לאַנגע גאַרדינען. ער האָט אויסגעצויגן אף העכער זיין פראַנטישע פיגור, אויפגעהויבן זיין פאַרשפּיצטע אייביק־אינגלשע גאָמבקע און געשלונגען דאָס צאַרטע קאָל.

אין דער רעגע האָט זיך אים, דעם אַלטן פּריוועס, אויסגעוויזן, אז צו זינדיק איז ער שוין געוואָרן די לעצטע יאָרן, אז זיין ווייב ראשעל מיט דעם קליינעם אויסגעקינדלטן פּאָנים, האָט שוין פריער פאַרכאַפּט דאָס גוטע האַרץ פון זיין טאָכטער עווא, אויסגעוויינט פאַר איר איבער זיינע זינד.

נאַטאַן האָט שעמעוודיק געכאַפּט א בליק צו דעם לאַנגן שטיי־שפּיגל, באמערקט, אז נאָך ליגט אים אין די צעקנייטשטע שרומפּן פון זיין פּאָנים די נישט דערשלאָפענע נאַכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט דער מילכאָמע־אגונע בראָדיס, מיט די גרויסע אמעריקאַנישע ברילן אף איר וויים־פּוכקן פּאָנים, און ער אליין, פּריוועס, פאַרשטייט אַלץ נישט, פאַרוואָס זי, אָט־די אגונע איז אזוי צוגעלאָזן צו אים, און פונדעסטוועגן פאַרטאַכלעוועט זי זיין געלט... מען דאַרף מאַכן א סאָף דערצו... מען מוז זיך אינדערעמעסן אַביסעלע צווימען; אי געלט איז א שאָד, אי דער נאָמען נאַטאַן פּריוועס טאָר נישט פאַרמינערט ווערן.

דערווייל האָט די ווייסע טיר מיט די מעשענע קליאַמקעס אויפגעפּראַלט און עווא איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, אַנגעטאָן אין בלויע פּידזשאַמעס מיט א צעקודלטן בלאָנדן קאָפּ האָר.

— אָט בין איך ווידער אן אומגעבעטענער גאָסט, — האָט עווא געזאָגט צום פּאָטער, זיך צוגערוקט צו אים, ארומגענומען זיין קאָפּ מיט אירע

לאנגע ווייסע הענט און צעטיילט אף עטלעכע ערטער האסטיקע קושן. פריוועס איז פארבליבן אומבאהאָלפן, מיט אַ צעמישעניש אין קאָפּ נאָכגעטראכט, אַז עווא איז די איינציקע, וואָס מאַכט אים האכנאָעדיק, לאָזט אים פילן זיין נישטיק פארגרעבט לעבן, וואָס ער פארטאַכלעוועט די לעצטע יאָרן. ענדלעך האָט ער אויסגעשטאַמלט:

— פארוואָס נישט געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע? אַז כ׳בין נאָר פארנומען באַ געשעפטן... וואָלט אַנטקעגן געפאָרן אַ פּאָר סטאַנציעס.

— נישט נויטיק — האָט זי גלייכגילטיק געזאָגט, אַ צופּ טוענדיק דעם פאָטער פאר די קליינע צוגעפּארבטע וואָנסעלעך, דערביי זיך צעכיכעט טיף, אַז די קליינע ברוסטן האָבן זיך צעוואָרפן.

— וואָס אַמאָל ווערסטו שענער און פראַנטישער פון אַלע היגע קאַוואַליערן.

ער האָט אַ לייכטן וואקלדיקן ציטער געגעבן און זיין קיטענער פּאָנים האָט באַקומען רויטלעכע קאָלירן. עווא האָט אים הייס ארומגעכאַפּט דעם האַלדז, זיך אָנגעהאָנגען אף אים און אַ וויג זיך געטאָן ארום אים ווי אף אַ קאַרוזעלע.

— אַ היפּשע ביסטו אויסגעוואַקסן און אַזאַ פרעמדע, שלעכטע דו...

— האָט פריוועס געזאָגט.

עווא האָט דערווייל אויסגעדרייט דאָס פּאָנים, נישט געקענט פארטראָגן זיינע בלאָזנדיקע פייכטע ליפּן, וואָס האָבן געקושט אירע האָר.

פריוועס האָט זיך גענומען איילן צו זיין טאָג־טעגלעכן באַזוך אין דער ציגל־פאַבריק, וואָס ליגט אין די ליימיקע בערג, הינטער דער שטאָט. ער איז געלאָפן פון איין צימער אין אַנדערן פלינקער, לופטיקער, ווי אַלעמאָל. אריינגעטאָן דעם קאָפּ אין דער קיך, עפּעס באַפוילן דער דינסט — אַן אַלטע גויע, וואָס האָט געשאַרט מיט אַ קוילן־שטעקעלע די פייערקעס אף דער פּליטע.

העכער צוויי כאָדאָשים ווייסט פריוועס ווער דאָס הויז איבערפולט זיין מיט דער טאָכטער, פאר וועמען ער קאַרגט איין אַ גרויסע ירושע. דאָס געלט וואָס ער, פריוועס, פארשווענדט, איז דאָך נאָר צוליב דער איינזאַמקייט אין דער פארוואָרפענער שטילער שטאָט, מיט די בלאָטיקע אידישע געסלעך, וועלכע ער האָט פיינט בעטאַכלעס האַסינע...

נאָכמיטאָג איז פריוועס אראָפּגעקומען פון דער לאַנגער שמאָלער סטעזשקע הינטער דער שטאָט, וואו שיטערע טוואָוע־פעלדער האָבן פארכאַלעשטע געפּויזעט אויף דער זאַמדיקער ערד.

פון די ריזיקע ציגל־געביידעס, פארסמאַלעטע ווי אָפּגעברענטע כורוועסדיקע הייזער, האָט דער פארסאַזשעטער קוימען־האַלדז הילכיק גע־ברומט, צעקנוילט שווארצע געקרייזלטע צעפּ, וואָס האָבן אימפּעטיק זיך געריסן אין דער הויך.

פּריוועס האָט אַראָפּגענידערט צום זאַמדיקן טאָל. ארום האָבן זיך געצויגן הויכע אָפּגעטעסעוועטע ליימיקע און זאַמדיקע בערג מיט שאַרפע שטיינערנע שפּיצן, ווייזנדיק פּלאַסטנווייז זייער זשאַווערדיקע און רויט־גאָלדיקע פארביקייט.

א מאַכנע ארבעטער מיט האַמערס און רידלעס אַף די אַקסלען, זיינען ארונטער צו די טיפע ראָוון. געבליבן זיינען בלויז די ווייבער, אויסגעלייגט אויפן הייסן זאַמד, לעבן די איינגעפורמטע צייכנס פון די געשטאַלטן פון זייערע אוועקגעגאַנגענע מענער. די ווייבער האָבן צונויפגעקליבן די ערדענע טעפּ, און זיך פארטאָן אין ערנסטן שמועס.

— ס'איז אים דען ליב צו ארבעטן, דעם מאַן מיינעם אין אַזא לאָך? גאָט זאָל מויכל זיין מיין זינד, — האָט געזאָגט א יונגע פּויערטע מיט א ווייס טיכל אויף די אַקסלען, מיט באָרוויסע צעפּלאַטשטע פיס.

— מע שמועסט, אַז דער בארג שפּאַלט זיך. יאָ, קינדערלעך ליבינקע, — די ערד זעט מע גריזשעט איר, מאָנט זי ס'איריקע. א סאַך מענטשן דאָ אריינגעבראָכט שוין, אָ, יעזוס איינציקער, באַשיץ מיינע אינגעלעך, — האָט צום סאָף געזאָגט אַן אַלטע שטאָט־גויע מיט גרויסע קלאָקעס איבער דעם אָל־טן שטערן. אירע גרינע קעצישע אויגן האָבן מיט געבעט זיך פאַריסן צום הימל.

די ווייבער האָבן זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן. דערזעענדיק פּריוועסן האָבן זיי אַלע מיטאַמאָל זיך אויסגעדרייט פון אים, ווי מיט א קישעף־שפּרוך אים אויסגעמיטן און שנעל גענומען איילן זיך צום שמאָלן וועג, וואו געקעס־טלטע פורלעך מיט אָנגעגרוזעוועטע ציגל האָבן זיך אין א לאַנגער צייל געצויגן צו דער שטאָט.

פּריוועס אליין האָט דערווייל געשפּאַנט, געציילט די לעבעלעך, וואָס ער האָט געמאַכט מיטן שטאָק אפן זאַמד, און דערכאַפּט מיטן אויער די ווייבערשע רייד. כאָטש דאָס האָט פּריוועס שוין אַסאַך מאָל געהערט, פונדעסט־וועגן האָט ער היינט דערפילט א מאָדנע ענגשאַפט אין דער ברוסט.

דורך פארשיידענע וועגן האָט פּריוועס געפּרואווט ארויסדרייען זיך פון דעם נאַרישן ווייטיק. אים איז געקומען אפן ראַיען, אַז ער, פּריוועס, איז פאַר די ארבעטער, ווי אַן איינענער טאַטע און זיי, די כאַמעס, זיינען נאָר געקריוודעט... קיין גוטס וועט שוין פון דעם ניט ארויסקומען. זיין אייגענע

טאַכטער איז דען בעסער?... אז דאָס האָט אַ כיישעק צו האַלטן גאָר לעק־ציעס אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. אַנדערש וועלן די אַרבעטער נישט קענען פאַרדייען דעם באָרשטש מיט קאַרטאָפל, האַ?

ווי דורך אַ טומאַן האָט ער געהערט גראָבע פּויערישע שטימען און אַ געראַדעריי פון דורכלויפנדיקע שיקסעס, וואָס האָבן געשלעפּט די איינערדל־דיקע טאַטשקעס מיט אויסגעקנאָטענעם פייכטן ליים. פּריוועס האָט נישט געענטפערט זייערע האַלב־פאַרשנאָפּלטע באַגריסונגען. דאָס האַרץ איז נישט געוואָרן רואיקער און אַ גאַליקע בייזקייט האָט אָנגעפילט זיין געמיט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן איבלעניש צו אַלץ אַרום און אויף זיין פאַרבלאָנדזשעטע טאַכטער... זיין טאָכטער אַליין זאָל פון אים כויזעקן, אַז ער, פּריוועס, איז נאָך פּראַנטישער פון אַלע היגע צוציקעס...

פּריוועס איז געקראָכן צווישן די מעשופּעדיקע אָפּגעריסענע בערג, געטאַפּט פאָראויס מיטן שטעקן, צו זיין וואָס זיכערער, גליטשנדיק זיך פון די קליינע קיילעכדיקע שטיינדלעך, וואָס האָבן זיך געקרישלט אונטער זיינע פיס.

אַ ווינט האָט געריסן די פאַרשעמטע לידיקע פעלדער, וואָס האָבן נאַקעטע, פליכעוואַטע זיך געצויגן אויף אַ ווייטן מעהאַלעך אַרום. דעמבענע באַלקעס זיינען אונטערגעשפּאַרט ווי אויסגעשטרעקטע הילצערנע הענט און האַלטן איין אַן אויסגעהוילטן באַרג, וואָס רייסט זיך צום קראַכן.

פּריוועס האָט שנעל מיט געניטקייט אויסגעכעשבנט, אַז דעם באַרג אומצעוואַרפן, דאַרף אויף אַ צייט לאַנג די אַרבעט איבערגעריסן ווערן און ער האָט אַזויפיל קאָנטראַקטן געשלאָסן, וואָס מען מוז אויספילן, קאַלזמאַן די צייט ברענט — ביז ווינטער... עס וועט געווים אויסהאַלטן.

אַראָפּגייענדיק צו דער הילצערנער קאָנטאָר־געביידע, האָט פּריוועס שווער געסאָפּעט, געבלאָזן מיט די באַקן, נישט אַריינצושלינגען קיין שטויב, וואָס האָט אָנגעהויבן יאָגן פון אַלע זייטן.

וואָלקנס האָבן געוואַנדערט פּאַטלאַטע, ווי געפּאַלדעוועטע פלאַכטעס און פאַרטונקלט דעם נאַקעטן געברעגטן אומגעגנט.

בײַ דער שוועל פון דער געביידע, וואו זיין קאַבינעט מיטן געטאָפּלטן גלעזערנעם פענצטער, ווי אויף אַן אויג אַ בלינדע בעלמע, האָט פּריוועס באַגעגנט די יונגע מאַלגאַשא מיט דעם רויטן אויסגעצוויקטן פּאָנים און קיי־לעכדיקע ציגיינער־רינגען אין די אויערן. אָ, פּריוועס קען זי! — שוין איינ־מאָל אַ שטיפערקע...

—וואָס זאָגסטו נייעס, מאַלגאַשקע?

— מיין מאַן אַרבעט דאָ; פאַרוואָס גיט מען אים די שווערסטע אַר־

בעט? ער איז דאָך נישט קיין פּויער, געאַרבעט אין דייטשלאַנד אויכעט.

אירע גרויסע אויגן האָבן בריענדיק א בליץ געטאָן אף אים מיט דרייסטקייט.

— ווייל ער בונטעוועט זיך, גיט אים דער פאַרוואַלטער טאַבאַק צו שמעקן. איבעריקנס... מ'וועט א קוק טאָן. אַלע אַרבעטן מיר שווער, פּופּינקע.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז אַרום דער קאַנטאָר נישט גע־ווען און ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר.

טראָפּנס רעגן האָבן גענומען קלאַפּן, ווי קליינע קרעלן אויפן זאמד, בויערנדיק אין דער ערד אַריין. מאַלגאַשקע האָט אַלץ קעסיידער זיך געבייג־דלט צו אים. אַרונטערגעקראָכן אונטערן דעכל, וואָס האָט, ווי א דאַשעק, אַראָפּגעהאַנגען איבער דער טיר. אַצינד האָט פּריוועס זי דערזען אין זיין ראַיען א נאַקעטע פאָר זיך שטיין, מיט דעם שטייפן בראָנזענעם לייב, ווי אַמאָל. איידער פּריוועס האָט זיך צוגעבונדן צו דער אַגונע בראָדים. פּריוועס האָט מיטאַמאָל דערפילט א טאַוועדיקן בראַנדיקן גלי וואָס האָט דורכגעשטראָמט זיין כוט האַשעדרע.

— דו ווערסט פאַרעגנט, מאַלגאַשאַ. קום אַריין אַהערצו, — האָט פּריוועס צום סאָף מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם געזאָגט.

מאַלגאַשאַ האָט געהויבן מיט די אַקסלען שטיפעריש־פאַרשייט, אַז באַ פּריוועסן האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט.

דער רעגן האָט גענומען פליצנדיק שמייסן און מיט קנאַקנדיקע בייטשן געפּאַכעט אף מאַלגאַשקען, וואָס האָט זיך געטוליעט, איינגעשרומפּן צו דער וואַנט. איצט איז טאַקע פאַר פּריוועסן געווען א געלעגנהייט, מאַמעש אויס ראַכמאָנעס, זי א כאַפּ צו טאָן באַ דער האַנט און צוצודריקן צו זיך. זי אַליין האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס, האָט בלויז נאַכלעסיק מיט שלאַבריקע הענט זיך צוריק געהאַלטן און שטיל געזאָגט:

— פּאַניע פּריוועס, מיין מאַן איז דאָך...

דאָס איז פּריוועסן נישט אויסגעקומען צו דערהערן, ווייל ער האָט זי שוין אויף די הענט אַריינגעטראָגן צו זיך אין קאַבינעט מיט אַן עמעסער גוואורע, וואָס מאַלגאַשקע איז געווען פּעאיק אָפּצושאַצן, און געלאָזט צוקלאַ־פּן די טיר הינטער זיך.

צוויי שאָ נאָכאַנאַנד האָט דער רעגן געבאַרכלט אויפן זאמד, זיך טיף איינגעזאַפּט, אָפּווישנדיק אַלע שפּורן פון פיס־טריט.

דער הימל האָט געפּויקט, דונערנדיק מיט זיין צעבלאָזענעם וואַסער־

דיקן פּויק. פון צייט צו צייט זיך געשפּאָלטן מיט פייער־שפּריצן, גליַיך היר־שן מיט פייערדיקע הערנער וואָלטן פון די געוועלבטע הימלען ארויס־געשפּרונגען.

פּריוועס איז נאָך אַלץ נישט זאַט געוואָרן פון מאַלגאָשקעס לאַסקעס, וואָס זי האָט אים מיט דער פולער האַנט געגעבן. אַז מאַלגאָשאַ האָט פאַרלייגט די שיך אַף אַן אַקסל און זיך ארויסגעריסן פון זיינע הענט און אָנגעהויבן צו קריכן מיט אירע נאַקעטע פיס אַף דעם זינקענדיקן זאַמד, האָט ער, פּריוועס זי נאָך אַלץ צוריקגערופן.

— ווי וועסטו גיין אַצינד, אַז דו וועסט זיך פאַרכאַזערן ווי גרויס דו ביסט? — האָט פּריוועס צו מאַלגאָשקען געזאָגט.

זי האָט זיך אומגעקערט, געלאָזט זיך ארומנעמען, און זיך געזעצט, ווי אַ צעפּיעשטשעטע קינד אַף זיינע קני און געזאָגט בלויז:

— דו אַלטער באַל־אַווירעניק, באַלעקסט זיך, ווי אַ לאָשעקל מיט דער מאַמעס מילך.

— דיין מאַן וואָלט אונז געמיימיסט, ווען ער ווייסט. האָסט אים נישט ליב, האַ? זאָג!

אַצינד האָט פּריוועס נאָכאַמאָל איבערגעטראַכט, אַז זי, מאַלגאָשקע, איז געקומען אים בעטן פאַר איר מאַן כלאַסטאָוון אַ גרינגערע ארבעט און האָט נאָך נישט פאַרגעסן איר אַלטע ליבע צו אים. דערפאַר וועט ער איר צוליב טאָן. זאָל זי וויסן, די פויערטע, אַז פּריוועס איז נישט קיין כאַזער. ער וועט אים, דעם כלאַסטאָוון, מאַכן פאַר אַ נאַכט-וועכטער. זאָל ער שלאָפן אין דער בודע, ווי אַ הונט, אַז ארבעטן וויל ער גרינג.

— מיין מאַן, פאַרשטייסטו, איז אַ קראַנקער, אויסגעסוכעט ווי אַ טרוקענע סקורע פון דייטשלאַנד אַהיימגעקומען, — מיט הוילע לונגען.

— אהא — האָט פּריוועס אונטערגעכאַפּט — דאַרפסטו דאָך אים נישט...

— אַז אַלע האָבן געזאָגט, כ'לעב מיטן באַלעבאָס, האָט מיך קיינער נישט געוואָלט. אַן אַלטע מויד צו בלייבן איז נאָך פּאַסקודנער, האָב איך שוין גענומען אָט דעם כלאַסטאָוון. אַ מענטש אַ וועלטישער איז ער שוין איינמאָל.

אינדרויסן האָט אָנגעהויבן פון די בערג צו שיטן, פריער שטיל, דער־נאָך עפּעס ווי דונערן וואָלטן זיך אראָפּגעקייקלט צום טאָל, זיך געקאַטשעט און געפּלאַצט מיט אַ ריזיקן קראַך. די שטילע לופט האָט אויפגעציטערט, גליַיך די ערד וואָלט זיך געשפּאָלטן. אַ רויכיקער שטויב האָט דורך די צע־

בראַזגעטע שויבן זיך אַריינגעריסן און ביידע, פּריוועס מיט מאַלגאַשקען, זיינען אומגעפאַלן.

פּריוועס איז געבליבן צוזאַמענגעדריקט אונטער דעם אומגעפאַלענעם מעבל. געדוכט האָט, אַז דער אָפּגעשפּליטערטער באַרג האָט אַף לעהאַכעס אים פאַרשאָטן. ביז זיינע סאַנים, די אַרבעטער, וועלן קומען אים אויפזוכן, וועט ער דערווייל אומקומען צוזאַמען מיט מאַלגאַשקען, וואָס האָט אין אַ ווינקל לעבן אים געקרעכצט, און אַז מען וועט אים אויפקאָפּען וועט די גאַנצע וועלט זען, אַז ער, פּריוועס, האָט זיך פּאַרדינט, קאָשער פאַרדינט גאָטס שטראָף, אַז געפונען האָט מען אים בעסאַכאַקל, דעם אַלטן באַלאַווייערעניק, מיט אַ נאַפקע.

אַ שווייסיקער אַנגסט האָט אים באַגאַסן. אַף אַזאַ אומקום האָט ער קיינמאָל נישט געוואַרט. עס איז אים געוואָרן אַ שאָד זיין ביסל נישט דער־לעבטן לעבן. דער שטויב האָט אים, וואָס אַ מאָל, אַלץ מער געוואָרגן, געדו־שעט זיין אָטעם.

דערווייל האָט זיך דערהערט אַ ליאַרעם פון לויפנדיקע מענטשן. באַלד האָט עמיץ גענומען קלאַפּן אין דער טיר, — הייסט עס, ער איז יאָ געראַטעוועט. עס האָט גענומען אַ היפּשע ווייַלע ביז פּריוועס האָט זיך אויסגעקניכטערט פון דעם צעטומלטן טשאַד, זיך געווישט די פאַרפּרישטשעטע אויגן, נישט פאַרגעסן אַ דערמאָן צו געבן מיט אַ שטורך די צונויפגעטוליע־טע מאַלגאַשקע, וואָס האָט שטיל געוויינט.

— ס'איז אַדורך בעשאָלעם, כאַפּ דיך נאָר קונציק אַרויס פונדאַנען, — האָט ער געזאָגט צו איר.

פּריוועס האָט זיך אָפּגעשטויבט, אויפגעריגלט די טיר און איז אַרויס.

אַף דער שוועל איז געשטאַנען בערקע דער אויפזעער, אַ נידעריקער יונג אין ספּאָרט־הויזן, מיט הויכע געשנורעוועטע כאַליעוועס. ער האָט מיט אַ שווערער האַנט געווישט די פאַרשאַרצטע קליינע נאָז און געזאָגט:

— אַן אומגליק איז געשען, פּאַניע באַלעבאָס. עטלעכע מאַן פאַרשאָ־טן געוואָרן.

קיין גרויס איבעראַשונג איז דאָס פאַר פּריוועסן גאָרנישט געווען... ער האָט דאָס אַליין פאַרשטאַנען. אַז מע האַקט האָלץ, פאַלן שפּענער... ער האָט אַהינגעקוקט ווי אַ רעדל אַרבעטער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט. אַלע זיינען געלאָפן בעהאָלעדיק און געשלעפּט דרעננגער.

— שטיי, הער אויס, — האָט פּריוועס געזאָגט צו בערקען פאַר־טרויעלעך:

— גיי מעלד פּאָליציי, אַז אַ דונער האָט דאָס געמאַכט. אַ דונער, הערסט?... אַז דו האָסט אַליין געזען...

— יאָ, באַלעבאָס. אַ דונער האָט דאָס געמאַכט, — האָט דער יונג, בערקע, מיט די געלע זעלנערישע הויזן אַ קלאַפּ געטאָן איין פוס אָן אַנדערן און זיך געלאָזט לויפן מיטן שמאָלן וועג, באַרג אַרויף, צו דער שטאָט.

אַז פריוועס האָט זיך איינגעקוקט אויף די איינגעפאַלענע בערג, וואָס זיינען געווען אונטערגעגראָבן, האָט ער זיי נישט דערקאַנט. די בערג האָבן געקוקט אַזוי מיעס מיט זייער אָפּגעריסענער נאַקעטקייט, ווי עמיץ וואָלט זיי אָפּגעריזשעט...

אַז מע האָט אַרויסגעשלעפּט די טויטע און זיי אַהערגעלייגט, נעבנטער צו דער קאַנטאָר-געביידע, האָט פריוועס איבערגעציילט פינף מענטשן. דריי עלטערע מיט צוויי אינגלעך. פריוועס האָט זיך געמוזט שטאַרקן, אַזוי שווי־דערלעך איז אים דאָס אַלץ פאָרגעקומען. די טויטע מיט זייערע צעקנייטשטע אויסגעקרומטע פּנימער זיינען געלעגן אין זייערע אַרבעט-קליידער איינגעגנו־רעטע אין ליים, האָבן זיי אויסגעזען, ווי שטיקער צעקנעטנס, פאַרוויקלט אין טראַנטעס. צווישן די צוויי אינגלעך, מיט פלאַקסענע גזשיוועס, איז געלעגן אַ הויכער סוכאָטנער אַרבעטער. פריוועס האָט אים גלייך דערקענט. אַ גאָל־דענער צאָן האָט פון זיין אויפגעריסן, מיט ליים פאַרשטאָפּטן מויל, אַרויסגע־קוקט. דאָס איז ער, דער בלאַסטאָוו, — מאַלגאָשקעס מאַן.

באַלד איז מאַלגאָשקע פון אַ ווינקל אָנגעקומען. מיט געיאָמער צו־געשפּרונגען צו די טויטע. זיך אַ וואַרף געטאָן צו וויטעקס קאָפּ און האָט, ווי אַ פאַרוואונדעטע כאַיע, זיך געוואָרפן צו דער ערד.

— וויטעק, וויטוניו, דראָגי טי מאָי (טייערער דו מיינער!), שטראָפסט מיך פאַן יעזוס, שטראָפסט...

אַ האַמוין איז אָנגעקומען פון דער שטאָט, און פון צווישן דעם אוי־לעם האָט זיך אַרויסגערוקט אין אַ צעריסן טיכל אויפן קאָפּ די אַלטע פאַוולאָווע. זי האָט מיט מעשוגענע אַרויסגעזעצטע גליענדיקע אויגן, אָן קויכעס, הייזע־ריק גערעוועט:

— אינגלעך מיינע, גוטינקע, נעמט אויך דער באָבען צו אייך. מיינע פאַרלאָשענע ליכט, מענטשן גוטע, מיימיסט מיך. אוי, אוי, יעזוס דערבאַרעמדיקער.

פריוועס האָט אָנגעהויבן זוכן אַ ווינקל, וואו צו פאַרשווינדן, צו באַ־האַלטן זיין לעבן. דערוויי״ל האָבן זיינע זוכנדיקע בליקן דערזען די אָנקומענ־דיקע רייטער־פּאָליציי, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דורכן שמאָלן וועג, מיט די מאַזיקישע ברוינע פערדלעך. פריוועס האָט באַקומען זיכערקייט.

— וואָס האָב איך מוירע צו האָבן, — האָט ער צו זיך גערעדט מיט ביטערקייט און איז אריין אין קאַנטאָר.

אינאָווגט, ווען פּריוועס איז אהיימגעקומען פון פאַבריק, האָט ער מיט פּאַרכטיקער שטילקייט געטראָטן אין די פינצטערע כאַדאָרים. אין זיינע אויערן האָט נאָך געקלונגען דאָס געוויין פון די פרויען.

א מאָדנע באַדערפעניש האָט פּריוועס דערפילט, אזוי זיך מיט עמיצן, א נאָענטן, איינדערפינצטער זיך פאַנאַדערצושמועסן, מען זאָל ניט זען זיין פּאָנים, ווי זיינע וויעס ציטערן אונטער, גליך פליגעלעך קליינע וואָלטן זיך געפלאָנטערט אין די ברעמען.

אצינד זעט פּריוועס איין מיט אַלע זיינע כושים, אז דער כאַניפּעדי-קער פּאָליציי־קאָמענדאַנט שקוויערסקי, האָט אוואדע געלאכט, אין זיך אריין, פאַר זיין שרעק, ווען דער פּאָליאַק האָט אים דערמאָנט זיין אידישקייט, און געזאָגט האָט אָט־דער פּאָליציי-קאָמענדאַנט, וואָרפנדיק קעסיידער מיט זיין לאַנגער בלאַנקער שווערד, אז כאָטש פּריוועס איז א גוטער בירגער, פונדעסט-וועגן ווייסן אַלע פויערים, אז די פירמע איז א אידישע... מען מוז לעפּאָנים וועגן עפּעס טאָן, צו באַרואיקן די צערודערטע כאַמעס...

פּריוועס האָט זיך געבראָכן דעם מויעך צו וויסן, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט באַם קאָמענדאַנט.

— וואָס האָט ער מיך צו שטאַכעלירן?, — האָט ער געפרעגט בא זיך אָף אידיש. פאַרקערט, פּריוועס האָט שטענדיק געזען צו פירן דעם גויאישן שטאַט, פיינט געהאַט די אידעלעך בעטאַכלעס האָסינע און קיין איינעם האָט ער דאָך נישט צוגענומען צו דער אַרבעט בא זיך אין פאַבריק...

פּריוועס האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם ווייכן פּלושענעם שטול, אריינגעטאָן דעם פיבערדיקן קאָפּ צווישן די הענט, אים צונויפגעדריקט און געהערט ווי פון שלאָף־ביידער קרעכצט זיין ווייב ראַשעל. יעדער זיפץ האָט איימעדיק אָפּגעהילכט אין די דומפּיקע ליידיקע כאַדאָרים. מער ווי אַלעמאָל האָט ער איצט דערשפּירט די הוילקייט, וואָס האָט געוויעט פון אַלע אויס־געפוצטע ווינקעלעך.

פון שלאָף־ביידער האָט די אַלטע ראַשעל, א כאָסער־דייעדיקע, ארויס־געקוקט פון דעם ריזיקן בעטגעוואַנט מיט די אויפגעפּוכעטע קישנס, ווי א גרוי פאַרוקל, און געוואָרטשעט מיט א דומפּיק גרעגערדיק קאָל:

— ביסט שוין דאָ, נאַטאַן, לאָמיר דיך אָנקוקן. ס'האָט דיר נישט געשאַדט, כאָלילע?

— שלאָף, אַלטע, שלאָף. נישט דיין אייסעק אין געשעפטן.

— ע, פּכע... גיי לייג דיך שוין, טאַטעלע, ביזט דאָך מיד, — האָט די אַלטע זיך פיבערדיק איבערגעוואָרפן אין בעט.

— ס'קינד איז נאָך נישטאָ, ס'קינד?

ער האָט, בלאָנקענדיק מיט די אויגן, א בליק געוואָרפן אף דער טאָכטערס צימער. פּלוצים האָט זיך פריוועס דערכאַפּט, ווי אינעווייניק, אין עוואַס צימער, באַוועגט זיך עפּעס.

— עווא איז גאָר אינדערהיים?

ער האָט פאַמעלעך צו דער טיר גענענט, אָנגעקלאַפּט און קיין ענטפער נישט באַקומען. פריוועס האָט די טיר געעפנט, זיך צו באַרואיקן — עפּשער דאַכט זיך אים. זיינע גערדאַנקען זיינען היינט צעטומלטע אַזוינע...

עווא איז געלעגן א שטילע, צונויפגעטוליעט אין איר ווייסן רעגן-מאַנטל אויפן בעט. לעבן איר איז געשטאַנען איר ברוינע וואַליזקע, פאַרפאַקטערהייט. דאָס האַרץ האָט זיך באַ פריוועסן א האַסטיקן וואָרף געטאָן, ווי עמיץ וואָלט עס א שליידער געגעבן מיט דער פויסט.

— עווא, נישט געוואוסט אַז ביזט אין הויז, דו דאַרפסט דיר נישט נעמען צום האַרצן, וואָרים עס טרעפט דאָך, — האָט פריוועס געזאָגט און דערביי פאַמעלעך א גלעט געטאָן איבער אירע צעוואָרפענע האָר.

— עווא, ע... איך וויל זיך מיט דיר אָן אייצע האַלטן, וואָרים פאַרשטייסט, געשעפט פאָדערט סייכל.

דאָ האָט זיך עווא אויפגעכאַפּט, אַזש דאָס בעטל האָט זיך א טרייסל געגעבן און א פּאָר פאַרטרערטע רויטע אויגן האָבן אים מיט סינע אָנגעקוקט.

— איך פאָר, טאַטע, באַלד אוועק, ווייל דאָ אין הויז איז ווי אין א גרוב, וואו אַלע וואַרפן דאָס מיסט אריין...

דערנאָך איז עווא פאַרשוואונדן אין שלאָף-ביידער צו דער כאָסערדייעדיקער מאַמען, פון וואַנען עס האָט זיך דערהערט א דערשטיקט שלוכצן.

פּריוועס האָט איבערגעבראָכן זיין שטאָלצקייט און עוואן עטלעכע מאָל נאָכגעשריען. זי האָט זיך ניט אָפּגערופן.

באַלד איז ער האַסטיק אַרויס אַף דער גאַס. דער נאַסער אָפּגעשווינק־טער ברוק האָט זיך אַף טייל ערטער שוין געטריקנט.

א בלענדנדיקע פינצטערניש האָט זיך גערעדלט פאַר זיינע אויגן. ער האָט זיך דערשפּירט אַזוי שלאָבערדיק־גרינג, אַז אים האָט זיך געדוכט, ער וועט צעפליען און זיך אויסמישן מיט דער פינצטערניש.

— וויפיל שפּיצלעך האָט ער געהאַט היינט?

ניין, פּריוועס וועט זיך נישט לאָזן. זיין שאָטן האָט פרעמד אַזוי געשפּרונגען אַרום אים, זיך געדראַפּעט אין דער טונקלקייט. פּריוועס האָט אויפגעריסן דעם מאַנטל, דאָס פּרעסעניש אין האַרצן האָט נישט אויפגע־הערט. באַלד האָט אינעווייניק אין האַרצן עפּעס גענומען קאָכן מיט א ברי־ענדיקן פייער.

פּריוועס האָט אַלע קויכעס פאַרלוירן און ער האָט אינגאַנצן זיך געוויגט אין גאַנג ווי אַף שווינדל־טרעפּ. זיינע אויפגעריסענע צעשפּרייטע פינגער האָבן זיך געשטרעקט אָן עפּעס אָנצוכאַפּן...

אין ווילדערניש

עס איז געווען ווינטער, פארטאג. אין דער געביידע נומער פיר און צוואנציק, וואס אין „קאלומביע לאמבער קעמפ" זיינען נאך אלע וואלד־העקער געשלאפן. פון דער גאנצער לענג און ברייט מיט צעשטעלטע בעטלעך האט זיך געטראגן א שווער שנארכען, גלייך ווי מען וואלט געזעגט האלץ.

בלויז דער נארוועגיער קארלסטראם איז שוין לאנג געווען וואך. ער האט מיט זיינע שארפע קליינע אויגן געשפיזט די בלינדע פינסטערניש, באטראכט די אומרואיקע מידע גופים, וואס האבן זיך געטרייסלט אויף די הילצערנע בעטלעך. פון דרויסן האבן זיך שוין געהערט האסטיקע טריט אויפן סקריפנדיקן שניי, וואס האבן מיט זייער גיכן, אכזאריעסדיקן גאנג אויפגעריסן די ארומיקע וואלד־שטילקייט.

— זיי זיינען שוין אויף, די בלוט־הינט — האט ער א מורמל געטאן.

דאס האט קארלסטראם געמיינט די פארליט פון דער וואלד־קאמפאני. אט וועט מען באלד אויפוועקן דעם וואלד־העקער־אוילעם, אוועקפירן אין דער וואלד גערדיכטעניש אריין. גארנישט וועט זיך ענדערן פאר די שווייגנדיקע מענטשן. עס וועט ווייטער זיין ווי פריער, ווי אלע פינסטערע יאר, וואס פארגייען אין דעם עק. ניין,ער טאר נישט פארציען. עס איז ארויפגעלייגט געווארן אף אים א גרויסע אכראיעס. נאך היינט מוז ער ווייזן לאנדסראמ'ען און עקלענד'ען דעם דערהאלטענעם בריוו פון דעם שכיינעסדיקן קעמפ.

...טיף ארום אין די וועלדער שטייט מען שוין עטלעכע טעג אין סטרייק — לאזט די „יוניטי ליג" וויסן, און דא אין דעם גרעסטן קעמפ זאל מען זיך נישט קענען אפילע עפנטלעך צונויפרעדן...

זיין פיבערדיק טראכטן האט זיך אינמיטן איבערגעריסן. פון אנהויב גאס, וואס ביי דער געביידע נומער איינס האט זיך געהערט א דרילנדיק פייפן, וואס האט אויפגעהילכט דראענדיק דעם גאנצן קעמפ. די מענער האבן דערשראקן ארויסגעשטעקט די קעפ פון אונטער די קאלדרעס, געקוקט צעטומלט. זייערע בליקן האבן זיך ווי געפרעגט:

— שוין? שוין טאקע פארטאָג?

זייערע מידע לייבער זיינען צוריק, קרעכצנדיק אנידערגעפאלן, אדומ־געגומען דאָס ווארימע געלעגער און מיט כאַלאַשעסדיקער פאַרזונקענקייט ווייטער געזויגן דעם זיסן שלאָף.

באַלד האָבן זיך די טריבע לעמפּלעך אָנגעצונדן אויפן באַלקן. די טיר האָט זיך ברייט אויפגעפּראַלט. א ווינטיקע קעלט האָט ווי א שאַרף מעסער א פאָכע געטאָן איבער די קעפּ.

— האַרי־אַפּ, באָים!

און נאָכדעם:

— קאָם אָן, יו לעיזי באַגערס! — האָט א באַוואַקסן בעריש פּאָנים אריינגעדונערט דורכן טיר.

פון דער אויבערשטער טייל בעטלעך ־ געדיכטעניש האָט עמיצער צוריקגעוואָרפן:

— שאָט יור טרעפּ, יו דוידטי בלאַדי סאַקער!

דאָס באַוואַקסענע פאַרמאַנישע פּאָנים האָט רעציכעדיק א ציטער געטאָן, געמאַכט א טריט נעענטער אריין, געשטאַנען א ווײַלע — זיך מיסטאָמע דערמאָנט, אז דער אוילעם אין דער פינפאונצוואַנציקסטער געביידע נעמט שוין ווידערשפּעניקן, אז מ׳קען אים דאָ צערייסן ווי א הערינג. ער האָט א ברישן מרוטש געטאָן און איז ארויס. נאָכדעם האָט זיך געהערט א פייפעריי. טייל וואַלד־העקער האָבן פון געוואוינהייט זיך גענומען שנעל אָנטאָן. געשאָלטן שטילערהייט מיט אַלערליי ווילסטע קלאָלעס. אַנדערע זיינען געבליבן זיצן מיט אראָפּגעלאָזטע פיס אויפן דיל, זיך געקראַצט די צעשויבערטע האָר.

און אינדרויסן, פון אנדערע געביידעס האָט זיך שוין געהערט א געלויפעריי פון די וואַלד־העקער צו דער קיך־געביידע. אויך פון דאַנען, פון דער פיראונצוואַנציקסטער געביידע האָבן שוין פיל גענומען ארויסגיין.

דער נאָרוועגיער קאַרלסטראָם האָט זיך אָנגעטאָן פּעמעלעך, געביטן טרוקענע וועש פון זיין וואַליזע ארויס. ער האָט וואונקענדיק פאַרהאַלטן לאַנדסטראָמען וועלכער איז געשטאַנען ביים גרויסן אויוון און אויסגעקלאַפּט זיין ליולקע.

א ווײַלע שפּעטער איז די גאַנצע געביידע געבליבן לער — א פּוסטע פאַרדומפּענע לערקייט פון שוויסיקע בעטלעך און ברודיקן דיל. בלויז לאַנדסטראָם און קאַרלסטראָם האָבן זיך פאַרטרוילעך געקוקט אין די פּענימער אריין — פּענימער לאַנגע, קנאָכיקע מיט קליינע שמייכלענדיקע אויגן.

— בלויז איין שטורמיש וואָרט און מיר האָבן א סטרייק.

— מיר מוזן האָבן הילף פון דרויסן. די מענטשן זיינען באַשראָקן — האָט לאַנדסטראָם זיך געאַקשנט אַזוי ווי ביים נעכטיקן, אָוונט־געשמועס. אפילע עקלענד דער נידעריקער שוועד, וועלכער איז געשטאַנען ווי אַ שוימער ביים טיר, אויך ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך פּוצנדיק די שמוציקע הארטע הויזן. ער האָט אויך געהאַלטן מיט לאַנדסטראָם׳ען.

פון א נאָענט קליין פענסטערל, וואָס אַנטקעגן דעם אויוון האָט זיך אויפגעהויבן א פּאָנים פארשטעלט מיט די הענט. בלויז אויגן האָבן א מעסט געגעבן די דריי געבליבענע וואלד־העקער.

— מע שפּירט נאָך — האָט עקלענד געזאָגט און זיך ארויסגעלאָזט אינדרויסן.

דער לעצטער איז ארויסגעגאַנגען קארלסטראָם, דער איידעלער קארל־סטראָם מיט דעם בלאָסן, טאָמיד שמייכלענדיקן פּאָנים.

די גאַס — א לאַנגע און א ברייטע. הינטער די הילצערנע געביידעס זיינען געשטאַנען מעכטיק מעשופּעדיקע וואלד־בערג: טייל פארשנייטע, אנ־דערע — אָפּגעקראַכענע, פּליכיקע. דאָ און דאָרט האָבן ארויסגעסטאַרטשעט ברייטע פּיענעס — א זייכער פון פארשניטענע ביימער. דאָרט, ביים סאָף גאַס נאָך דעם ביורע־הויז מיט גרויסע שיינע פענסטער איז געשטאַנען נאָך א גוט־באַפּעסטיקט הייזל. פון פאָרנט א ווערענדע מיט ווייסע פאָרהענגלעך אויף די פענסטער.

קארלסטראָם האָט דעם גאַנצן וועג באַטראַכט די לעצטע צוויי הייזער.

דאָס ערשטע, ס׳ביורע־הויז: פון דאָרטן גייען ארויס אַלע גזירעס. זיי האָבן פארשלאָסן די וועגן מיט מעשאָרסים און פּאָליציי — פרעמדע אגי־טאַטאָרן זאָלן נישט אריינקומען. דער גאַנצער שאָסעי, וואָס שניידט זיך צווישן וואלד איז צעשטעלט מיט זייערע הייזלעך און וואך־פּאָסטנס. ווייטער, מיט באַן־שטרעקע, אָדער דורך די וואלדיקע זומפּן איז סאַקאָנעסדיק צו גיין אינמיטן ווינטער.

פארוואָס זשע קען ער זיי, לאַנדסטראָם׳ען און עקלענד׳ן נישט אי־בערעדן, אז דאָ אַליין דארפן די מענטשן ארויסטרעטן, זיי דריי דארפן דעם בלאָטער אויפשטעכן — אויב נישט, זיינען מיר פּאַכדאָנים. זיי ציטערן פאר דער אייגענער פעל, די יונגען. בלייבט אים איבער, אז ער זאָל אַליין אָנפאַנ־גען: איינרוימען יעדן ארבעטער וועגן די ארומיקע סטרייקס אין די קעמפּס אזוי ארום וועט זיך אָנפאַנגען א ווידערשפּעניקייט און א דורשט נאָכצוטאָן...

דאָס צווייטע הויז מיט די פאָרהענגלעך: דאָרטן ליגט מען אף ווייסע ווארעמע געלעגערס ביז שפּעט בייטאָג. דאָס איינציקע הויז מיט אויסגעכאָ־

ליעטע ווייבער און קינדער אין דעם קעמפ. דאָס דאָזיקע הויז דערמאָנט טאָ־מיד מיט בענקשאַפטלעכן ווייטיק פון ריינעם היים־לעבן וואָס די אַלע הונ־דערטער מענער האָבן נישט...

באַלד דערמאָנט זיך קאַרלסטראָם ווי שטאַרק אָפּגעזונדערט די צוויי הייזער האַלטן זיך, קוקן אויף די וואַלד־העקער ווי אויף ווילדע פּאַרזענישן. און א סינעדיקער שווידער מאַכט ציטערן זיין מאָגער פיבערדיק לייב.

פון צווישן די וואַלד־בערג הערט זיך שוין א געקלינגעריי פון א האַמעטנעם שווערן באַן־גלאָק. פון דער קיך־געביידע לויפן שוין איינצעלנע וואַלד־העקער ארויס אָנגעטאָענע, מיט פּעקלעך עסנווארג. זיי פאַרשווינדן גיך הינטער די געביידעס צו דער וואַלד־באַן סטאַנציע.

קאַרלסטראָם נעמט זיך איילנדיק לויפן. פון דער קיך־געביידע זעצט ארויס אַן איבלדיקער געשטאַנק פון שלעכטע מאַכאָלים. אָבער ער טרעפט שוין נישט קיינעם. דאָס מיינט, אז ער, קאַרלסטראָם האָט זיך היינט צופיל פאַרטראַכט. איבערבלייבן דאָ מיינט זיך אליין אויסגעבן מיט זיין טעטיקייט. ער נעמט אומגעגעסן לויפן צום באַן.

דער וועג צום באַן: א שמאָלער, צווישן־ביימערדיקער קרומער וועג. די ביימער רירן אָן דעם הימל. זיי שטייען איבער די קנעכלעך אין שניי. די באַן מיט די ווינטערדיקע אָנפּענסטערדיקע וואַגאָנעס שטייט נאָך אַליין אויף דער נישט־ווייטער סטאַנציע. זי סאַפּעט: — סי. פּי. סיפּ, סיפּ, סיפּ, און פאַרפאַרעוועט מיט רויך די ביימער.

ווען קאַרלסטראָם קומט צו, גייט די באַן דעם ערשטן ריר. זי גייט פּאַ־מעלעך. פון לעצטן הינטערשטן ליטווישן וואַגאָן האָבן ארויסגעקוקט די פּאָר־מאַנישע קעפּ — באַקאַנטע קלאָווים. זיי שרייען צו אים ארויס:

— סעי סלאַפּי, שפּרינג אריין צו אונז.

קאַרלסטראָם וויל עס בעאיין אויפן ניט. ער וויל בעסער זיין צווישן די ארבעטער. דערצו וועט מען אים שפּעטער זען ארויסגיין פון זיי, וועט מען שוין זאָגן, אז ער האָט כאַווערשאַפט מיט דעם אָפּיס און שפּילט א טאָפּלטע ראָליע. באַזונדערס, דאָס היינט־אינדערפּריאיקע נאָכשפּירן... און ער טראָגט בריוו מיט זיך, קאַרלסטראָם.

עס קען אָבער אויך זיין, אז די פּאָרלייט ווילן זיך אונטערשמייכלען צו אים, צוליב די ארומיקע סטרייקס, און אז זיי מיינען אים נישט צו טשעפּען.

קאַרלסטראָם שפּרינגט ארויף אויפן טרעפּל. ביי דער אריינגאַנג־טיר רינ־גלען אים ארום דריי גרויסע וועלפּישע הינט. זיי באַשמעקן אים די פיס מיט שנאָרכנדיקע נאָז־לעכער, קריכן שטילע ארויף אויף דער ברוסט, אַקסלען, דראַפּען זיך מיט די שאַרפע נעגל.

קאַרלסטראָם איז נישט קיין באַשראַקענער, זיי טוען אים גאָרנישט, שווייגט ער אויך. נאָר פון אינעווייניק זעט ער שוין דעם פאָרמאַן סמיט'ס אויגן. גרינע אויגן הינטער געדיכטע ברעמען. ער האַלט אַ ביקס צווישן די קניען, אויב קאַרלסטראָם מאַכט נישט קיין טאָעס, איז דאָס די זעלבע נאָכשפּיר אויגן פון היינט פאַרטאָג.

— זעץ זיך. דיין נאָמען איז...

— קאַרלסטראָם.

— יאָ, קאַרלסטראָם, אַ נאָרוועגיער, כ'ווייס... — זאָגט ער פרידלעך. אָבער די אויגן האַלט ער שוין צוזאַמענגעקניטשט. עס קוקן אַרויס שפּעלטלעך פון אַ נישט־גוטן. קאַרלסטראָמען געפעלט נישט די פרידלעכקייט. עס איז אַ פוקסישע פרידלעכקייט, וואָס וועט באַלד ווייזן כאַיעשע ציינער.

די באַן וויגט זיך. שלייפט מיט אַ גרילצעריי די פאַרשנייטע רעלסן ווייט אין דער וואַלד־געדיכטעניש אַריין. די אַנדערע דריי פאַרלייט שטייען מיט די פּלייצעס אויסגעדרייט, קוקן נאָך אַלע אַרויס פון די אָפענע פענסטער.

איבערן וואַלד שפּרייט זיך אויס אַ נעפּל, וואָס ווייטער ווערט דער נעפּל געדיכטער. עס באַפאַלט קאַרלסטראָמען אַ מאָדנע אימע. אים דוכט זיך, ווי ער וואָלט געווען געפאַנגען. ער מאַכט אַ פּרוּוו זיך אויפצושטעלן קעדיי זיך איבערצייגן אין זיין אייגענער נאַרישקייט.

— וואו גייסטו, הויבט סמיט אויף די גאַמבע מיט אַן אומהיימלעך געלעכטערל.

סמיט שפּרינגט צו דער טיר מיט דער טאָפּעלטער יעגער־ביקס צו קאַרלסטראָמ'ס ברוסט. אַלע דריי הינט דראַפּען זיך פון הינטן מיט אַ שטומען געוואַי.

— וואָס מאַכט איר פאַר אַ דזשאָוק מיסטער כמיט. לאָזט מיך צו מייניקע, — מאַכט קאַרלסטראָם צונישט די אַלע מאָיסים.

— מיר וועלן אייך אין בלוט דערטרינקען, רויטע בעסטיעס! — און דערנאָך:

— אין אונזער קעמפּ בין איך דער באָס.

סמיט האָט אַ וואונק געטאָן צו די אַנדערע גלייכגילטיקע אויסגעדריי־טע פאַרלייט. עפּעס שטיל אַ זאָג געטאָן, אָפּגעשטופּט די וואָיענדיקע הינט, צוזאַמענגעדריקט קאַרלסטראָמען און פאַרקראָכן אין זיינע קעשענעס.

— איר האָט נישט קיין רעכט, איר וועט טייער באַצאָלן — האָט קאַרלסטראָם געשריגן. אַ שווערע האַנט האָט אויפגעפּלאַמט איבער זיין פּאָנים,

זוי מיט אַן אָנגעגליטן אײַזן. ער האָט אַ פּאָל געטאָן צום ווענטל. אין צעמישעניש האָט קאַרלסטראָם נאָך אַלץ געהאַלטן די הענט ביים ברוסטקאַסטן. שווערע הענט האָבן געריסן שטיקער פון זיינע קליידער.

נאָכדעם האָט סמיט, מיט דעם בריוו פון שכיינעסדיקן קעמפּ אין האַנט, שטשירנדיק מיט די ציין, ניצאָכנדיק הילכיק געלאַכט, אַריינגעשריגן אין קאַרלסטראָמס אויערן — נישט אין אונזער קעמפּ, רויטע בעסטיע!

די דריי הינט זיינען געלאָפן איבער קאַרלסטראָמען צעהולעטע. עס איז זיי געווען מאָדנע פריילעך. זיי האָבן גענומען רעציכעדיק וואָיען, גרייט צו צעדייסן אַף שטיקער.

קאַרלסטראָם האָט זיך אונטערגעהויבן: — לאָזט מיך!

— נו גיי, האָט סמיט אַ ברום געטאָן און מיט די פּיס אים געבוכטשעט איבערן קאָפּ. קאַרלסטראָם האָט זיך געראַנגלט, געביסן מיט ציין סמיט'ס פּיס, געשריגן מיט צעפּייניקטע געשרייען.

— וואַרפט אים אַרויס. דיין געביין זאָל דאָ מער נישט זיין, הערסט! האָט סמיט מיט אַ וואָרנענדיקן פינגער אים געשטאָכן איבערן פּאָנים. די אַנדערע דריי, גלייכגילטיקע, האָבן פאַרבראָכן קאַרלסטראָמען הענט און פיס, אויפגעפּראַלט די טיר, און, גלייכגילטיק צום נעפּל און טאָליקן זומפּ, האָבן זיי אים ווי אַ פּעקל אַ שליידער אַרויסגעגעבן. בלויז די הינט האָבן עפּעס כאַראָטעדיק, נישט גלייכגילטיק וויינענדיק, געוואָיעט אין דעם ווייטער לויפנדיקן צוג.

* * *

פאַרנאַכט האָט די פאַרוואָלקנטע וואַלד־ענגעניש זיך אויפגעשפּאַרט. די לופט אַרום איז לויזער געוואָרן. פון די באַוועגלעכע שאָטנס אַרום דיביימער האָבן זיך אויסגעשיילט אַלט־באַקאַנטע פּענימער פון וואַלד־העקער.

איבער די ביימער־שפּיצן האָט אַ שאַרלעכע שקיע אויפגעליכטיקט.

פון איין זייט זיינען צווישן ברייטע פּיעניעס געלעגן אויסגעצויגן אויף ווייטע שטרעקעס ריזיקע פאַרשניטענע ביימער. די וואַלד - העקער איינגעהאָרבטע, רייטנדיקע האָבן אָפּגעטעסעט די צעזאַמענגעבראָכענע צווייגן.

פון דער אַנדערער זייט, זיינען ווי אַ הויכע, צום־הימל־גרייכנדיקע וואַנט, געשטאַנען רואיקע ביימער, און גלייכגילטיקע צוגעזען ווי די ערשטע רייען ווערן געטרעסעט.

שאַרפע זעגן, העק און גליטיקעס האָבן זיך אַריינגעביסן אין די ביימערישע קנאָכנס. לאַנגע שטריק האָבן געקערעוועט זייער איינשורעדיקן אומפאַל. דאָ און דאָרט האָבן ביימער געקרעכצט, זיך געאַקשנט מיט זייער פאַרוואַקסענער גוואַורע. הוק און האַק — די וואַלד־העקער האָבן גיוועער גע־

וועו. ריזן, שטייענדיקע אָדלערס האָבן מיט אונטערגעהאַקטע פּיס באַלאַשעסדיק זיך געוואָרפן אויף דער שנייאיקער ערד, און מיט פארבראָכענע צוויינן ווי פליגל אויסגעהויכט זייער ביימערדיק לעבן.

דער נידריקער שוועד עקלענד מיט נאָך צוויי אוקראַינער, ניק און אַנדרוש, האָבן באַארבעט א ריזיקן אַלטן בוים. עקלענד האָט זייער געוואָלט, אַז מען זאָל שוין וואָס שנעלער פאַרענדיקן די אַרבעט, קעדיי רואיק צו קענען באַטראַכטן דאָס נעלעם ווערן פון זייער כאַוועער קאַרלסטראָם...

ער זעט פאַר זיך נישט די העק, וואָס שווינדלען פאַר זיינע אויגן. ער זעט די גאַנצע צייט דעם אָפּגעצערטן, איינגעאַקשנטן קאַרלסטראָם. ניין, נאָך אַזאַ יונג איז דאָ נישט צו געפינען. אין סאַמע מיטן ווינטער האָט ער זיך דאָס מעסירעס-נעפעשדיק א לאָז געטאָן צו די אַנדערע סטרייקנדיקע קעמפּס. ער וועט שוין זיכער דאָ נישט איבערלאָזן זיינע ברידער. זיין האַרץ ווערט איבערפולט מיט אַזויפיל האָפנונג, אַז אינמיטן פאַרקלינגעוועון די גליטיקעם גיט ער א בורטשע אויס:

— דאָנט וואָרי, באָיעס. ס'עט נאָך גוט זיין, סאָם דעי...

ניק ווישט אָפּ דעם שוויים פון שטערן, גיט זיך א שיבער:

— אַי דאָנט טינקסאָ.

אַנדרוש איז אביסעלע א וועלטלעכער. ער פאַרשטייט, אַז עקלענד זאָגט עפּעס, איז דאָס נישט סטאַם ריידעניש. דערצו זעט ער דאָס אָפענע שמייכלענדיקע פּאָנים פון דעם שוועד.

— כיבאַ, מעיבי...

אַנדרוש נעמט שוין נאָכדעם פאַרפעסטיקן די שטריק. ניק נאָך אים. בלויז עקלענד קען ניט אַרונטערנעמען די אויגן פון אָט-דער שווער-אַרבעטנ-דיקער מאַכנע אַרבעטער, וואָס סאַפּען שוין ווי לונגען-קראַנקע, שלינגען דעם שוויים מיט די מיילער — האָבן נישט קיין צייט זיך אָפּצואווישן.

באַלד דערשפּירט ער אָף זיך אַפּאָר אויגן, עקלענד. זיי קומען פון גאָר נישט ווייט.

אויף א ברייטן פניאַק זיצט ער זיך, דער פאָרמאַן סמיט מיט די כאַ-לאָפּימדיקע אויגן. ער בורטשעט דאָרטן אַן אומצופרידענער. ער קוקט קע-סיידער, דאָ אויף די מענטשן, דאָ גאָר מאַכט ער זיך מיטן האַנט א דעבעלע איבער די ברעמען, און קוקט צום הימל אַרויף.

— וואָס זוכט ער דאָרט, דער טייוול?

אַזש די דריי הינט שפּרינגען צעטומלטע, כאַרכלען מיט די כאַיעשע העלדזער. זיי פאַרשטייען שוין גאָרנישט די מאַיסים פון זייער האַר. יעדע פּאָר

מינוט קומען צו אנדערע פּאַרליט, שטייען פאַר אים האַכנאַעדיק, פּילפּלען זיך, ווייזן עפּעס, שוואַרץ־אויף־ווייס, אויף צעקנייטשטע שטיקלעך פּאַפּיר.

פון דעם אַלעמען ווערן זיינע ברעמען אַלץ שפּיזעדיקער אויף די אַר־בעטנדיקע מענטשן.

— א סוינע אויף ס׳לעבן איז ער אונז, דער דאָזיקער וואָלף.

ער אַרבעט שוין איצט ווידער פלינק, דער שוועד עקלענד. ער פאַר־קלינציוועט טיף אין בוים די גליטיקעס. דער בוים קרעכצט שוין צוביסלעך. נאָכדעם הוק און האַק — עס פליען שטיקער שפּענער. ער האָט גאַרנישט גע־וואוסט, אז דער ראָשע האָט זיך דאָ אוועקגעזעצט, ווי אַף לעהאַכעס גלאָצן אויף אים. וואָרים בעאיים אין נעפּל איז ער דאָ ווי א רועך געפלויגן פון איין מענטש צום אַנדערן זען צי מע נאַרט אים נישט אָפּ, דעם פאָרמאַן סמיט.

עס ווערט אים מיטאַמאָל קלאָר פאַרוואָס דער פאָרמאַן קוקט קעסיי־דער צום הימל. פאַר אים, איז מיסטאַמע ערשט טאָג געוואָרן. באַלד וועט ער הייסן אַרבעטן נאָך א פּאָר שאָ, מאַכמעס היינט האָט מען צוליבן נעפּל צו וויניק „ביימלעך״ אוועקגעלייגט.

דאָסמאָל דאַרף מען נישט דערלאָזן. ער וועט זיך איינשטעלן, ער זאָל וויסן דעם ערגסטן פּסאַק צו האָבן. ער, דער עדשטער וועט ניט וועלן אַרבעטן. אז קאַרלסטראָם איז נישטאָ, דאַרף ער אָנפירן מיט די מענטשן.

דאָס האַרץ קלאַפּט אים. ער איז אינגאַנצן אויפגעברויזט געוואָרן מיט צופלייצנדיקע שטראָמען קויכעס.

עקלענד איז וואך מיט אַלע איווורים, וואָרים ער שפּירט וואָס עס גייט זיך אָנפאַנגען. פון נישט ווייט הערט זיך שוין א געברומעריי. דאָס וויל ער, דער פאָרמאַן סמיט אז די מענטשן זאָלן אַרבעטן שווערער, דערשרעקנדיקער.

— אויף ציינווייטיק, אויף בויכווייטיק, שרייט ער — זאָגט עקלענד צו די איבערגעשראָקענע אוקראַינער. זיי באַרואיקן זיך, ווייזן געזונטע שמייכ־לענדיקע ציינער.

— בלאַדי העל, יו׳ר פולינג מי — הערט זיך דאָס דערנענטערנדיקע קאָל פון דעם פאָרמאַן סמיט.

איצט האָט זיך ניק און אַנדרוש אַזוי דערשראָקן, אז זיי האָבן אָפּגע־לאָזט די שטריק. דער בוים האָט זיך געגעבן א בויג אויף צוריק, א קלעם געטאָן ווי מיט א פייערדיקער צוואַנג עקלענד׳ס האַנט.

דער בוים האָט זיך שוין נאָכדעם א וואַקל געטאָן ווי א שיקער. אַלע מענטשן זיינען זיך פון דער נאָענט צעלאָפן ווי די מייז. בלויז ניק און אַנדרוש האָבן זיך צעטומלטע פאַרפּלאָנטערט, געוואָלט קריק דערכאַפּן. דער בוים האָט

א קראַך געטאָן און מיט די צווייגן פון סאַמע שפּיץ, נאָך באַוויזן צו פאַרקלע־
מען די צוויי אַנטלויפנדיקע אוקראַינער און זיי צוגעדרושעט צו דער ערד...

* * *

אויפן בערגל נישטווייט פון דעם נידעריקן סאַניטאַר־ביידל זיינען געשטאַנען גרופּעס וואַלדהעקער מיט פינצטערע צעשראָקענע פּנימער.

זיי האָבן שטומשווייגנדיק געגאַפט אויף די אָפּגעבליאַקעוועטע ברוינע ווענטלעך, מיט דעם פאַרזשאַווערטן קוימענדל, וואָס מיט אַ קאַפּצאָנישן געשטאַנק פאַרקאָפּטשעט דאָס מעשופּעדיקע דעכל.

פון הינטער די הילצערנע ווענטלעך האָט זיך אָנאויפהער געוואָרגן אַ צוגעדרושעט קרעכצן, וואָס יעדע ווײַלע האָט עס זיך אויפגעריסן מיט אַ געיאָמער.

די מער דרייסטע וואַלדהעקער האָבן זיך אַפילע פאַרגינען צו פאַרקריכן הינטערן ביידל, זיך ארויפגעדראַפּעט צום פאַריסטן שייבל.

אינעווייניק אויפן פּיטשנאַסן דיל זיינען שוין געלעגן ניק און אַנדרוש פאַרבונדענע. די קעפּ אַרומגעוויקלט מיט פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן. זיי האָבן זיך יעסורעמדיק געקוליעט פון וואַנט צו וואַנט.

צוויי פון די געהילף שרייבערלעך אין געלע סוועטערס האָבן זיך מיט מעפּוניקדיקע פּנימער אַרומגעפּאַרעט, אומגעלומפּערט פאַרבונדן דעם שווער עקלענד די האַנט.

עקלענד האָט געהאַלטן פאַרביסן די ליפּן. אויפן געקאַרבטן רויטן שטערן האָבן אים אַרויסגעזעצט אַנגסטלעכע שווייסטראָפּנס, אַראָפּגערונען ווי אויף אַ צעפּאַרעטן קעסל. עקלענד האָט אַלצאוניינעם אַריבערגעקוקט צו די צוויי פאַרוואונדעטע אוקראַינער, נישט געזען, וואָס די צוויי געהילפן טוען אים. ער האָט בלויז געהאַט אַ געפיל, אַז זיי בינדן אים. אויף לעהאַכעס בינדן זיי אים. אַ גוטע געלעגנהייט — אַ נאַרישע פאַרשטשעמעטע האַנט. ער מוז זיי אויפקלערן, אָבער וואָס פאַר אַ ציל האָט עס: גרויסהאַלטערס זיינען זיי דאָך, מיינען, אַז די קאָמפּאַני וועט זיי געבן אַ ביילעק יערושע...

— פרישטשעקלעך וועט מען אייך געבן, גרעסערע ווי אויף אייערע שטערנס.

— גליידך שטיי, כ׳בין דיין באַצאָלטער „דאָק״? — האָט דער געהילף געגומען שרייען און די פרישטשעקלעך האָבן גענומען בליען אויף זיין רויט זאָכעריש פּאָנים. דער אַנדערער האָט זיך שטאַרק געוואַשן די פינגער, אָפּגעבוויזיקט:

— דעם פאָרעינערס, וואָס „באָדערסט״ זיך אַזוי לאַנג מיט זיי?

עקלענד האָט אַרויסגעדריסן די האַנט, זיך באַפרייט פון דעם פּאַק שמאַטעס, צוגעלאָפן צו די צוויי אוקראַינער, אַנידערגעקניעט לעבן זיי, גע־רעדט צערטלעכע רייד: — צוויי וואָכן האָספּיטאַל, נישט מער.

די צוויי אוקראַינער האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט פון זייער יעסורעמדי־קער צעמישעניש, זיך געטוליעט מיט אויפגעשוואָלענע צעבראָכענע אייוורים און קינדיש געוויינט.

די דרויסנדיקע אַריינקוקערס איז עס אויך פאַרגאַנגען אונטערן האַר־צן. קיינער האָט נישט געהאַט קיין ווערטער אויסצורעדן. מען האָט זיך בלויז געשטופּט צום פענצטערל — פינער, שוועדן און רוסן. בלויז עמיץ האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס די בלאַדי העל! דאָ איז אַ שאָו?

דער גאַנצער אוילעם איז זיך צעפאַלן ווי אַ נישט שטאַרק פאַררייבטער פּאַס....

דער פאָרמאַן סמיט איז אָנגעקומען פון צווישן די ביימער — אַ פּאַרסאָפּעטער מיט צעשפּיזטע ברעמען, מיט דער יעגער־ביקס אויפן פּלייצע, ווי אַ וואַלד־גאַזלען.

ער איז גלייך אַריין אינעווייניק, אין דעם סאַניטאַר־ביידל, זיך אָנגע־ריבן די שטיוול. די צוויי יונגע געהילפן האָבן באַקומען זייער ערנסטע געשעפטלעכע פּענימער.

דער פאָרמאַן סמיט האָט זיך נישט געמאַכט זען די ליגנדיקע. עס האָט אין אים געקאָכט אַ פייער: צעריסן וואָלט ער זיי, די דאָזיקע אומגעלומפּערטע באַנדע. מען האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ טאָג. איצט גייט מען אים פאַרוואַנדלען דעם קעמפּ אין אַ שפּיטאָל.

— זיי האָבן צעבראָכענע ריפּן און צע....

—דאָנט באָדער מי. איך דאַרף נישט וויסן — האָט ער געזאָגט צו די געהילפן.

און דערנאָך:

—זייער זאַך.

ער האָט גענומען צוריק אַרויסגיין. אויך די צוויי צאַרבאַלעכאַימדיקע געהילפן האָט ער פיינט. זיי וויסן נישט אַז זיין אָנזען, דעם פאָרמאַן סמיט'ס אָנזען, ווערט פאַרשוואַרצט אין דער קאָמפּאַני. מע מאַכט אומגליקן. די אַר־בעט שטייט טויט ווי מאַציוועס אויף קוואָרים. מען פּראַוועט קונצן ווי „רע־געלע" שפּיטאָל־שוועסטער.

ביי דער שוועל האָט אים עקלענד פאַרהאַלטן. מיט זיין גאַנצן, נידע־ריקן קערפּער האָט ער זיך א שטעל געטאָן אַנטקעגן אים.

— מע דאַרף זיי וואָס גיכער פירן אין שטאַט־שפּיטאָל.

סמיט האָט געמאַכט א פאַרוואונדערנדיקע גרימאַסע, געעפנט א גאַנ־לאַניש אייגל. ער האָט געמוזט דעם „כוצפּעניק" גוט אָנקוקן, וואָרים אַזעלכע דיבורים האָט דאָ סמיט קיינמאָל נישט געהערט.

— אז נישט וועסטו נישט וועלן אַרבעטן באַ מיר? — דאָס איז געווען א לעצאָנעסל. נאָכדעם זיינען געקומען די גאַר הויכע טענער, אַזעלכע, פּאַמע־לעכדיקע: — ליסן יו, האַסקי גאַי, געט אוט! — אוט! — געט... א כאַרכלעניש האָט אים געוואָרפן ווי א צערייצטע כאַיע וואָס אָט, אָט, צערייסט זי עמעצן אויף שטיקער.

עקלענד האָט זיך מיט א שמייכעלע אָפּגערוקט, אַרויסגעגאַנגען פון ביידל, זיך אַראָפּגעלאָזט פון בערגל צו דער אויסגעטראָטענער סטעזשקע. דער גאַנצער אוילעם האָט אים נאָכגעקוקט. עקלענד איז געגאַנגען טריט ביי טריט, דאַרט א הין, צו די אומגעפאַלענע ביימער, פון וואַנען עס האָבן זיך געצויגן שליאַדעס אָפּגערונען בלוט. — גלייך ער וואָלט געזאָגט:

— ס'זעט? אונזער בלוט. עס וועט נישט שווייגן.

סמיט, דער פאָרמאַן איז שוין געשטאַנען אין דרויסן, געקוקט אויף דעם צערודערטן אוילעם. עס האָט אים זייער שטאַרק געקרענקט, האָט ער ווייטער געשריגן.

— דישוואַשערס, סטאָווהייצערס, צו דעם טויגט איר! אַלע וועט איר גיין פונדאַנעט.

קיינער האָט דאָס מאָל נישט געזאָגט ווי א סאַך מאָל די אונטערלע־קערס פלעגן זאָגן:

— „וואָס זיינען מיר שולדיק? מר. סמיט?"

ניין, קיינער האָט אים נישט איבערגעבעטן. אַלע האָבן געהאַלטן אויפגעהויבן די קעפּ אָן פּאַכעד. דערפאַר האָט סמיט, דער פאָרמאַן, פאַרלוירן זיין שרייעריש קאָל, געשטאַנען א ווילע צעטומלט, געקוקט מיט אומצוטרוי הין און הער.

דעמאָלט איז זיך לאַנדסטראָם מיט דער פּיפּקע אין מויל, פּאַמעלעך אַרויפגעגאַנגען צום סאַניטאַר־ביידל, אַריסאויפגעגעבן די טיר. איין געהילף מיט א פאַריסן בולדאָגיש נעזל האָט זיך מאַיסע באַלעבאָס געפרעגט:

— וואו גייסטו?

ער איז אַריין אינעווייניק. סמיט איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן,

ווען ער האָט געזען ווי נאָך א גאַנצע גרופּע לאָזט זיך אַרויפגיין צום ביידל. נאָכדעם האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אָ, יור ע גאָ־אַ־דעם באַנטש!

און ער איז אַוועקגעגאַנגען א צערודערטער צום באַן, ווייט אַראָפּ דעם שמאָלן וועג.

... געמיינט דער נאָרוועגער איז א מענטש, אים באַהאַנדלט בעסער פון אַלע, פאַרבעטן אַמאָל אויף א גלעזל ביר, אויף א פּאָוקער־שפּיל, און דאָ נאַדיר, איינס מיט זיי, מיט די רויטע העצערס...

נאָכן פאָרמאַן סמיט׳ס אַוועקגיין האָבן אַלע, וואַלדהעקער פריער אָפּגעאָטעמט, ווי מע וואָלט זיי שווערע שטיינער פון האַרצן אַראָפּגענומען.

זיי האָבן זיך, די וואַלדהעקער, נאָך א ווײַלע פאַרבליפנדיקן שטיין, ראַפּטאָם א לאָז געטאָן צו די פאַרוואונדעטע — יעדער איינער גרייט מיט עפּעס צו העלפן. באַלד זיינען אויסגעוואַקסן רירעוודיקע יונגען פון אַלע זייטן. מען האָט געברענגט דרענגלעך, שטיקער געהילצן, און צונויפגעפּעס־טיקט טראָג־בעטלעך.

די וואַלדהעקער האָבן זיך נאָכדעם געלאָזן צום באַן. עס האָט זיך געצויגן א גאַנצע פּראָצעסיע, וואָס איז פון זיך אַליין געוואָרן צונויפגעקייטלט. וואַלדהעקער לעבן וואַלדהעקער. אַלע פּענימער געווענדט צו די צוויי טראָג־בעטלעך, וואָס מען האָט געפירט פאָראויס.

נאַכט איז אָנגעקומען, זיך געלייגט שווער, פינצטערדיק אויף די גע־מיטער. זיי זיינען געגאַנגען באַרג אַראָפּ. אן אויסגעטראָטענער וועג האָט זיך געצויגן מיט אָנגעוואָרפענע געהילצן, וואָס ווייטער אַלץ אויסגעהאַקטער, ליי־דיקער האָט זיך געצויגן פאַרשנייטער שטעטך.

אויפן הימל, וואָס פון דער צווייטער זייט באַן־וואַגאָנען האָט זיך א צעוואַונדיקטע לעוואָנע אויפגעהויבן צווישן כמאַרעס ווי גראָע מעטאַלענע שאַרפן.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט שוין געזאָטן ווען די וואַלדהעקער זיינען צו־געקומען צום באַן. די ערשטע פענצטערדיקע וואַגאָנען זיינען געווען ליכטיק. פון הינטער די פאַרהענגלעך האָבן זיך געזען גיך באַוועגנדיקע שאָטנס.

די וואַלדהעקער האָבן זיך דערפילט מאָדנע צעטומלט לעבן די וואַ־גאָנען, וואָס זיינען דאָסמאָל דאָ געשטאַנען אָפּצופאָרן אן האַשגאָכע, גלייך זיי, די וואַלדהעקער, וואָלטן נישט געוואוסט צי געהערן זיי טאַקע דאָ אהער.

לאַנדסטראָם איז גיך צוגעגאַנגען צו די פאַדערשטע וואַגאָנען, זיך

אָפּגעשטעלט לעבן א פענצטערדיקן, פינצטערן וואַגאָן, וואָס איז טאָמיד אויס־געפּוצט, צוגעגרייט פאַר הויכגעשטעלטע געסט.

לאַנדסטראָם האָט א פּרואוו געטאָן די טיר. זי איז געווען פעסט צו־געשלאָסן. האָט ער זיך שטאַרקער צוגעבויגן צום ווענטל, גענומען דאָס הענ־טל פון טיר צווישן די הענט. די מוסקולן האָבן א קנאַק געטאָן און מיט זיי דער שלאָס.

— גלייך אריין אינעווייניק! — האָט ער באַפוילן די טרעגער.

—און איר, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אויף אייערע פּלעצער.

אלע וואַלדהעקער ווי אויסגעשולטע זיינען געשפּרונגען צו די לאַסט־וואַגאָנען. אויגנבליקלעך איז די באַן־סטאַנציע געבליבן ליידיק.

די פאַרבלוטיקטע לעוואָנע האָט זיך אויסגעגלייטערט, געוואָרן בלאַס דורכזיכטיק. א קוועקזילבערדיקע העלקייט האָט געציטערט, געשימערט אײַנ־דערלופטן.

די פאַרוואונדעטע האָט מען אוועקגעלייגט אויף די אויסגעבעטע ווייַ־כע שטולן. לעבן זיי — די דרייסטע, פאַרביסענע, בלאָנדע פינישע יונגען מיט עקלענד'ן.

די באַן האָט גענומען שווינדן צווישן ליכטיקע און פינצטערע שטרע־קעס. קאַלטע לעוואָנע־ליכט האָט אריינגעמיניעט אין וואַגאָן — באַוויזן האַלבע, בלייכע פּנימער, שטיקער וואַגאָן.

לאַנדסטראָם האָט זיך געשטעלט לעבן פענצטער ארויסקוקן. מיטאמאָל האָט אים די דאָזיקע ווילדערניש דערמאָנט די היימישע נאָרוועגישע פיאָרדן, וועלכע ער האָט א הונגעריקער פאַרלאָזן, זיך פאַרשריבן צו די קאָמפּאַניס, וואָס האָבן צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. אצינד איז אים קלאָר דער טאָמעדיקער אומרו וואָס האָט זיין געלערנטן לאַנדסמאַן קאַרלסטראָם ערגעצוואו איינעם אליין אוועקגעטראָגן. ער דערמאָנט זיך די שטענדיקע רייד וואָס האָבן געפּרעגט:

— וועלן די וואַלדהעקער אזוי אייביק זיצן אין דעם עק און בענקען נאָך די זומערדיקע אָפּרו־כאָדאָשים? אז דער אָפּרו וועט קומען וועט מען זיך מיט לידיקע קעשענעס אוועקלאָזן צום נאָענסטן שטעטל, ארומבלאָנקען אויס־געהונגערטע. ביי וועמען עס וועט סטייען א פּאָר זילבערנע מאַטבייעס וועט ער זיי פאַרשיקערן אין די ווינקל־שענקלעך. נאָכדעם זיך וואַלגערן אין די רינשטאָקן פון דעם סאַמיקן שפּירט. ווידער וועט הארבסט אָנקומען, און די דאָזיקע אָפּגעשליסענע פאַרמאַטערטע וואַלדהעקער־מאַכנעס וועלן ווידער זיך פאַר סענטן פאַרקויפן צו די קאָמפּאַניס. לאַסט־וועגענער וועלן ארומפאָרן, זיי

אויפקלייבן, ווי מע קלייבט פּאַרוואָרלאָזטע באַשעפעניש. אַזוי יאָר נאָך יאָר.

לאַנדסטראָם האָט געקריצט מיט די ציין, מיט די נעגל, ביז בלוט פּאַרקוועטשט די פויסטן. אומזיסט האָט ער געדענקט, אַז זיין כאַוועד קאַרל־סטראָם איז צו איילנדיק, צו אויפגעברויזט....

אינדרויסן האָבן זיך געצויגן שיטערע וואַלד־שטרעקעס מיט וואַסער אויסגוסן, אינזלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גרויסע טשערעפּאַכעס אויף אַ צעפלאָסענעם זילבער־טייך.

מאָרגנס. ביז נישטלאַנג האָט לאַנדסטראָם נישט פאַרטראָגן דעם שוועד עקלענד. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דאָס איז פּלאַפּלערייען, וואָס דער דאָרפישער קלויסטערישער שאַמעס־יונג, דער שוועד עקלענד פּאַרעדט אים מיט הויכע מעליצעדיקע ווערטער, קעדיי לאַנדסטראָם זאָל פּאַר אים דערעכערעץ האָבן. אפילע פון קאַרלסטראָמען האָט ער געפּלעגט אינדערשטיל דערעכע־רעצדיק אָפּכוויזיקן, אַלעמאָל אָפּקומען מיט אַ לייכטן קלאַפּ אין פּלייצע:

— „פּאַר די בלאָנדע פינער מיט די שווייגישע ווייסרוסן לוינט אים נישט די הענט איינצוטונקען".

עפּעס ציט זיך דער צוג לענגער ווי געוויינלעך. ער שטעקט אַרויס בעסער דעם קאָפּ אינדרויסן. דער געגנט — אים שוין באַקאַנט. שוין נישט ווייט פון קעמפּ. פּלאַכקייטן, ווייטע און ברייטע געקרומטע פּלאַכן. די לעוואָ־נע קוקט אַראָפּ טאַמעוואַטע, באַקוקט יעדעס שטיקל ערד. עס זעט זיך אפילע ווי הויך, גאָר הויך עס ליגן די באַן־רעלסן ווי אַ לאַנגער שמאָלער בריק צוויי־שן זומפּן. פּאַרזשאַווערטע בלעטער־זומפּן. פּאַרפוילטע פּניאַקעס.

— דוכט זיך אַ מענטש אין זומפּ — שרייט אויס לאַנדסטראָם.

עקלענד גיט זיך אַ וואָרף צום פענצטער. צוויי גרויליקע פּענימער קור־קן זיך אָן.ביידע שפּרינגען צום באַן אָפּשטעלער. דער צוג גיט זיך ווי אַ דערשרעק אינמיטן לויפן, ווי ער וואָלט זיך צוגעהאָרכט וואָס דאָ קומט פּאָר. דער לאָקאָמאָטיוו הויבט אָן גיין פּאַמעלעכער, ווי שוואַרצע איינגעשפּאַנטע גרויסע פייגל אויף הויכע דאַרע פיס, באַוועגט ער זיך.

לאַנדסטראָם, עקלענד און אַנדערע קריכן אַראָפּ פון דער מעשופּע. זיי זעען:

פון באַלויכטענעם וואַגאָן שטעקן אַרויס די פּאָרלייט זייערע ביקסן־רערן. לאַנדסטראָם האָט זיך ניט גענאַרט. זיי גייען פּאָרזיכטיק, אָפּשיי פּאַרן טויטן וואָס ליגט פּאַרלאָזן אין זומפּ.

— קאַרלס... — האָט לאַנדסטראָם אַ דערשטיקטן געשריי געטאָן. לע־בן זיינע קניענדיקע פיס איז געלעגן קאַרלסטראָם. אַ ווייסער אין צעקנעפּלטע

בגאָדים. ארויסגעזעצטע מאָנענדיקע אויגן מיט אַ צעפּלאַצטן שאַרבן וועמענס מארך ווי אַ גראַשיצע איז געלעגן אין בלוט פאַרגליווערט אויף אַ צעשפּיצטן פּניאַק.

* * *

עס איז געוואָרן אַ לויפעריי, אַ געשפּרינגגאַראַפּ פון אַלע וואַגאָנעס צו זען מיט די אייגענע אויגן דאָס ווילדע רעטעניש.

ארום דעם טויטן איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַ גרעסערע ראָד מיט צענויפגעפּאַקטע מענטשן. עלטערע פרומע וואלד־העקער האָבן מיט באַצאַרטע אויסגעקרומטע פּענימער זיך געצייילעמט און געבלעבלט טפילעס אויף פאַרשיידענע לעשוינעס. אַ ציטערניש איז דורכגעגאַנגען איבער אַלעמענס לייבער. אַפילע די אינגערע דרייסטע בעוורע האָבן זיך געפילט נידערגעשלאָגן.

— די קאָמפּאַני זאָגט — אַ זעלבסט־מאָרד.

— ווי אזוי? פאַרוואָס?

— ווער גלויבט זיי דען.

— זיי האָבן אים אָפּגעראַמט, אַז אויסגעראַמט זאָלן זיי ווערן! — האָבן זיך די ארבעטער שטיל געשושקעט.

אַמשטאַרקסטן האָט דעם פּיין געפילט לאַנדסטראָם. ער האָט געקניט לעבן זיין כאַוועך אינגאַנצן אַ צעבושטער, אַ צעשמעטערטער. ער האָט גע־האַלטן ביידע הענט פאַרקראַכן אין דעם בינטל צעשויבערטע האָר. דאָס היטל פאַרשטעקט אין דעם קורצן וואלד־דזשעקעט. זיינע אויגן גרויסע, גלאָזיקע האָבן, ארויסגעקראָכענע פון די אויגנלעכער אָנאויפהער אריינגעקוקט אין דעם טויטנס מאָנענדיקע אַפּלען, ווי ער וואָלט עפּעס וועלן דערגיין...

עקלענד מיט דער פאַרבונדענער האַנט האָט איצט ווידער פאַרגעסן זיינע יעסורים. ער האָט נישט געאָכט אויף דעם רעטענישדיקן טויט. ער האָט קימאַט ווי באַוועגט מיט דער קראַנקער האַנט, געזאָגט צו אַ גרופּע אינגערע וואלד־העקער:

— נאַ, דאָס וועט גאָרנישט אָפּשרעקן.

אַ סאַך האָבן אויפגעהויבן די קעפּ און באַלעבעטער גענומען רעדן.

— יו סי? — זיי זיינען פּייאיק אויף אַלץ.

— מיר וועלן זיך אָפּרעכענען.

— זיי אויסראָטן ווי מייז.

עקלענד האָט זיך דורכגעשטופּט דעם געדראַנג פון מענטשן און מיט די אויגן געזוכט עמעצן פון די פּאַרלייט. זיי זיינען קיין איינער נישט געווען

א כוץ די קליינע שרייבער־געהילפן, מעשאַרסימלעך, וואָס האָבן זיך צוגע־האָרכט צו יעדנס וואָרט, געשטאַנען פונדערווייטנס מיט אן אָנשטעל פון מענטשן אויף א פרעמדער כאַסענע.

ביים ערשטן ליכטיקן וואגאָן האָט זיך באַוויזן דאָס הויכע רויטפּאָנימ־דיקע געשטאַלט פון דעם בערישן פאַרמאַן מיסטער ברייטאָן. זיינע קליינע אָנ־ברעמענדיקע אויגן האָבן א דערשראָקענעם פינטל געטאָן, דערזען עקלענד'ן און זיך געוואָלט אומקערן.

— האַלאָ, מיסטער ברייטאָן — האָט עקלענד פריילעך אָנגעפאַנגען.

— וואָס ווילסטו אגיטאַטאָר — האָט מיסטער ברייטאָן א פּאַרטור־ענעם ברום געטאָן, זיך צוגערוקט פּאַמעלעך צום רעדל, זיך אומקוקנדיק עטר לעכע מאָל.

— ראַצבים איינם באַ איינם — האָט עקלענד א גריזשע געטאָן מיט די ציין.

דאָרטן אינעווייניק אין וואגאָן האָט שוין דער פאַרמאַן סמיט האָס־טיק אריינגערעדט אין טעלעפאָן טרייבל צו דער נאָענסטער פּאָליציי־דיוויזיע.

— א מיעסער זעלבסטמאָרד... יעס, אונזער קאָמפּאַני וועט רייניקן אזעלכע עלעמענטן. שוין שיקן פּאָליציי. יעס, קעפּטן.

נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעשטעלט, מיסטער סמיט, זיך עטלעכע מאָל געדרייט הין און קריק אין וואגאָן, באַלד זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעשלאָסן א זייטיק שענקל ארויסגענומען א פלאַש סקאַטיש בראַנפן, אריינגעגאָסן אין א טיי גלאָז, ברייט צעשאַרט די וואָנסעם און שנעל אריינגעבולבעט. אָנגעגאָסן נאָך איינס, הויך אָפּגעקרעכצט, זויער פארקרומט דעם פּאַרצעף, זיך אוועקגע־זעצט און פינצטער געקוקט אויפן ליידיקן פלאַש.

עקלענד איז גיך אָפּגעשפּרונגען פון וואגאָן. ער איז געלאָפן וואָרענען, אז איצט איז נישטאָ קיין צייט פאַר קלאָגעניש... מען דאַרף זיין גרייט צו שטעלן א ווידערשטאַנד. עס איז אים שוין געווען קלאָר, אז אלץ איז אזוי צו־געגרייט, אפילו דער זעלבסטמאָרד, קעדיי אומצוברענגען די מוירדים. קאַרל־סטראָם איז געווען דער ערשטער קאָרבן...

עקלענד האָט אָבער גאָרנישט געקענט רעדן, וואָרים באַלד נאָך זיין צוריקומען צום רעדל האָט זיך מיט האַסטיקע אויפגערעגטע טריט דערנענ־טערט דער פאַרמאַן סמיט. באַלד איז צוגעקומען מיסטער ברייטאָן און אַנ־דערע. טייל עלטערע וואַלדהעקער האָבן אָפּגעטראָטן, זיי געמאַכט א וועג צום האַריג.

מיסטער סמיט האָט ארויסגענומען אן עלעקטריש לעמפּל פון טאַש,

א צינד געטאָן איבער דעם האָריג גליַיך ווי ער וואָלט פריער גאָרנישט געוואוסט. דערנאָך — איבער לאַנדסטראָמען. אזוי איבער אלע ניט איבערגעשראָקענע.

— יו סי, אז מע גליַיכט נישט צו ארבעטן, טוט מען זיך אָן צאָרעס און מע מאַכט אַלעמען טראָבל.

לאַנדסטראָם האָט אויפגעהויבן די אויגן. ער האָט געוואוסט, אז ווען דער פאָרמאַן סמיט איז שיקער, רעדט ער טאָמיד מוסער־רייד. איצט האָט לאַנדסטראָם שוין גאָרנישט פארשטאַנען.

— יעס, אז ווּעסט גיין אין זיינע ווענן וועסטו אויך נישט האָבן קיין גוטן סאָף, וואָרים דער טייוול פירט שוין צו זעלבסטמאָרד.

— אזוי? — האָט לאַנדסטראָם זיך א שטעל אויפגעגעבן ווי א ריז מיט אָן אויפגעפלאַמטן פּאָנים.

— טעיק אוועי יור בלאָדי הענד! — האָט לאַנדסטראָם אים א שליידער געטאָן די האַנט.

נאָך די לעצטע רייד האָט זיך סמיט אָפּגעקערט א טריט, זיך געוואָנדן צום אוילעם:

— גייט אַלע אוועק פונדאַנען.

די עלטערע צוגעלייגטע וואַלדהעקער זיינען פּאַמעלעך אָפּגעטראָטן, כאָטש ס'האָרן האָט ניט גלאָזט. וואָס וועלן זיי זיך ארומרייסן מיט א שיקער? אזוי־ווי ס'איז שוין נישט וויַיט פון קעמפּ וועלן זיי שוין צוגיין צו פוס, אוועקלייגן די ביינער אויף די ברודיקע בעטן.

די אינגערע האָבן זיך קוים גערירט, וואָרים זיי האָבן געזען ווי סמיט רעדט היציקע רייד, שטופּט צו א פויסט צו לאַנדסטראָמען. לאַנדסטראָם טוט זיך אוים דעם וואַלד־דזשעקעט, דעקט איבער דעם טויטנס פּאָנים ווי ער וואָלט זיך געשעמט...

עקלענד האָט זיך געריסן צולויפן וואָרענען, אז איצט טאָר מען זיך נישט שלאָגן, מע מיינט זיי אריינצוציען אין שולדנעץ, איידער פּאָליציי קומט אָן.

עס איז אָבער געווען צו שפּעט.

די ספּאָרטישע מעשאָרסימלעך האָבן זיך געלאָזט צו הילף. נאָך זיי — די אָפּגעטראָטענע ארבעטער. הענט האָבן זיך פארפלאָכטן ארום ליַיבער ווי מיט דובינעס געקלאַפּט איבער די קעפּ.

מע האָט זיך געשלאָגן אָן אויפהער. איינער מיט אסאך. עטלעכע אי־

בעד איינעם. לאַנדסטראָם האָט געקלעטערט איבער סמיטן אים אַלץ מעד אָפּגעשלעפּט נישט אַנצורירן דעם טויטן. סמיט האָט געשריגן:

— מע וועט אייך אַלעמען דעפּאָרטירן פון אונזער לאַנד, דעם פּאַרענערס! —

מיסטער בריטאַן מיט דער יעגער־ביקס האָט געשאָסן אין דער לופט־ טן. קיינער האָט אים נישט געהערט. אריינשטופּן זיך מיט זיין שווער לייב האָט ער מוירע געהאַט. דערצו האָט ער שוין געזען ווי די פלינקע געהילפן ליגן שוין צווישן גאַנצע כאַפּטעס מיט וואַלדהעקער צעמיימעסטע, איז ער אַנ־ טלאָפן אין וואַגאָן זיך באַהאַלטן אין וואַש־צימער אויפן טאָפּ...

עס האָט זיך געהערט קוילעס אַלערליי פון די צעהיצטע וואַלד־ העקער.

— שעכטן דאַרף מען זיי...

— לעבעדיקע שטיקער פאַסעוועון.

און אַנדערע, די עלטערע, האָבן גערעדט:

— אַ שלימאַזלדיקער טאָג היינט.

— פינצטערע טייוולאָנים אָנגעשיקט.

ביז עס האָט זיך דערהערט דאָס גאַלאָפּירן פון פערד.

פונווייטנס, פון לעוואָנעדיקן נעפּל ארויס, האָבן זיך אויפן רעלסנפּאַס באַוויזן צוויי רייטער. זיי האָבן מיט צעיאָכמערטע הירזשנדיקע ברוינע פער־ דלעך פלינק געשפּרונגען איבער מעשופּעס.

עס איז געוואָרן אַ פּאַנאַדערלויף. די פּאָליציי האָט מיט די פערד איינגעהאַלטן די אַנטלויפנדיקע. די פערד האָבן זיך געשטעלט דיבאָם, רעכטס און לינקס, גרייט מיט די פאָדערשטע פיס צו צעשמעטערן יעדן איינעם. זיי האָבן ארומגעקרייזט אַ ראָד, וואָס אמאָל ענגער און קלענער צונויפגעפּאַקט די געפאַנגענע.

אויפגיך האָבן זיך די רייטער דערכאַפּט אַז דער איקער דאָ מוז זיין דער בלאָנדער ריז, וואָס אָן דעם וואַלד־דזשעקעט. זיי האָבן אים צונויפגע־ דריקט צווישן די פערד. איינער איז ארונטערגעשפּרונגען, ארויסגעשלעפּט פון הינטערטאַש קייטעלעך, פעסט ארויפגעפּרעסט זיין האַנט אויף לאַנדס־ טראָמען.

לאַנדסטראָם האָט זיך אָבער אַ גליטש אַראָפּגעגעבן. אַנדערע — נאָך אים, ארונטער דעם פערדס בויך. דאָס פערד האָט זיך אַ הייב־געטאָן, אַ וויג־ געטאָן ווי אַ דריידל, פאַרלוירן לאַנדסטראָמען פון אויג.

לאַנדסטראָם האָט געבויגענערהייט אַ כאַפּ־געטאָן דעם דזשעקעט, אַ

שפרונג געטאָן הינטער א צעפּוילטן פּניאק, פון דאָרטן — אויף אַלע פיר אריין אין דער וואלד געדיכטעניש מיט א הירשנדיקן לויפן.

ער האָט געהערט פערדישע מיילער רייסן זיך נאָך אים, קאָפּעטעס טרעשטשען גאָר נאָענט. ער איז געלאָפן אָן אָטעם. מיטאמאָל זיינען זיי גע־בליבן שטיין. אסאך באקאנטע קוילעס פון פינער און אוקראַינער שרייען אין דער הוילער נאכט אריין, אָפּשפּאָטנדיק:

-— בו—ו—ו—ו—

נאָכדעם א סווישטשען פון נאגייקעס האָט אָפּגעהילכט ווייט ארום.

ער האָט פארשטאנען, לאַנדסטראָם, אז איצט וועלן די רייטער אים שוין מער ניט נאָכפאָלגן. זיי זיינען צעטומלט געוואָרן פון בראוון אוילעס. פונדעסטוועגן איז ער געלאָפן אָן אָפּהאַלט.

אָפּריער איז ער געלאָפן בא די באַן־רעלסן נישט צו פארבלאָנדזשען. ווי א געניטער וואלד־מענטש האָט ער געהאַפּט צו געפינען אָן אויסוועג.

די ביימער האָבן געלייגט לאַנגע שאָטנס אויף דעם הויכן באַן־וועג. א טיפע שטילקייט האָט איימעדיק אראָפּגעפינצטערט פון דער אויסגאנג־לאָזער וואלדערניש. טיילמאָל האָט זיך געהערט פון ערגיץ נאָענט דאָס וואיען פון שיפן אפן נאָענטן יאם, וואָס האָט ווי א הילף - געשריי ארומגעבלאָנקעט אין א טויבער וועלט.

די לעוואָנע איז געקראָכן צווישן וואָלקנס, זיך געקאטשעט ווי אין ברודיקע שניי־באַלן. א ווינט האָט זיך א נישט־אויסגעשלאָפענער געשיבערט אויף די ביימערישע רוקנס, וואָס אמאָל שארפער רווישנדיקער געשארשעט צווישן פארזשאַווערטע בלעטער.

לאַנדסטראָם איז צוגעקומען צו א שמאָלער מעשופּע וואו עס האָט געריזלט א שטיל טייכל צופוסנס. דערלעבן האָט זיך געצויגן א שמאָלער, נישט־גוט אויסגעטראָטענער וועג. לאַנדסטראָם האָט זיך מיטאמאָל דער־מאָנט שמועסן מיט קאַרלסטראָמען וועגן די סטרייקן אין שביינעסדיקע קעמפּס. וועגן א הויז, וואָס ליגט אין וואלד מאירעוו־זייט פון „קאָלומביע־לאָמבער" קעמפּ, וואו עס געפינען זיך די הויפּט - קעפּ פון דער „יוניטי ליג", וואָס שטייען אין פארבינדונג מיט אַלע וואלד־ארבעטער.

א ציטערדיקע פרייד האָט אים ארומגענומען פאר דעם אומבאַקאַנטן וועג. ער האָט צונויפגעביסן די ליפּן און זיך פעסט געלאָזן אויף דער שמאָ־לער נישט אויסגעטראָטענער סטעזשקע.

* * *

צומאָרגנס פארנאַכט זיינען די וואלדהעקער פריער ווי געוויינלעך

אהיימגעקומען פון דער ארבעט. אין דער לאַנגער שמוציקער געביידע נומער פיראונצוואַנציק האָט זיך געפילט א קאַלטע דומפּיקע־פייכטקייט.. בלויז דער נישט־איינגעהייצטער אויוון האָט נאָך געהאַט א לעבלעכע איבערגעבליבענע ווארימקייט פון פארגאַנגענע טעג.

די וואַלדהעקער האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך די ווארימע דזשעקעט־לעך — געלאָזט ליגן אויף די שמוציקע קאַזארמע־בעטלעך. יעדער איינער האָט דערפילט א קילע שווידערניש אין די פארמאַטערטע גלידער. אלע האָבן זיך גענומען שטופּן צום ווארימלעכן, שטיפמוטערישן אויוון. זיי זיינען געווען שטאַרק פארביטערט.

— ווי הינט טרייבט מען אונז.

ס׳האָט זיך געהערט טאַראַומעס פון אלע זייטן.

— זיי זיינען זיך נויקעם די בעסטערדס.

— מע דארף נישט שווייגן מערער.

— שוין נישטאָ וואָס אָנצואווערן.

און אַנדערע, די עלטערע האָבן געהאַט אזעלכע מיזערנע זקיינישע פּענימער — געדעט שטילינקערהייט.

— ווער ווייסט צי מע האָט זיך נישט ערגער געמאַכט — האָט זיך אריינגעמישט א ווייס־רוס מיט א געפּאַלדעוועט זיידיש פּאָנים.

— מע דארף נישט באַלד ארויס מיט דעם קולאַק, יונגע הענער — האָט זיך דער אַלטער געשאָקלט מיט ציטערדיקע קניען ביים אויוון.

— זיי מעגן? זיי מעגן אַלץ?

— יאָ, די באָסעס מעגן? — האָט מען אים פון אלע זייטן ארומגע־רינגלט.

— יו אר קוקו, מיסטער פּאַוולאָווסקי, בעסער וואָלסטו געגאַנגען אין מוישעוו זקיינים — האָט איינער זיך געוויצלט.

— אָדער גאָר כאַסענע געהאַט.

דער אוילעם האָט גענומען לאַכן פארגעסנדיק די ארומיקע צאָרעס.

— עך, יונגע הענער, אייך וואָלט אן אלטע באָבע נישט געוואָלט. איר קענט מאַכן א לעבן? — האָט ער געקוקט מיט א כאָכמעדיק, אָפּלאַכערישן שמייכל. די יונגען זיינען שטיל געבליבן, אראָפּגעלאָזן טרויעריק די קעפּ. זיי האָבן זיך ווי פארשעמט פאַר דעם עמעס. דער אַלטיטשקער האָט שוין טרוי־עריק ווייטער פאָרגעזעצט: — כ׳וואָלט בעסער געגאַנגען אין מוישעוו זקיי־נים, אפילע אין א פאַרם־דזשעיל, איידער דאָ, יעי באָגו. — און אָרימאַן איז אָבער אומעטום שלעכט — האָט עמיצער זיך אריינגעמישט.

די טיר האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט. עקלענד איז אריינגעקו־
מען א פארשנייטער מיט אַ בינטל צווייגן און דרענגלעך אויף דער געזונטער
האַנט, צוהאַלטנדיק מיט דער פארבונדענער. זיין גרויס פּאָנים איז געווען
פארפייניקט, אויסגעצערט. די נאָזפליגלען האָבן באַ אים געציטערט — קוים
דאָס ביסל געקראָגן. מע פארווערט — האָט עקלענד געזאָגט, אוועקלייגנדיק
דאָס שיטערע האָלצבינטל. די אַנדערע האָבן זיך פארשעמט, וואָס דאַווקע ער,
עקלענד, מיט דער פארוואונדעטער האַנט זאָל ברענגען האָלץ. עטלעכע האָבן
זיך געלאָזן צום טיר.

אינדרויסן איז געפאַלן א שיטערער לאַנגזאַמער שניי — אַן אָנהויב־
ווינטערדיקער שניי, געפלאַטערט ווי ווייסע פליגעלעך, געהיפּערט שטיל און
שפּילעוודיק. א קלאָרער ווייסער פלאַך האָט פארדעקט די צעטראָטענע לאַנ־
גע גאַס, בלויז דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען סימאָנים פון גרויסע וואַלדהע־
קערישע שיך.

מיטאַמאָל האָט זיך גענומען הערן אַן אָנקומענדיק רוישן פון אווי־
טאָס. אַלע האָבן זיך אפריער געכאַפּט קוקן צום שליאַך. זיי האָבן דערווייל
גאָרנישט געזען אַכוץ מיליאַסן שנייעלעך אין זייער שקאַצישן, דריידלדיקן
אראָפּפאַל.

א ווײַלע שפּעטער האָט זיך פונדערהויך, לעבן ביוראָ־הויז געזען אַ
טונקעלער פארמאַכטער אויטאָ. ער האָט זיך גאָר, גאָר פּאַמעלעך געשלעפּט.
פון פאָרנט זיינען געזעסן צוויי כמורנע מיטליאָריקע פּאָליציי־לייט, געקוקט
מאָדנע פארדעכטיקט, מאָדנע קאַעסדיק אקעגן אָט־די שטומע פאראיפּעשטע
קעמפּ־געביידעס.

— מע פירט אים אוועק — האָט עקלענד א זאָג געטאָן.

אַלע האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אז דאָס מיינט מען קאָרלסטראָמען,
דעם האָריג. אַ שטעכנדיקער ווייטיק האָט אַלעמען א קלעם געטאָן ביי די הער־
צער. אָט, אַן אייגענער מענטש און זיי האָבן אפילע נישט קיין מעגלעכקייט
אים צו באַגלייטן. נאָענט לעבן זיי איז דער אויטאָ געגאַנגען נאָך פּאַמעלעכער,
ווי ביי אַן עמעסער לעוואיע, ווי מע וואָלט זיך געריצט מיט זיי. די וואַלדהע־
קער פון אסאך געביידעס האָבן ארויסגעשטעקט די קעפּ פון די פענצטערלעך,
געשטאַנען קופּעסוויז באַ די טירן מיט אָפּגעדעקטע קעפּ. אסאך וואַלדהעקער
האָבן גענומען פּאַמעלעך אָוועלדיק נאָכקריכן.

ארויס פון קעמפּ האָט דער אויטאָ גענומען האַסטיק פארשווינדן
צווישן די פאַלנדיקע שנייען, געלאָזן צוויי רעדערדיקע פּאַסן העט־וויט,
ארויף צום שליאַך. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן יעדן איינעם. א שטיק לעבעדי־

קע וואונד. לאנג האָט מען נאָכגעקוקט. פארגעסן צו גיין עסן די מאָגערע מאָל־ציַיטן.

דאָס רוישן פון שליאַך האָט נישט אויפגעהערט, האָט זיך דערנענטערט צום קעמפּ. א הייזעריקע טרובע האָט כוצפּעדיק געבורטשעט.

באַלד האָט זיך אַ פאַרמאַכטער באַס באַוויזן.

— פאָלים — האָט עמיץ אויסגעשריגן.

דאָרטן, לעבן ביוראָ־הויז האָט זיך דער באַס אָפּגעשטעלט. פון ביידע זייטיקע טירן האָבן זיך אַ לאָז־ארויסגעגעבן גרויסע ברייטביייניקע פּאָליציי־ליַיט מיט צעפּאַרעטע רויטע פּענימער.

אויף דער ביוראָ־ווערא־נדע האָט זיך דער ערשטער באַוויזן מיסטער בריטאָן, זיין פעט פּאָנים — איין שטיק צעגאָסענער שמייכל — א שמייכל פון כאָניפעדיקער דאנקבארקייט.

— העלאָ אָפיסער.

— העלאָ פאָלקס. — האָבן די פּאָליציילייט אויפגעלעבט אָפּגעענט־פערט שוין אויכעט צו די רעשט ארויסגעקומענע.

זיי זיינען געווען: מיסטער סמיט מיט אַ פארבונדענעם קאָפּ און נאָך אַנדערע שרייבערלעך פון ביוראָ־הויז. ווער מיט אַ פאַרבונדענעם שטערן, ווער מיט א פארקלעפּטער נאָז. עס האָט זיך אפילע באַוויזן א פרויען־פּאָנים — א בלאָנדע, אָפּגעבליאַקעוועטע פרוי פון דער בעסערער קיך מיט א שאַל פארוואָרפן אויפן האַלדז.

— איר וואָלט געוואוסט סארא געהענעם דאָ איז, קעפּטן.

— איך באַדויער זייער — האָט דער עלטסטער געזאָגט, א גלעט־טוענדיק זיינע שווארצע שיינע וואָנסעלעך. טייל זיינען צוריק אריין אינעווייניק אין ביוראָ־הויז. אנדערע האָבן אויפגערעגטע רעציכעדיק גענומען אהער־קוקן.

— מיר זיינען אין גוטע הענט... — האָט א וואָלדהעקער געזאָגט מיט אַ ביטל־שמייכעלע. — איך האָב נישט מוירע פאַר די קנעפּ.

— איך אויך נישט. — האָבן אנדערע אונטערגעכאַפּט און זיך געלאָזט אריינגיין אינעווייניק, וואו מע וועט קענען בעסער איבערטראַכטן וואָס דאָ קומט פאָר.

אינעווייניק אין דער געביידע האָבן שוין אלע געוואוסט פון דער אהער־געקומענער פּאָליציי. אלע פּענימער האָבן געפלאַמט. מיטאמאָל האָט זיך עק־לענד א כאַפּ ארויפגעגעבן אויף זיין צעוואָרפענעם בעטל, א שלינג געטאָן

מיטן גאָרגל, אויפגעהויבן די הענט. אַלע האָבן אים ארומגערינגלט מיט גע־האָרכזאַמע אויפגעהויבענע קעפּ.

— רעד, עקלענד, דו דאַרפסט דאָס קענען.

— האָט נישט מוירע, די סקאנדינאַוויער זיינען יאטן — האָבן אַסאַך פּענימער פון געדיכטעניש ארויסגעשריגן מיט היסלאַוועס. עקלענד האָט צו־נויפגעביילט די פויסטן.

— כאַוויירים, אין אַלע קעמפּס סטרייקן אונזערע ברידער וואַלד־העקער. מיר ווען זיך נישט לאָזן דערשטיקן פון סמיט'ס פּראָוואָקאַציע. ווער האָט אומגעבראַכט קאַרלסטראָמען?

אַלע וואַלדהעקער האָבן זיך מיטאַמאָל א באַוועג געטאָן, אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן, ווי עס וואָלט זיי עפּעס קלאָר געוואָרן.

— זיי, די ראָצכים.

— די בוטשערס, האַלדזשניידערס — האָבן פיל געשריגן און אַנדערע האָבן זיך ווי געבעטן: — דערציילן אַלץ, אַלץ.

פונדרויסן האָבן זיך געהערט אַסאַך שווערע טריט דערנענטערן, פאַרן טיר געבליבן שטיין, האַסטיק אָנגעקלאַפּט.

— נישט אריינלאָזן — האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן און עטלעכע האָבן זיך געלאָזט צום טיר זי צו פאַרהאַלטן.

די טירן זיינען שוין געווען אויפגעריסן. צעיאַכמערטע און רוגזעדיקע פּאָליצייליים האָבן אריינגעשטעקט פריער די קעפּ, נאָכדעם — זייערע גרויסע קערפּערס. צווישן זיי זיינען געשטאַנען מיסטער ברייטאָן מיט א פּאַפּיר אין האַנט און דער פאָרמאַן סמיט מיט דעם אויפגע־פּוכניעטן פאַרשווילטן פּאָנים.

ביידע צדאָדים האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט, סינעדיק באַטראַכט. די פּאָליצייליים — די הענט פאַרשטעקט אין די הינטער רעקלעך, פון וואַנען מע קען צו יעדער באַדערפעניש אַפירציען א גומענעם שטעקן.

דער עלטסטער מיט די שוואַרצע וואָנסעלעך האָט וואונקענדיק זיך אי־בערגעשמייכלט מיט ברייטאָן. ער האָט עפּעס א זאָג געטאָן צו זיינע מיטהעל־פער. די פּאָליצייליים האָבן זיך א לאָז געטאָן, צעטיילט די צוזאַמענגעפּרעסטע גרופּע וואַלדהעקער אויף אַסאַך טיילן. נאָכדעם האָט דער עלטסטער זיך א שטעל געטאָן לעבן עקלענדן, אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אראָפּ און געלאָסן אויסגעשיפּעט.

— צענויף דיין פּעקל דזשאָנק.

עקלענד האָט זיך פויל געגראַבלט, אַפירגעשלעפּט פון אונטערן בעט

א פּאַרטדרוקנטן לייוונטענעם דוק־זאַק. אַדיינגעשטופּט די פּאָר אומגעוואַשענע העמדער, א קעסטעלע, א פּעקעלע ביכלעך, און אלטע אַרבעטער־צייטונג. ער האָט צעוואָרפן עטלעכע וואַרימע שמייכעלעך צו אַלע צעהאַקטע טיילן.

מיסטער סמיט איז דערווייל אַרומגעגאַנגען און אויפגעהייטערטער, זיך געשטעלט לעבן יעדער צעטיילטער גרופּע — אַ טיטל געטאָן מיטן פינגער, א פּאָליציי־מאַן האָט יענעם באַלד א נעם געטאָן מיט אַ האַנט, מיט די פינגער טיף פאַרקראָכן ביים האַלדז, אָנגעכאַפּט אזש דאָס לייבל — אַרויסגע־ריסן ווי מע רייסט א פּניאַק פון דער ערד אַרויס.

אויף די מער געלאַסענע וואַלדהעקער האָט סמיט נישט אָנגעוויזן מיטן פינגער און זיי האָט מען געלאָזן נעבעכדיקע, צעבראָכענע אוועקזעצן ווי אווילים אויף די צעוואָרפענע טוכלע בעטן.

אַזוי האָט מען איינציקווייז אַרויסגעפירט. אויפן גאַס האָט שוין אָנגע־הויבן טונקעלער ווערן. די שנייען זיינען געפאַלן לאַנגזאַמער, נאַסער, זיך געגליטשט אויפן פּאָנים ווי קלעפּיקע ווערים. און אויפגעטייעטע בלאָטע האָט געפּראַשקעט אונטער די פיס.

פון שליאַך איז אָנגעקומען אַן אַרעסטאַנטן־וואָגן, אַדורכגעפאָרן לעבן דער שטייענדיקער גרופּע, גלייכגילטיק זיך אוועקגעלאָזן צום ביורא־הויז.

עקלענד'ן האָט מען באַלד אָפּגעטיילט פון אַנדערע. צוויי פּאָליציילייט האָבן אים אוועקגעפירט צום ביורא־הויז לעבן אַרעסטאַנטן־וואָגן.

פון אַנדערע שטילע געביידעס האָט מען באַלד ווידער אוועקגעפירט עטלעכע וואַלדהעקער מיט זייערע רוקזעק אויפן פּלייצע, זיי צוגעשטעלט צו די וואַלדהעקער פון דער פּיראָנצוואַנציקסטער געביידע. די רעשט געבליבע־נע אינעווייניק האָבן נישט געוויזן זייערע פּנימער. א צוגעדושעטע דער־וואָרגענע שטילקייט האָט אַראָפּגעפינצטערט פון די צעפליקטע אומגעלומפּער־טע געביידעס.

פון ביורא־הויז האָט מען באַלד אויסגעצאָלט אין קאָנווערטלעך די לעצטע מאָגערע סכירעס צו די וואַלדהעקער.

— מיר האָבן נישט מער קיין אַרבעט פאַר אייך — האָט מיסטער ברייטאָן זיך געשטעלט אויף דער וועראַנדע מיט אַ פּויזע פון א גאַלאָכישן רעדנער.

— גיב אונז איבער צו פּאָליציי, הונט פאַרשיווער, — האָט א וויס־רוסישער פּויער מיט אַ געלבלעך בערדל געבורטשעט. ברייטאָן האָט זיך געמאַכט טאַמעוואַטע און איז פאַרשוואונדן. ער האָט שוין ס'זייניקע געטאָן, איטלעכן פיין באַהאַנדלט, אויסגעצאָלט, אָפּגעזאָגט און פאַרטיק. אצינד האָט

די פּאָליציי שוין געזען ווי ערלעך די קאָמפּאַני האַנדלט... ער איז זיכער זיי וועלן פאַלן צו זיינע פיס מע זאָל זיי צוריקנעמען.

די פּאָליציילייט האָבן טאַקע גענומען שטופּן די וואַלדהעקער.

— קיפּ מואווינג, געט אוט אָוו היר! —

די וואַלהעקער האָבן פּאַמעלעך זיך גערוקט, גערוקט אַזוי ביזן סאָף גאַס — איינגעזען, אַז עס איז פאַרפאַלן. זיי וועלן שוין מוזן פאַרלאָזן דעם קעמפּ, זיך דאַרפן שלעפּן אַ גאַנצע נאַכט ביז צו אַ אישעוו. וואָלטן זיי כאָטש געהאַט עקלענד'ן זיך אָן אייצע צו האַלטן...

דערווייל איז פון טראַקט אָנגעקומען אַ גרויסער לאַסטאויטאָמאָביל מיט אַ פּלאַנדערקע פאַרדעקט. פון אונטער דעם צודעק האָבן זיך געהערט שיקערע פריילעכע קולעס:

אין די לענדס אָוו סאַנטאָ דאָמינגאָ.
סטענדס ע גאל די נעים ביי דזשינגאָ.
איי די, דידל די...

די וואַלדהעקער האָבן נאָכגעקוקט זיך געוואונדערט פון דער פּלוצימ־דיקער פריילעכקייט.

לעבן ביורא־הויז האָט זיך דער לאַסט־וואַגאַן אָפּגעשטעלט. אַ מאַכנע פאַריסטע, אָפּגעריסענע, הוסטנדיקע מענער — אויסגעמאָרעטע שלעפּער האָ־בן זיך אַראָפּגעקאַטשעט, זיך געשיבערט און אונטערגעשפּרונגען.

— ביי דזשינגאָ.

— אונזער פּלאַץ וועלן זיי פאַרנעמען.

— מיר וועלן נישט גיין פונדאַנען.

האָבן די וואַלדהעקער גענומען שרייען און זיך מיט באַנייטע קוי־כעס געלאָזט צוריקגיין. דאָ האָט זיך אויסגעשטעלט אַ וואַנט מיט פּאָליציי־לייט מיט גומענע שטעקנס איבער קעפּ. באַלד האָבן זיך אַרבעטאָרישע הענט פאַרמאָסטן מיט גומענע שטעקנס. קעפּ האָבן זיך איינגעקורטשעט. קלעפּ האָבן מיט געוואַלד־געשרייען זיך אויסגעמישט. אַ יאָמער האָט געברילט פון מיי־לער ווי פון פאַרוואונדעטע כאַיעס.

און דאָ, פאַרן ביורא־הויז האָט מיסטער בריטאָן זיך ווידער באַ־וויזן, שוין פאַר די נייע אַרבעטער, אַרויסגעשטופּט דעם גוידער און געזאָגט.

— גייט פאַרנעמט בעטלעך אין די געביידעס.

די אָפּגעריסענע כעוורע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווי לאָבעסוואַטע אינגלעך.

— אין די לענד אָוו סענד ענד אשעס

— סטענדס ע גאל די נעיט בייגאָשעט...

עקלענד איז שוין געזעסן אינעווייניק אינם אַרעסטאַנטן־וואָגן, אויפ־געציטערט פון יעדן אויסגעשריי, געטראַכט וועגן די אַרבעטער ווי וועגן זיי־נע אייגענע אויפגעציטערטע קינדער.

עס איז געוואָרן טונקל. דער אַרעסטאַנטן־וואָגן האָט זיך גערירט. אינדרויסן האָט זיך דער שניי פאַרוואַנדלט אין אַ פּייכטן, לאַנגזאַמען רעגן, געבראָקט ווי מיט זאַמד־שטיינדלעך אויפן וואָגן.

דורכן זיפּל האָבן זיך געזען די קוים באַלויכטענע פענצטערלעך, וואו ער, עקלענד האָט אָפּגעפּינצטערט אַ שטיק יונג לעבן, וואָס האָט זיך שלעכט געענדיקט. נאָכדעם האָבן זיך געזען ביימער און ביימער פון ביידע זייטן.

ערשט ווייט אויפן טראַקט האָט ער דערזען זיינע ברידער, אַ צעפּלאָ־סענע מידע גרופּע, וואָס האָבן זיך איינגעהויקערטע שווערע געשלעפּט אָן אַ ציל.

— עס איז מיין שולד...

האָט ער זיך מיט האַרצווייטיק געגריזשעט און לאַנג נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון זיי.

* * *

שפּעט באַנאַכט האָבן די לעצטע דריי מענער פונם סטרייק־קאָמיטעט זיך וואַרים אָנגעטאָן און זיך געקליבן פאַרלאָזן די קוואַרטיר פון דער „יו־ניטי ליג".

כּאַוועך קאַרניק, אַ מיטליאַריקער זעג־אַרבעטער, אַ געלבלעכער רוס, מיט בלאָע פאַרטראַכטע אויגן האָט אָפּ גיך פאַרפּאַקט אַ פולן רוקזאַק מיט סטרייק אויפרופן, פאַרצויגן אויף די ברייטע אַקסל, אַ שמייכל געטאָן צום כּאַוועך טאָני מיט אַ שורע ווייסע ציינער און געזאָגט:

— איך וועל וואַרטן אינדרויסן.

דער מענטש האָט בעסער ליב געהאַט דעם דרויסן איידער די ענגע, דושנע צימערלעך פון דעם איינזאַמען הייזל, וואָס ליגט פאַרשטעקט אינמיטן וואַלד, פול מיט וואַלד־העקער פון די אַרומיקע קעמפּס.

כּאַוועך טאָני, דער ניי־אַהערגעקומענער פון אַ זוייטער צענטער־שטאָט, אַן איד מיט אַן אויסזען פון אַ טונקל־הויטיקן איטאַליענער, האָט זיך מיט זיין שאַרף, אָליוון פּאָנים צוגעהערט צו די געשמועסן פון די אַרבעטער, וואָס אין די פאָדערשטע צימערן.

— אַ סטרייק אין די היגע וועלדער קען מען נאָר געווינען אז די

סטרייקער וועלן פארבלאָקן די קעמפּס מיט זייערע מענטש — האָט א וואַלד־העקער איינגעטאַינעט.

— מען דאַרף נישט טרינקען... מען דאַרף א קלאָרן קאָפּ...

כאָוער טאָני, דער נייגעקומענער האָט געלעבט מיט די אַרבעטערס געדאַנקען, איבערהויפּט מיט די, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן אין געוויינלע־כע געשפּרעכן. יעדע זאַך האָט אים קעסיידער דערמאָנט די גרויסע אַכראַיעס וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט, אז אויף דער היינטיקער מיטנאַכט איז באַשטימט בעסאַד דער סטרייק אין גרעסטן קעמפּ וואָס אין די היגע וועלדער — אין „פּאַסיפיק לאָמבער קעמפּ". דאָס מיינט, דער סטרייק דאַרפט באַשטימען דעם גורל פון אַלע אַרויסגעטריבענע, וואָס קומען דאָ אַהער, פון די ווייטסטע מעקוימעס. ער האָט אַף גיך א שלעפּ־געטאָן א טעך־לעגראַפישן פּאַפּיר בויגן מיט שאַרפע אויסיעס אויפגעשריבן: — „גויטיק הילף, וואָס מער מענטש און עסן".

נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבן א פּאָר ברוינע פּיבערדיקע אויגן, אויגן פול מיט רויטע אָדערלעך צום ריזיקן שווייגנדיקן לאַנדסטראָם.

— נעם באַזאָרג דאָס, נאָכדעם וועלן מיר גיין.

לאַנדסטראָם האָט זיך א לאָז געטאָן רעכטס צו די שורעס מיט בענק וואו עס זיינען געשלאָפן די אַרויסגעטריבענע אַרבעטער פון קאָלומביע לאַמ־בער־קעמפּ. אַף די בענק האָט מען נישט מער געזען ווי לאַנגע שווערע פיס און אַראָפּהענגענדיקע ברייטע הענט, וואַרים די קעפּ זיינען געווען באַדעקט מיט אויסגעריבענע וואַלד־ דזשעקעטן. לאַנדסטראָם האָט איינעם גענומען ווע־קן, אַראָפּציענדיק דעם דזשעקעט פון קאָפּ:

— ליסן פּאול.

פּאול — א יונגער פּיניער מיט קוים אַרויסשפּראָצנדיקע וואָנסעלעך — האָט זיך פריער דערשראָקן, אָבער דערזעענדיק לאַנדסטראָמען האָט ער קינדיש א שמייכל געטאָן, צוגעלייגט קאָפּ און געהערט.

טאָני ווייסט, אז די דאָזיקע שלאָפנדיקע כעוורע וועלן שוין מער דאָ נישט אָפּגעניצן טעג. זיי וועלן א רודער טאָן מיט דעם גאַנצן האַס וואָס עס ליגט אַף זייערע הערצער. טאָני איז ראַשיק אַריין אין דעם צימער, פלינק זיך געגליטשט צווישן רעדלעך שטייענדיקע און זיצנדיקע אַרבעטער. אַסאַך זיי־נען דערעכערעצדיק אַנטשוויגן געוואָרן, געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אַף טאָני'ן. אַנדערע וואָס האָבן געשפּילט אין קאָרטן האָבן זיך ווי פאַרשעמט, פאַרדעקט זיי מיט די ברייטע הענט. כאָוער טאָני האָט שוין דאָ אַלעמען גע־קענט. די פלינקסטע האָט ער אויסגעקליבן און פאַרטרויט אַרבעט. אַמבעסטן

איז אים געפעלן געוואָרן לאַנדסטראָם. אַלע אַרבעטער האָבן לאַנדסטראָמען מעקאַנע געווען, זיי האָבן אים גערופן טאָני׳ס רעכטע האַנט.

אינדרויסן איז די נאַכט געווען אַ קאַלטע. אַ בייזער ווינט האָט ווי אַ מאַכנע וועלף געוואָיעט צווישן דיביימער. קאַרניק האָט געוואַרט פאַר דער וועראַנדע. אַלע האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די מענטשן האָבן געבראָכן דעם ווינט וואָס האָט זיי ווי מיט גרויסע פּלאַכטעס געשמיסן איבער די קער־פּערס, איבער די פּנימער. נאַקעטע צווייגן האָבן זיך אינדערהויך געשלאָגן, געמיימעסט איינע די אַנדערע אָן אויפהער. דער אָפּשיין פון די באַלויכטענע פענצטער וואָס אין דעם איינשטאָקיקן יעגער־הייזל איז פאַרשוואונדן, האָט פון צייט צו צייט אויפגעמיניעט ווי אַ בליץ פון אַ רויטן שטערן צווישן די ביימער.

קאַרניק איז געגאַנגען פאָראויס ווי אַ וועג־ווייזער צו זיין קעמפּ — דעם פּאַסיפיק לאָמבער קעמפּ. יעדע ווײַלע האָט ער זיך אומגעקוקט אויף דעם שטאָטישן כאַווער טאָני, באַוואונדערט זיין בראַוון גיין מיטן קערפּער געבוי־גן פאָראויס, פלינקער ווי אַ וואַלד־מענטש.

די גערדיכטע בוימערישע מאַסן האָבן אים, טאָני׳ן לעכאַטכילע אויס־געוויזן ווי ריזיקע באַמאַכטעטע בערג פון ביידע וועג־זייטן. וואָס ווייטער, אַלץ מער האָט ער געעפנט די אויגן, געזען די טונקעלע גרויע ליכט. דער וואַלד האָט זיך געעפנט ווי טויערן אויף שריט און טריט.

יעדער איינער האָט געטראַכט פאַר זיך. די דאָזיקע מענטשן דאַרף מען דאָך באַגילדן פאַר זייער האָרעוואַניע אין אַזאַ ווילדעניש, ווי אויף פאַר־שיקונג — האָט טאָני געטראַכט. ער וועט מאָרגן צו זיי זאָגן:

— זיי ווילן, די באָסעס, איר זאָלט שווייגן ווי די דאָזיקע ביימער און זיך לאָזן קאַטעווען.

ניין! —וועלן די אַרבעטער שרייען. אַ שטורעם וועט אויסברעכן צווישן זיי. וואַלדהעקער דאַרפן קענען שטורמען. ער, טאָני וועט נישט פריער אוועק, ביז דער פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש דאָ וועט דערפילן אַז ער איז נישט איינ־זאַם און פאַרלאָזן. דאָרט אין די גרעסערע שטעט האָט טאָני קיינמאָל נישט געזען אַזאַ עלנדיקן מענטשן. ערשט היינט פילט ער אַזאַ דאַנקבאַרקייט צו זיינע כאַווײרים פון צענטער, וואָס זיי האָבן אים געשיקט דאָ אַהער. אויב עס איז אים באַשערט אָפּצוגעבן זיין לעבן פאַר באַליידיקטע מענטשן, זאָל עס שוין זיין דאָ, צווישן די וואַלד־אַרבעטער. זיי זיינען אים געוואָרן אַזוי אייגן, פּונקט ווי ס׳איז אים אַלע יאָרן געווען נאָענט דער שטאָטישער אַרבעטער.

כאווער קארניק האָט אינמיטן איבערגעריסן טאָני'ס געדאַנקען און געפרעגט:

— קאַלט אין די וועלדער, הא, כאַווער טאָני?

— ניין, קארניק, צווישן אייגענע איז אומעטום גוט.

ווידער א שווייגעניש. ערשט איצט פילט טאָני, אז דער ווינט לעכערט דורך ווי מיט קאַלטע שפּיזן זיין ווינט־ברעכער דזשעקעט. ער האָט זיך א טרייסל געטאָן ווי אײנער וואָס קומט פון קאַלטן וואסער ארויס און ווידער געגאַנגען פאַראויס פאר קארניקן.

— איצט גייען מיר פאמעלעך. די וועכטער שלאָפן מיסטאָמע, וועט זיין לייכטער צוצוקומען.

קארניק איז אראָפּ פון וועג. נאָך אים לאַנדסטראָם. ביידע האָבן זיי מיט זייערע ברייטע לייבער, מיט די הענט צעשאַרט די קוסטעס און געמאַכט לייכטער טאָני'ן דעם וועג.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט נאָך עטלעכע היבשע ווײלעס גיין. איצט האָט מען שוין דייטלעך געזען ווי עס ליגט ווי א דאָלער צעלייגט א גאַס מיט נידעריקע געביידעס, העט ווייט אריבער די ארויסשטאַרצנדיקע פּניאַקעס.

—ש—ש—ש—ש! — האָט קארניק ארויפגעלייגט א פינגער אויפן מויל און זיי צוגעפירט צו אן אויסגעשפּרייט ביידל, א לייוונט ציגיינעריש ביידל, וואָס איז געווען צוגעפּעסטיקט צו א בוים.

קארניק האָט אויפגעעפנט דעם אריינגאַנג, א געדעמפטע ווארימקייט האָט זיי ארומגענומען. טאָני און לאַנדסטראָם האָבן זיך אוועקגעזעצט אויפן בעטל. דערפילט א ווייכע ווארימע קאָלדרע. קארניק האָט זיך שווער אראָפּגעזעצט אויף א נידעריק בענקל.

לאַנדסטראָם האָט ארויסגעצויגן די פּיפּקע, אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק. עס איז אים געוואָרן מאָדנע פריילעך, וואָס ער נעמט אָנטייל אין אַנדערע קעמפּס. ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אז מען טאָר ניט שפּירן קיין לעבעדיקן נעפּעש, האָט ער זי שעמעוודיק פארשטעקט אין בוזים.

— שוין אָפּגעוואוינט שלאָפן אין א הויז, כאַווירים — האָט קארניק געזאָגט ארומנעמענדיק מיט די אויגן זיין באַלעבאַטישקייט, וואָס איז באַשטאַנען פון א בעטל, א פּאָר צעריסענע שיך, א קעסטעלע, א פּעקל וועש און א בענקל.

קארניק האָט זיך א כאַפּגעטאָן, זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג.

— א שאָד צו וועקן מידע מענטשן — האָט ער געזאָגט אין פארלעגנהייט און מיט פעסטע טריט זיך געלאָזן צום ערשטן הויז. ער האָט לייכט גע־

נומען קלאַפּן אין ערשטן פענצטער. די קלעפּ האָבן שטיל געפּייקלט עפּעס ווי אַן אָנזאָגער, ווי איינער, וואָס ברייננגט אַ בסורע אינמיטן נאַכט.

אינעווייניק אין די געביידעס האָט זיך גענומען רודערן. בעטן האָבן געסקריפּעט. שטיוול האָבן זיך אײַלנדיק אָנגעשלאָגן אין דיל. קאַרניק איז גע־גאַנגען פון געביידע צו געביידע.

טאָני און לאַנדסטראָם האָבן אַרויסגעקוקט פון ביידל דורך אַ שפּאַ־רונע. זיי האָבן געזען ווי אַלע טירן עפענען זיך און אַף דער גרויער פינצטערער גאַס גייען אַרויס, טאַנצן אַרויס אַרבעטער, שווערע און פלינקע, דרייסטע און שעמעוודיקע, יונג און אַלט.

— גיי ריכט זיך אַז שוין היינטיקע נאַכט — האָבן טייל געגרעדט.

— וואָס פריער איז בעסער — האָבן זיך אַנדערע געפרייט.

טאָני האָט שוין פונדערווייטנס דערקענט דעם רירעוודיקן סטרייק־קאָמיטעט, וועלכער איז געלאָפן פון געביידע צו געביידע, געברענגט אַרויסצו־פירן די געבליבענע רעשטלעך. אויף דער גאַס איז געוואָרן פול, ווי נאָכקיינ־מאָל דאָ נישט.

קאַרניק מיט עטלעכע אַרבעטער האָבן אַרויסגעשלעפּט אַ טיש מיט אַ שטול, גענומען גרייטן אַן עפנטלעכן צונויפשמועס.

די שאָען האָבן זיך געררוקט. די ליכטיקע אָפּים געביידע פון „פּאַסיפיק לאָמבער קעמפּ" האָט יעדע ווײַלע אויפגעהויבן אַ פאָרהענגל פון אַ פענצטער, זיך געוואונדערט אויף דעם פּלוצימדיקן אומגעריכטן געטומל. קיינער פון דאָרטן האָט זיך ניט געוויזן. די גרופּע פּאָרלייט האָט זיך פון נאָענטע הייז־לעך געשאַרט הינטער די געביידעס קיינער זאָל זיי נישט באַמערקן פון די וואַלד־העקער.

אין אָפּים האָט מען גאָרנישט געוואוסט. מיסטער קופּער — אַ דאַרער יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּאָנים — האָט זיך שטיל איבערגעשמועסט מיט דער פּאָליציי. יעדע ווײַלע געהויבן ס'פאָרהענגל. אוועקלייגנדיק ס'טרייבל האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרלעגערטער נישט־אויסגעשלאָפענער שטימע — מיליטער. טרופּס דאַרף מען צו אַזאַ באַנדע. איך וועל זיי האָבן — האָט ער מיט אַ פינגער אַ וואָרן־געטאָן צום פענצטער.

דער זייגער האָט אויסגעקלונגען פינף, פינף פאַרטאָג. די קלאַנגען האָ־בן אויסגעזונגען דעם נאַציאָנאַלן הימן. די פּאָרלייט האָבן שוין געוואוסט, אַז דער זייגער קלינגט פינף, דאַרפן זיי רופן צו דער אַרבעט.

זיי זיינען אַרויס אַף דער וועראַנדע. דער הויפּט — אַן איטאַליענ־שער קאָנטראַקטאָר מיט אַ פּאָר לאַנגע וואָנסעס, וואָס האָט געהאַלטן אַז ער

איז נישט קיין באָס, נאָר טוט טוויוועס אַן אָפּגעריסענעם גרינעם יונג, וואָס ער נעמט אונטער זיין האַשגאָכע — דער הויפּט האָט דער ערשטער געגומען דרילן מיט זיין פּיפּערל. זיי האָבן אָבער געהערט אַ געלעכטער — אַ געלעכ־טער פון הונדערטער קוילעס. דער פּאַרוואַלטער פון „פּאַסיפיק לאַמבער קעמפּ", מיסטער קופּער וויליאַמס האָט ווידער אויפגעהויבן ס'פּאַרהענגל, גע־זען ווי אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ הויכער דאַרער יונגערמאַן מיט אַן אויסזען פון אַן איטאַליענער. זיין קאָל האָט שאַרף געקלונגען איבער אַ מאַסע אויפגעהויבענע קעפּ. זיינע הענט — ווי ער וואָלט געשלאָגן די לופט מיט די פויסטן.

— מיר וועלן צעשטערן אייערע פּייניקער, פונקט ווי איר צעשטערט די ביימער דאָ — האָט ער גערעדט פון טיש אַראָפּ, און אַ מאַסנגעפּאַטשעריי האָט צעהילכט דעם אַרום. נאָכדעם האָבן זיי, די וואַלדהעקער געזונגען לידער אויף אַלערליי לעשוינעס. העכער פון אַלע האָט זיך געהערט פון ברוסטיקע מעכטיקע שטימען.

— האָלד די פאָרט פאָר ווי אַר קאַמינג —

אַזוי ביזן גראָען טאָג אַריין.

* * *

דער פרימאָרגן האָט פּאַמעלעך, קוים, קוים אויפגעגרויט. די שיטערע נעפּלען זיינען געקראָכן פון די געבערגטע וואַלד־הויכקייטן און אַרומגעריג־גלט דעם קעמפּ ווי מיט פּעלזנשפּיצן.

אַ פּייכטע קעלט האָט פון דאָרטן שטיל אַהערגעשפּרייזט, זיך אויסגע־מישט מיט דעם געררודער פון דעם „פּאַסיפיק לאַמבער קעמפּ". די גאַס וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דאַלער איז געווען באַשאָטן מיט סטרייק אויפרופן.

גאַנצע גרופּעס אַרומשפּאַנענדיקע וואַלד־העקער האָבן זיך פון גאַס נישט אַראָפּגערירט. לײדיקגייערישע, האָבן זיי געמיטלעך געררויכערט ליולקעס, מיט האַלביאָנטעוודיקע פּענימער זיך געזאָגט גלייכוווערטלעך.

דאָ און דאָרט זיינען שוין געשטאַנען צעשטעלט פּאָליציי, נישט גע־לאָזט קיינעם זיך דערנענטערן צו דער נייַ־אָפּגעפּוצטער אָפּיס־געביידע, וואָס ביים סאַמע אָנהויב גאַס. די פענצטער זיינען דאָרט דאָסמאָל געווען מער פאַר־האַנגען, מער ליכטיקער ווי אַלעמאָל. עס האָט געשמעקט מיט אַן אַסיפע פון די וואַלד־פּאַרוואַלטערס. דערווייל האָט מען קיינעם נישט געלאָזט צום אָפיס אַפילע נישט צו דער קיך־געביידע. דאָס איז געווען, מאַשמאָעס, דער ערשטער ווידערשטאַנד.

אַרבעטער האָבן זיך שוין געפילט הונגעריקע. האָבן עטלעכע זיך אָנ־

גענומען קויער, זיך ראפטאַם געלאָזט צו דער געביידע. עטלעכע פּאָליציילייט האָבן זיך באַלד דערנענטערט, אָפּגעשטופּט מיט די בייכער, געקלאַפּט מיט די שיך.

— איר האָט געקוויט די דזשאָבס, קענט איר מער דאָ נישט עסן — האָט מען זיי געלאָזט וויסן.

לאַנג איינטאַינען האָבן די אַרבעטער נישט געוואָלט. דער הונגער האָט נאָך דערוויל קיינעם נישט געמוטשעט. יעדער איינער האָט נאָך געהאַט עפּעס צו עסן. מען האָט נאָך אַלץ געוואַרט וואָס דער אָפּיס וועט אָנהויבן צו טאָן.

— זעסט נישט? האַרטע קעפּ!

— אומזיסטיקע פּרעסערס!

— די קנעפּ זיינען שוין איינס מיט זיי — האָבן די וואַלדהעקער צווישן זיך גערעדט.

טייל האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום איינציקן געוועלב, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער קאָמפּאַני. דער פּאַרקויפער — אַ געלבלעכער, דאַרער איירישמאַן — האָט היינט שטומערהייט, אָן כאַניפעלעך פאַרקויפט פּראָדוקטן צו די וואַלדהעקער. יעדע זאַך צו געהעכערטע פּרייזן. דער „רעדזשיסטער" האָט איינגעשלונגען די לעצטע געבליבענע געלטער פון די אַרבעטער. יעדע ווײַלע האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער ציפער פון פּראָנט מיט אַ בויערנדיקן קלאַנג. דער קלאַנג האָט ווי געזאָגט:

— אהער ס'געלט, ס'גאַנצע געלט אהער!

אויך די קוינים האָבן געקראָגן פון דער קאַסע אַזעלכע זויערע בייזע פּענימער, ווי זיי וואָלטן געליטן אויף מאָגן־קראַנקהייט.

— ריינע גזיילע.

— גיב נאָר אַ קוק סאַראַ יאַקרעס דאָס איז — בלויז באַרגעינס.

אין דעם געוועלב איז געווען מיקאָל האַמינים, אַפילע אַ טריפענעם שנאַפּס, פון אַזעלכע זאַכן וואָס אַ מענטש ווייט פון אַ אישעוו דאַרף. נאָר נישט פיל פון יעדן מין. יעדער מין האָט ווי געזאָגט:

— „קוים געקראָגן דאָס ביסעלע".

אַזוי האָט זיך געדוכט קוקן די דאָזיקע געציילטע, מעיוכעסדיקע מינים. און די מענטשן האָבן זיך דאָ טאַמיד ווי געשעמט צו דינגען.

עמעסע סאָנים זיינען די אַרבעטער געווען איצט דעם געוועלבל. צעדיסן וואָלטן זיי עס מיט דעם יאַקרעסדיקן געשפּדענקלטן איירישמאַן, וואָס איז דאָ ווי אַ פּיאַווקע זיך געשטאַנען שטיל, באַשיידן און געזויגן די אַצאָמעס.

— מיט איין האַנט גיט מען אַ מאָגערע פּעי און מיט דער אַנדערער

געמט מען צוריק, עי? — האָט עמיצער געזאָגט. דער פּאַרקויפער וואָס אַלע־מאָל געפינט ער וואָס צו זאָגן, איז איצט געווען מאַמעש טויב. אים האָט בלויז געוואונדערט וואָס קיינער בעט נישט קיין מאַשקע, אַפּאָנים זיי האָבן אַזוי אָפּגעמאַכט און האַלטן זיך איין. ער וועט וועגן דעם אויבעט לאָזן וויסן מיסטער קופּערן...

יאָ, די אַרבעטער האָבן געהאַלטן וואָרט: נישט טרינקען אַזוי לאַנג, ווי עס איז אַ סטרייק. אַלע פּאַרדינסטן ליגן זיי דאַרטן אַריין. טאָמער וועט זיך דער סטרייק פאַרציען, איז כאָטש צי אויס די פּיס פּאַר אַ פּעניץ ברויט.

— אַזעלכע ביטרע פוקסן — האָט מען מיט אויפגעקאָכטע אויגן גע־קוקט צו דער אָפּגעהיטענער אָפּיס געביידע.

טייל שוין איבערגעביסענע, מערסטנס עלטערע אַרבעטער האָבן זיך דערמאָנט, אַז ס'איז דאָ אַ געביידע מיט אַ שטיקל בעט, וואו מען קען דער־שלאָפן די נישט־דערשלאָפענע נאַכט. טייל האָבן מיט פּענים געשפּילט אָפּן „סלאָט־מאַשין". די מער ערנסטע זיינען נישט אָפּגעטראָטן, געשטאַנען איינ־דרויסן און געוואַרט אויף אַן „עפּעס" וואָס מוז געשען.

פון יענער זייט וואַלד, וואו עס געפינט זיך קאַרניקס באַנגאַלע, איז פרייליך געקומען צוגיין קאַרניק אַליין. זיין פּאָנים האָט געשמייכלט מיט בע־טאָכן און צוזאָג.

— נישט געזאָרגט, מירן האָבן אַן אייגענע קיך.

אַלע האָבן זיך געלאָזט צו אים. נישט אַזוי די קיך, ווי דער געפיל, אַז מען קען פייפן אויף דער קאָמפּאַני מיט זייערע שפּיצלעך.

— הונגערן? נאָו סער! ס'וועט זיין צו עסן אַזוי ווייט — האָט קאַר־ניק געוויזן איבער די וואָנסעס.

ביים לינקן, זייטיקן אַריינפאָר־וועג איז טאַקע שוין געשטאַנען אַ גרוי־סער לאַסט־וואָגן, וואָס איז זיך דאָ אַהער שטיל שווייגנדיק אָנגעקומען. אַ גרויסער האַלב־פאַרזשאַווערטער קאָך־אויוון האָט פרייליך אויפגעלעבט פון צוקנדיקן פייער וואָס האָט געפלעמט פון צווישן די פייערקעס. אַ נידעריקער רויך האָט זיך ווי אַ שאָטן געבויגן צו דער ערד, זיך צעקראָכן צווישן די ביי־מער. פרעמדע אַרבעטער האָבן אַראָפּגעשלעפּט קוישן מיט פרישע ברויטלעך. זיי האָבן פאַרשמעקט די לופט מיט קאָרענע רייכעס.

די יעדיע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין אַלע קעמפּ־ווינקלען. מען איז געקומען באַקוקן דעם וואונדער, באַ אַ טייל זיינען געשטאַנען אַזש טרערן אין די אויגן. מיט וואָס האָבן זיי זיך דאָס פאַרדינט באַ דעם טאָני, וואָס ער האָט זיי אַזוי אינזינען?

— א ברידערלעך הארץ.

— א שטאַטישן קאָפּ אף זיך.

— „זיי" וועלן ווײַנען און שליסן א קאָנטראַקט מיט די וואַלדהעקער

— האָט מען זיך געפּרייט. אף אַלעמענס ליפּן איז קעסיידער געווען טאָנים גאָמען. מ'האָט שוין געוואָלט וויסן פונוואַנען ער שטאַמט, וואָס ער איז, אן איטאַליענער, א איד. וואָס איז דער כילעק, אַבי ער איז מיט זיי? מען האָט זיך גענומען דערציילן מאַיסעס: וואו נאָר דער טאָני קומט, אַזוי ווערן די אַרבעטער אויפגעריכט. די באָסעס האָבן פּאַר אים מוירע, איימעס מאַוועס. די פּאָליציי זוכט אים טאָמיד אַרום און וואו ער טאָגט, נעכטיקט ער נישט. נישט ער גאַזלט, נישט ער ראַבעוועט. בלויז פּאַר זאָגן יעדן דעם עמעס.

די קעסלען אויפן קאָך־אויוון האָבן גענומען זידן — געזשומעט ווי א מאַכנע בינען. דער הונגער האָט שוין גענומען רויען אין בויך. די וואַלדהעקער האָבן זיך צעזעצט אויף די פּניאַקעס, גרייט צו דער אַכילע. ווער מיט א טאָפּ, ווער מיט א קריגל.

קאַרניק איז געווען באַלעבאָס, אויסגעקליבן קאָמיסיעס. מען האָט געטיילט גלייך אַזאַ שמעקנדיקע זיסע קאַווע, וואָס די וואַלדהעקער האָבן שוין זייער לאַנג ניט געטרונקען. א טייל האָבן זיך פּאַסמאַקעוועט.

— איי, איי, א מעכאַיע צו סטרייקן, זאָג איך אייך.

— עסט דאָס ביסל עסן. רואיק ווי אין א יאָנטעוו — האָבן זיך אַסאַך אַרבעטער אונטערגעלענט, געווישט די צעפּאַרעטע, זאַטע, שווייסיקע פּענימער.

זיי האָבן טאַקע גענעסן רואיקע, צעשפּרייט אף די פּניאַקעס ווי א מאַכנע רעקרוטירטע זעלנער, וואָס האָבן נאָכניט באַקומען די אוניפאָרמען.

פּלוצים איז פון קעמפּ געקומען צולויפן א האַלב־אויסגעטאָענער אַרבעטער מיט א פאַרשלאָפן פּאָנים, ווי פון א סרייפע אַרויס. ער האָט געשריען מיט אומפאַרשטענדלעכע קולעס. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דאָרטן אין קעמפּ קומט עפּעס פּאָר.

אַלע האָבן זיך א לאָז געטאָן מיט די קיילעס, מיט די שטיקער ברויט צו דער גאַס, וואָס ליגט ווי א דאַלעד מיט צעשטעלטע געביידעס.

אויפן גאַס האָבן זיי שוין אַלץ געזען. אַלע פּאָרלייט מיט דעם דאָרן פּאַרוואַלטער, וויליאַם קופּער, מיט דעם איטאַליענישן פּאָרמאַן ־ קאָנטראַקטאָר. זיי זיינען געגאַנגען פון געביידע צו געביידע אַרויסגעוואָרפן די וואַלדהעקערס אָרימע ווירטשאַפט אויבן מיטן גאַס.

באַלד האָבן זיך געוואַלגערט רוקזעק, צעריסענע שטיוול, יאַנטעוודיקע,

אָפּגעהיטענע קאָלירטע העמדער, הויזן, רעקלעך — אַלץ אויסגעמישט אויף דער פייכטער ערד.

— נאָך היינט זאָלט איר זיך פונדאַנען פאַרנעמען! — האָט קופּער געזאָגט ווי פאַר זיך, וואָרים עס האָט אים נישט געפּאַסט צו רעדן מיט פרעמד־געבוירענע ווידערשפּעניקע אַרבעטער.

— עס הויבט זיך אָן דער סטרייק — האָט אַן אַרבעטער געזאָגט.

יאָ, דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן. די אַרבעטער האָבן זיך מיט פאַרביטערונג אַ וואָרף געטאָן אויף זייער אָרים האָב און גוטס. יעדער האָט גענומען אויסקלייבן זיינע זאַכן, זיך געלאָזט אַרויף צו די געביידעס.

די פּאָליציייליט זיינען געשטאַנען אויף די טרעפּ ביי די פאַרשלאָסענע טירן, געוואָרנט מען זאָל אָפּטרעטן, אַז נישט וועלן זיי באַנוצן די גומענע שטעקנס. זייער טאָינע איז געווען:

— איר האָט געקוויט, דאַרף מען ברענגען אַנדערע אַרבעטער.

— מיר סטרייקן בלויז — האָבן די אַרבעטער געשריגן.

— מיסטער קופּער הייסט נישט סטרייקן. ער איז דער באָס. אים דאַרף מען פאָלגן. ער טרייעט די בעסט.

די אַרבעטער האָבן דערפילט אַז עס איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט ביי די מענטשן. זיי זיינען געשטאַנען לעבן די פּעקלעך, אַרויסגעוואָרפענע, מיט פאַרקריצטע ציין.

עס וואָלט מיסטאָמע געוואָרן אַ געשלעג, ווען עס וואָלט זיך נישט באַוויזן קאַרניק — אַ שמייכלענדיקער מיט אַ גרופּע אַרבעטער הינטער אים. ער האָט שוין געזאָרגט בעסער ווי אַ פאָטער. ער האָט געזאָגט:

— נישט געזאָרגט, מיר וועלן באַלד האָבן טענטס וואו צו שלאָפן.

איצט האָבן די אַרבעטער פריילעך אָפּגעטראָטן. טיף אין דער אַדאָמע האָבן זיי, די וואַלדהעקער, די דאָזיקע פאַרשטונקענע דומפּיקע הייזער. דער כּוואַער קאַרניק ווייסט, אַז אין אַ ביידל קען אַ וואַלדהעקער שלאָפן ווי אין אַ פּאַלאַץ. נישט געזאָרגט — מיט רישעס קען מען נישט אָפּשרעקן. זיי זיי־נען אַרוים אין סטרייק, קעדיי צו זיגן.

ערשט פאַרנאַכט האָבן זיך באַוויזן סימאָנים אַז קאַרניקס רייד זיינען געווען עמעסע. עס האָט זיך געהערט פון דעם זייטיקן וועג אָנקומען אַ שווע־רער לאַסט ־ וואָגן מיט ביידלעך.

דער יונגער בלאָנדער פּיניער פּאָול האָט איבערגעגעבן אַ בריוו צו קאַרניקן. ער האָט איבערגעלייענט און געהייסן אויפשטעלן ביידלעך.

באַלד האָט מען צוגענומען די לייוונטענע פּלאַנדערקעס. מען האָט

געשניטן דרענגלעך. די וואלדהעקער האָבן געבראַכט צושלעפּן ברעטער, גע־זעגט און געהאַקט. די גרעסטע מייסטערשאַפט האָבן די ארבעטער ארויסגע־וויזן, געארבעט מיט אַזאַ ליבשאַפט ווי זיי וואָלטן פאר זיך אויפגעבויט נייע הייזער.

דער קורצער טאָג איז דערוויילַ ווי איינגעזונקען געוואָרן צווישן דער געבערגטער וואלדערניש. די נאַכט איז אָנגעקומען מיט גרויער פינצטערקייט. די קעלט האָט זיך פארשטאַרקט, געריסן די אויפגעשטעלטע ביידלעך. קליינע שנייעלעך, דריבנע האָבן גענומען פאלן אויף דער אומעטיקער פארלאָשענער ערד.

די וואלדהעקער זיינען איינציקווייז פארקראָכן אינעווייניק — געווען מיד פון ערשטן ראשיקן טאָג און פון א נישט־דערשלאָפענער נאַכט.

פּלוצים האָט זיך ווידער באַוויזן מיסטער וויליאַם קופּער — א בלאַ־סער צעווילדעוועטער מענטש מיט זיין גאַנצער בריגאַדע. זיי האָבן מיט רוג־זע גענומען רייסן די פּלעקענער פון דער ערד, געריסן די אויפגעשטעלטע ביי־דלעך, ווי זיי וואָלטן אַף לעהאַכעס וועלן די וואלדהעקער זאָלן די נאַכט נישט האָבן קיין דאַך איבערן קאָפּ.

— אָפּטראָגן זיך, אָפּטראָגן זיך פון דאנען! האָבן די פּאָרלייט גע־שריגן. די ארבעטער זיינען אויפגעשפּרונגען, איינגעהאַלטן די צום־גרונט גע־פעסטיקטע סלופּעס.

— ס'איז „פּריוועט פּראָפּערטי", איר האָט קיין רעכט דאָ נישט.

די פונדערווייטנס שטייענדיקע, גלייכגילטיקע פּאָליציילייט האָבן צוגע־שאָקלט מיט די קעפּ, ווי מעווינים אויפן געזעץ:

— יאָ, ס'איז פּריוועט פּראָפּערטי.

עס וואָלט ווידער געקומען צו א געשלעג, נאָר קארניק איז ווייטער דאָ געווען אויף די פיס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף א פּניאַק, אָנגעהויבן רעדן צו די וואלדהעקער.

די פּאָרלייט מיט קופּערן זיינען געבליבן געפּלעפטע. זיי האָבן זיך איינער דעם אנדערן איבערגעקוקט, איבערגעפרעגט וואָס ער זאָגט — אזוי צעשמעטערט זיינען זיי געוואָרן פון זיינע רייד — ער הייסט זיי אויפשטעלן נאָכאַמאָל, אפילע הונדערט מאָל וועלן זיי אַלץ אויפשטעלן.

— ער זאָגט, מען קוקט ארויס אויף א געשלעג, קעדיי צו ארעסטירן די טוער.

ווי ריכטיק ער, דער געניטער קארניק האָט אַלץ פארשטאַנען, וואָרים

הינטער דער אָפּים געביידע איז טאַקע געשטאַנען א גרויסער ארעסט ־ וואָגן צו פארנעמען אין טפיסע אריין.

די פּאָרלייט זיינען פון קופּערס א וואונק צוריקגעגאנגען צום קעמפּ. ס'מיינט, זיי דארפן זיך ווידער איבערלייגן וואָס צו טאָן. פונדערווייטנס האָבן זיי באַלד געהערט אַ קלאַפּן, א פאראקשנט גיך קלאַפּן פון וואלד־ארוים. זיי האָבן אהין געלויכטן מיט זייערע עלעקטרישע לעמפּלעך, געזען ווי די מענטשן, פּונקט ווי מוראשקעס, לויפן, שלעפּן צונויף אלץ וואָס איז צעוואָרפן געוואָרן.

דער איטאַליענישער קאָנטראַקטאָר האָט מיט א געדריקטער שטימע געזאָגט.

— דער סטרייק הויבט זיך ערשט אָן.

מיסטער קופּער וויליאמס האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

* * *

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט געשאָטן א שניי. די שטעגן ארום דעם הייזל פון דער יוניטי ליג זיינען געלעגן פארשאָטן. אויף איין זייט האָט דער ווינט אָנגעלייגט שפּיציקע שניי־בערג, אזש די בוימער ביז די העלדזער זיינען געווען פארשטעקט.

דער צאָפן־ווינט האָט געריסן שטיקער פון דעם נעבעכדיקן יענגער־הייזל, געכלאַפּעט מיט אַ שניי־שטורעם און פארפּרישעט די פענצטערלעך מיט הארטע שניי־זעמדעלעך.

פון צייט צו צייט האָט זיך אהערגעקאָפּעט אַ מענטש, צי אמאָל עט־לעכע צוזאמען — געבראַכט ידיעות. די ידיעות זיינען געקומען צו כאוועד טאָני.

איין ידיעה נאָך דער אַנדערער:

עס קומט מיליטער אין דעם געגנט.

פארמיטאָג האָבן זיי זיך טאַקע באוויזן. פון ברייטלעכן פארשאָטענעם וועג האָט זיך געזען, ווי א קאראוואן וואָלט זיך אהערגעצויגן. וואָס נענטער אלץ בוילעטער האָט זיך אויסגעשיילט א גלייכע שורע קליינע טאַנקעס, די ברייטע אייזערנע פּאַסן האָבן געשנאָרכעט ווי מיט העלפאַנטישע נאָזלעכער אויפן שניי, געבלאָזן פון זיך מיט העלע דעמפּיקע רויכן.

זיי זיינען געקראָכן אָן פּיס, געפּראַכט בארג־ארויף, געשליידערט און צעטראָגן די צעשפּיצטע שניי־בערגלעך. די פארשנייטע איינגענורעטע לופּעס האָבן ארויסגעקוקט טאַמעוואַטע, ווי נישט זיי וואָלט מען דאָ געמיינט...

נאָך דער שורע קליינע טאַנקעס איז מיטגעפאָרן א גרויסער פארמאכ־

טער אויטאָמאָביל מיט שויבן אַדומאָונאַדום. פון די פענצטערלעך האָבן אַרויסגעקוקט יונגע זעלנער מיט שטאָלענע העלמען אויף די קעפּ — ווי צו אַ שלאַכט.

זיי זיינען זיך אַזוי פּאַמעלעך דורכגעפאָרן דעם יעגער־הייזל — די קוואַרטיר פון דער „יוניטי ליג״ — און פון דאָרט זיך געצויגן צום קנופּ סטרייקנדיקע קעמפּס, וואָס ליגן דאָ בעשכיינעם.

כאַוועד טאָני, וועלכער איז דאָ געשטאַנען ביים פענצטערל, האָט אומגעקערט דעם קאָפּ צו די אַרומיקע סטרייקער, מיט אַ שמייכעלע געזאָגט:

— אָפּצושרעקן די גענדז.

אַלע האָבן ביטערלעך געשמייכלט, וואָרים זיי האָבן געוואוסט די באַלעבאַטימס ציל אָפּצושרעקן די סטרייקער, כאָטש געלאָזט וויסן האָט מען, אַז מען איז אויסן בלויז נישט צולאָזן שלאָגן קיינעם...

כאַוועד טאָני איז דעם טאָג קעסיידער דאָ געזעסן. זיין פּאָנים איז געווען אויסגעצערטער ווי אַלעמאָל. די טונקלקייט פון זיין הויט האָט זיך געבליכט, זיך באַגאָסן מיט קאַלטע און הייסע פיבערן, זיינע ציין האָט ער געהאַלטן פאַרשטשעמעט. אַ בראַנד־פייער האָט אים געצערט.

קעסיידער שלעכטע ידיעס. אומעטום בילבולים, אַרעסטן אויף די וואַלדהעקער. און אַלע פאַרקוקן זיך אויף די מאַיסים אינם „קאָלומביע לאָמבער קעמפּ״. טאָני שטעלט זיך האַסטיק אויף, דריקט מיט די פויסטן דעם טיש:

— מען מוז יענע פעסטונג נעמען!

פאַר זיינע אויגן שטעלט זיך פאַר לאַנדסטראָם, ווי ער בלאָנדזשעט איבער ווייטע שטרעקעס, גאַנצע מעסלעסן איבערן וואַלד. מען דאַרף אויך איינשטעלן. וואָס פאַר אַ טערעץ וועט עס זיין: שניי־זאַווערוכעס...

אינדרויסן איז געקומען צופאָרן אַ שווער־באַזעצטער לאַסט־אויטאָמאָביל פול מיט באַשניטע סטרייקער. זיי זיינען געווען שווייגנדיקע, צעררייצטע. די פּענימער פון ווינט רויט־צעברענטע. זיי האָבן אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם שניי, פול-געמאַכט די פאָדערשטע גרעסערע צימערן. צווישן זיי האָבן זיך געפינען קאַרניק און לאַנדסטראָם.

טאָני איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען מיט הונגעריקע אויגן. ער דערקענט, ער ווייסט שוין, וואָס דער ענטפער וועט זיין: — „זיי״ האָבן נישט געלאָזט דורכרייסן זיך צום קעמפּ.

שוין נישט איינמאָל האָט ער אַליין, טאָני געזען ווי דער „קאָלומביע לאָמבער קעמפּ״ לאָזט נישט אַריין דורכן גליכן וועג קיין פרעמדע.

טאָני האָט זיך נאָכדעם אַליין ארומגעדרייט אין א באזונדער ביידע־רל, אויסגעאַרבעט א פּלאַן. ווען ער איז מיט זיך פּאַרטיק געוואָרן, האָט ער דערפילט, ווי א שווערע מאַסע איז אים אַראָפּ פון הארצן. אַן אויפגעהייטער־טע קראַפט האָט אים אַ טראָג־געגעבן אין די פאָדערשטע כאַדאָרים אריין.

אַלע זיצנדיקע, שטייענדיקע וואַלדהעקער האָבן ווי אָפּגעדעכעט, זע־ענדיק זיין רויט צעפלאַמטן פּאָנים. זיי האָבן געטראַכט — עפּשער האָט ער דערהאַלטן א גוטע בסורע פון ערגעץ, טאָני, עפּשער...

— כאַווירים — האָט זיך טאָני א שטעל געטאָן שלאַנק־אויסגעבוי־גן מיט א פּאָר הונגעריקע אויגן, ווי ביי א וואָלף — איך גיי צום קאָלומביע לאַמבער קעמפּ.

א פּויזע.

— ווער גייט מיט מיר דורכן וואַלד?

א ווײַלע האָט געהערשט א שטילשווייגן. אויף אזא פּלוצימדיקן איינ־פאַל האָט זיך דאָ קיינער נישט געריכט. א סוואָרע, אַלע האָבן זיך אויגנבליק־לעך איבערגעדיינקט. עס האָט אויסגעבראָכן א געשריי פון היספּאַילעס, גלייך די שויבן וואָלטן געפּלאַצט.

— אַלע גייען מיר! שור, עני טיים!

טאָני האָט קינדיש א שמייכל געטאָן — א שמייכל, וואָס האָט אַלעמען פּאַרזיכערט נעצאָכן. טאָני האָט גענומען פּאַרלייגן זיין פּלאַן: ער, טאָני פּאַר־לאַנגט די בעסטע יונגען זיך באַלד צו לאָזן אין וועג אריין דורכן וואַלד צום „קאָלומביע לאַמבער קעמפּ". די איבעריקע זאָלן מיט קאָרניקן אינמיטן נאכט ארויספאָרן, אומבאַדינגט דורכרייסן די וואַך־ליניע. ווען אַלע קעמפּ־וועכ־טער וועלן ארוים פּאַרהאַלטן די פּרעמדע, וועט ער, טאָני אריין אין קעמפּ.

פון די פּאַרזאַמלטע האָבן זיך אַלע געריסן צו גיין מיט טאָנין. יעדער האָט זיך געשטופּט וואָס נענטער, טאָני זאָל אים באַמערקן. זיי זיינען גע־שפּרונגען פון דער הויט פון טאָניס סייכלדיקן פּלאַן. ארום טאָנין זיינען איצט געשטאַנען ריזיקע מענטשן: שאַרפע קינבאַקן, הויכע ארויסגעשטופּטע ברוס־טן, שווערע מאַזאָליעדיקע הענט.

עס איז געווען א נאָכעם צו קלויבן: יונגען, איינס און איינס. יעדער אויסדערוויילטער האָט זיך גענומען גרייטן צו דער נעסיע. אָנגעשטופּט רוק־זעק מיט ברויט און בלעכלעך סאַרדינען, פּאַרצויגן אויף די לענדן, פּריילעך נערוויכערט פּייקעס. איינער דעם אַנדערן האָט געבוכטשעט, ווי באָקסלער ארויסגעוויזן די ארויסשפּראָצנדיקע גוואורע. עס איז זיי פּריילעך געווען אויפן געמיט.

אינעווייניק, אין א באזונדער ביידעדל האָט נאָך טאָני לאַנג געשמו־עסט מיט לאַנדסטראָמען וועגן שטרויכלונגען אין וואַלד און מיט קאַרניקן וועגן ארויסקריגן די וועכטער און זיי לאַנג פאַרהאַלטן.

נאָכדעם האָט מען זיך געלאָזט אין וועג אריין. דער וועטער איז גע־ווען א שטאַרער, ווי ערעוו א פראָסט. דער הימל — דורכזיכטיקער קריס־טאַל. די זון האָט פון א באהעלטעניש געשפּיזט מיט זשאַרע שאַרפן. שיטערע, ראָזע וואָלקנדלעך האָבן דאָ און דאָרטן זיך געכוואַליעט ווי דער הימל וואָלט געבליט.

א לאַנגער וועג איז געווען צעטראָטן, צערונען פון די טאַנקעס. קיי־נער האָט וועגן דעם נישט גערעדט. יעדער האָט שוין געטראַכט, אז גוטס וועט פון די טאַנקעס נישט ארויסקומען. א סטרייק איז היינט אַן עמעסע מיל־כאָמע. זיי קענען אָבער מיט קיין טאַנקעס נישט צווינגען צו גיין ארבעטן קיינעם, בעאיין אויפן נישט!

די ביימער אין וואַלד זיינען דאָ געשטאַנען שלאַנקע, הויכע ווי אויס־גע־דאַרטע פאַרהונגערטע פיס. פון צייט צו צייט האָט א שאַרף ווינטל אַראָפּ־געבלעזלט שניי־זעמדלעך, דינינקע ווי א רויך. דאָ און דאָרט זיינען געלעגן אויסגעשפּרייט גאַנצע שטרעקעס מיט צוזאַמענגעטולעטע קוסטעס, וואָס האָ־בן אויסגעזען ווי מאַכנעם שלאָפנדיקע בערן.

פאַרנאַכט־צו איז מען שוין געגאַנגען אזוי, אָן א וועג. די צוואַנציק מענער מיט טאָנין און לאַנדסטראָמען פון פאָרנט האָבן זיך קעסיידער גע־האַלטן צום דאָרעם פון וואַלד. וואָס ווייטער אַלץ טיפער האָט מען זיך גע־טאָפּטשעט אין א וו‍ייכן שניי.

יעדער האָט זיך אויסגעזוכט א שטעקן, געשטעלט פאָרזיכטיק די טריט. טאָני האָט יעדע ווײַלע געקוקט הינטערוווילעכץ, ווי ער וואָלט מיט זיי־נע רויט־צעצונדענע אויגן אָפּגעבריט יעדן פון די גייענדיקע. ער האָט בע־איין אויפן נישט געוואָלט מען זאָל כאָראָטע האָבן און צוריקגיין. עס וואָלט געוואָרן א פאַרשלעפּטע קרענק.

אייניקוויז האָבן די מענטשן זיך דערפילט זיכערער אויף דעם אומ־באַקאַנטן וועג. אַלע האָבן, פעסטע, לעבעדיקע, פריילעכע יונגען, זעלנעריש געטראָטן דעם וועג. פון אַלעמענס פּענימער האָט געשפּראָצט בלוט און גע־זונטקייט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אַן אומגעזעענער פויגל האָט ערגעץ, צווישן די ביימער פון ווייטן אהערגעשריגן. עס האָט זיך געהערט קלאַפּן ברייטע פליגלען צווישן די קרוינען. די וואַלד־שטילקייט האָט זיך ווי א טרייסל־געטאָן.

דער ווינט, ווי פון זיין טאָגיקן שלאָף, האָט זיך א דערציטערטער אויפגע־כאַפּט, האָט אויפגעהויבן א פּאָר מעכטיקע פליגל — ווייסע שניי־פליגל — און געפאָכעט.

— פיו—ו—ו—ו, הו—ו—ו—ו.

נאָכדעם האָט דער ווינט שוין גענומען בויערן די אויערן, זיך גע־טראָגן מיט קוילעס, ווי פון טויזנטער פאַלנדיקע איבערגעבראָכענע ביימער, געבלאָזט מיט צעפלאַדערוועטע שניי־פאַלעס איבער די פּענימער.

די צוואַנציק שווייגנדיקע מענטשן האָבן שווער געטראָטן, זיך גע־קאָפּעט אין שניי מיט געבויגענע קעפּ. פון צייט צו צייט אויסגעדרייט די פּע־נימער אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. זיי זיינען ווי קלענער געוואָרן, ביז איבער די קניען געזונקען אין שניי. טייל זיינען מיט פאַרמאַכטע אויגן געגאַנגען אין דרימל, זיך געהאַלטן הינטער די פּעסטע כאַווירים. יעדער איז געווען פאַר־טאָן אין זיך, געזען פאַר די אויגן באַלויכטענע, רייכע שטעט מיט שטילע וואַ־רעמע שטובן, וואו מען שלאָפט איצט מיט פּערענעס פאַרדעקט.

יעדער האָט מיט בענקשאַפט געטראַכט פון זיינע קרויווים, זיין גע־בורטלאַנד, וואו ער האָט געלעבט צווישן אייגענע, רואינירטע פון דער מיל־כאָמע, אָבער דאָך צווישן אייגענע; אַז דאָ אַהער האָבן די קאָמפּאַנים מיט שרייענדיקע גאַניידן־פּלאַקאַטן זיי פאַרנאַרט צו די ערגסטע ארבעטן פאַר מיזערנע לוינען. זיי האָבן שטאַרקער ווי אַלעמאָל איצט דערפילט, אַז זיי איז נישט גוט, אינערגעץ נישט געווען גוט.

טאָני האָט שוין אויכעט געהאַט קרענקונג, וואָס אים איז איינגעפאַלן אזעלכע מעשונעדיקע פּלענער, צו שלעפּן מענטשן אויף מיילן ווייט, איבער וואַלד, באַנאַכט. און באַלד — א צווייטער געדאַנק: ער טוט ריכטיק. דאָס איז אונזער לעבן:

— א סטרייק איז א מילכאָמע צו פאַרטיידיקן אונזער לעבן.

טאָני מיט לאַנדסטראָם זיינען נאָך די איינציקע, וואָס גייען שאַרף אנטקעגן ווינט מיט פאַרביסענער גוואורע. וואָס מער די אנדערע מענטשן ווערן אָפּהענטיקער, אַלץ פלינקער בויגזאַמער טראָגן זיי זיך. די מענטשן גייען נאָך פאַרביסענע שווייגנדיקע. א שרעקלעכער אומעט קומט פון זייער שווייגן.

עס האָט זיך שוין אַפילע גענומען הערן א מורמלעריי, פאַר וועלכן טאָני האָט זיך פריער געשראָקן.

— מ׳וועט אפילע נישט ווימן וואו אונזער געביין איז אהינגעקומען — האָט מען אין די הינטערשטע שורעס גערעדט.

דער ווינט האָט פאַרשלונגען די ווערטער, זיי צעבלאָזן ווי שטויב.
— א נישט וועט מען דען דערגיין?
— וואָס ווייסט א שטאָטישער וועגן וואַלד?
און דערנאָך.
— די „ערשטע האַנט" איז שולדיק, דער נאַרוועגישער באָק.

טאָני זעט, ווי לאַנדסטראָם ווערט אומרואיק. טאָנין דוכט זיך, אז אָט וועט דער יונג אויפשפּרינגען, זיך אָפּרייסן פון אים, ארונטערלויפן צו די הינטערשטע רייען און זיך נעמען שלאָגן.

טאָני בארואיקט אים מיט א שמייכעלע. דאָס שמייכעלע איז ווי א געבעט פון א שולדיקן. ער ווייסט טאָני, אזוי דאַרף זיין, מענטשן האָבן ליב צו מורמלען, ווען זיי פילן א מינוט שלעכט, אפילו פון אן אייגענעם. נישט אַלע האָבן געדולד איבערצוואַרטן.

לאַנדסטראָם שמייכלט צוריק. ער דרייט אויס דעם קאָפּ, בויערט די לופט ווי א שטיפערישער לאָשעק. יאָ, אויפצורעגן זיך איז נישטאָ צו וואָס. א דאיגע האָט ער. דעריקער מאָרגן.. דעמאָלט וועט מען זען, אז טאָני איז גע־רעכט. ער ווייסט שוין אויכעט דערוויַיל, וואָס צו טאָן. ער האָט זיך א לאָז געטאָן צו די הינטערשטע נאָכגייער, זיי געגעבן קוראַזש, שוין צום ווּיפלסטן מאָל זיי דערציילט, ווי אזוי ער האָט דריי נעכט און דריי טעג געבלאָנדזשעט אין דעם וואַלד. יעדעס שטענגעלע איז אים באַקאַנט. קיינער קען אים ניט נאַ־רן. ער קען דעם וואַלד ווי זיינע צען פינגער.

זיי האָבן זיך מעכאַבער געווען מיט סיגאַרעטן. פונקען־פייער האָבן זיך צעשפּריצט אויפן ווינט. זיי האָבן געלאַכט און געזונגען, דערוויַיל זיינען מיילן דורכגעשווינדן, באַרג־ארויף און טאַל־אראָפּ. א מילכדיקע ווייסקייט האָט גע־מיניעט פאַר די אויגן אַלץ טיפער אין וואַלדיקער ווילדערניש.

צו האַלבער נאַכט האָט דער ווינט נאָך רויער געוואָיעט, זיך געדרייט אין א צירקל, אויפגעהויבן די מענטשן און זיי געטריבן אינדערלופטן, זיך געשרויפט אויף דיביימער, ווי ער וואָלט זיי וועלן אויסרייסן מיט די וואָרצ־לען אויף אייביק.

פון ערגעץ ווייט האָט זיך גענומען הערן אן איימעדיקער היילן, א וואיען, אזא באַזונדערער, אויסגעטיילטער פון ווינט — א וועלפישער וואָיען. אויף אַלעמענס פּנימער — א גרויליקער שרעק.

דאָס געהיילעריי פון וועלף האָט זיך דערנענטערט פון צווישן שניי און ווינט־געפלאַטער און האָט פון צייט צו צייט אויפגעפינקלט ליכטיקע אויגן־בליצערס. סאַרפּעדיקער גאָלד און גרין האָבן א גלי־געטאָן איבער פּע־

נימער, אזש א סקרוך איז דורך איבערן לייב. ביי א טייל איז דער אָטעם פאַר־טייעט געוואָרן.

מען האָט זיך געשטעלט לעבן א טאָל מאַכן פייער. איינס און צוויי האָבן כעוורע צונויפגעשלעפּט צווייגן. דער ווינט האָט געהוליעט איבער זייער קעפּ זיין וואַלדישע סימכע. אין טאָל האָט זיך אַ פלאַם אויפגעכאַפּט, ארומגעלעקט די פארשנייטע צווייגן, אויפגעלויכטן די אויסגעצוויקטע פּענימער.

דעמאָלט האָט טאַני דורכגעשפּאַנט, אַ שמייכלענדיקער זיך איינגעקוקט אין אלע פּענימער — געטרייע איבערגעגעבענע פּענימער.

— כאַוויירים, מיר נעמען צום אָפּשטימען: ווער וויל צוריקגיין?

קיינער האָט נישט געענטפערט. אלע האָבן דרייסט, אקשאָנעסדיק גע־האַלטן אויפגעהויבן די קעפּ.

טאַני האָט לוסטיק א צעשטרעק געגעבן די הענט, ווי ער וואָלט עמי־צן ארומנעמען.

— בראַוואָ, כעוורע! סע גוט צו לעבן מיט אייך...

נאָכדעם האָט מען געשלעפּט ברויט פון די רוקזעק, זיי אויפגעטאַ־יעט, זיך געוואַרימט, געוויצלט און געגעסן מיט וועלפישן אַפּעטיט אַ שפּע־טן אָונטברויט.

* * *

עס איז אָנגעקומען א נייער פרימאָרגן — אַן ערעוו־פרילינגדיקע זון האָט ווי א קראַנק פאַראַפּיעט אויג זיך אויסגעפּיקט פון דעם צעשוואָומענעם נעפּל. פון די ארומיקע אויפגעשווילטע זומפּן האָט ארויסגעפּאַרעט א וואַרי־מע דומפּיקייט, מיט אַ גערוך פון פארפוילטע בלעטער.

בלויז אויף געציילטע ערטער האָבן זיך געהויבן געבערגלטע אינזע־לעך. גלייכע, שלאַנקעביימער מיט פאַריסענע קעפּ, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געראַטעוועט פון די ארומיקע טאָלן.

די צוואַנציק סטרייקער מיט טאַני'ן זיינען שוין געווען אויסגעמאָרע־טע, פארשוואַרצטע פון צוויימעסלעסיקן וואַנדערן. זיי האָבן ארומגעקרייזט די זומפּן, געקראָכן אויף די פארקריפּלטע ביימער, וואָס האָבן ארויסגעסטאַר־טשעט פון מאָכיקן פארוואַקסעניש.

פון צייט צו צייט האָט ווער געפּרואווט שטעלן א פוס אויפן זומפּ. אָבער דער טראָט האָט גלייך געגומען פארזינקען. האָט מען זיך מיט מוירע אומגעקערט.

— א זומפּ איז דיר נישט קיין שפּילכל — האָט איינער געזאָגט צום אַנדערן.

— קריכסט אריין — איז גודביי אַנקל.

טאָני איז געווען ביז גאָר אויפגערעגט פון די אַלע רייד. עס איז אָבער געווען אומעגלעך צו געפינען ווערטער אָפּצושלאָגן זייערע טאַינעס. ער האָט יעדע ווײַלע געקוקט אויפן זייגער. פּונקט די ריכטיקע צייט צו טרעפן די וואַלד־העקער פאַרן אָפּפאָרן. פאַרשלעפּט מען אויף לענגער — איז זיין פּלאַן, די גאַנצע מי א דורכפאַל, פאַר וועלכן ער וועט שטענדיק כאַראָטע האָבן — האָט טאָני געטראַכט.

לאַנדסטראָם האָט דערפילט די נאָענטקייט פון זיין קעמפּ. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט ווי א פּויק. ער האָט זיך געפילט אַ שולדיקער אפילע קעגן טאָני'ן, וואָס ער האָט פאַרשלעפּט די מענטשן צווישן זומפּן, אָן אַן אויסוועג.

— אָט, אַריבער יענע סלופעס, דאָץ־אָל — האָט ער יעדע ווײַלע גע־לאָזט וויסן און געקוקט, זוכנדיק א וועג אין אַלע זייטן.

— לוק'ט, די סמאַרט גאַי. ער קען אליין נישט אַרויס פון דער בלאָ־טע — האָבן אַ טייל גענומען אָפּשפּעטן.

— דיין קעמפּ האָט שוין איינגעזונקען.

— אַל בעטשיו, מיט די טרעמפּס.

אָף יענער זייט, אַריבער די זומפּן האָבן זיך טאַקע אויסגעשיילט טע־טעלעגראַף־סלופעס — ערשטע סימאָנים פון א אישעוו.

טאָני האָט זיך דורכגענומען מיט דער נאָענטקייט. אָט, דוכט אים, ער'ט א לויף טאָן אַריבער און דערגרייכן די סלופעס. ער האָט פאַרביסן די ליפּן. שטאַרק צונויפגעדריקט די ציין, אַזש דער קין האָט בא אים געציטערט. זיין גאַנץ לייב און לעבן האָט זיך געריסן אַריבער.

— מיר וועלן זיך אַריבעררעטעווען ווי עס איז — האָט ער געטראַכט. איינער וועט נישט לאָזן דעם צווייטן אומקומען.

טאָני האָט זיך א לאָז געטאָן צו די זומפּן. ער האָט ווי מיט אַ פליענ־דיקן טראָט א שפּאַן געטאָן די ערשטע טריט. גלייך גענומען פאַרזינקען. ער האָט זיך פלינק מיט פאַרביסענער אקשאָנעס געפּרואווט אַרויסרייסן. ער האָט זיך איינגעבויגן, זיך געדראַפּעט, געהיפּערט איבער די קריפּלביימער.

— סעי, מען קען נישט אַזוי, ס'איז דאָך נישט קיין סיידוואָק — האָט מען גענומען שרייען.

— אויפן בויך בעסער.

— קריך, קריך, אָט א כוואָט! — האָט איוואַניטש, א פּאָליעסער פּוי־

ער, געשריען — ביי אונז די פויערים קריכן אזוי — און זיך מיט קענטעניש געלאָזט נאָך אים.

— די בעהיימעס מאַכן עס בעסער. מיט די פיסלעך הינטערן בויך — היפּ, היפּ — א מעכאַיע צו זען.

אַלע האָבן פּריינטלעך געלאַכט פון דעם שטילן איוואַניטש'ס קענטע־ניש. ביז איצט האָט מען אים גאָרנישט באַמערקט. אבי זיי האָבן אים גע־האַלטן פאַר א שטומען פערד. זיי האָבן זיך ווי פאַרשעמט, וואָס איוואַניטש לויפט גלייך נאָך טאָני'ן.

לאַנדסטראָם האָט זיך גיך אומגעקערט. ער האָט גענומען שלעפּן וואַלדברוך. אנדערע נאָך אים האָבן געריסן קוסטעס, ארויפגעשליידערט אויפן זומפּ.

באַלד האָבן זיך אַלע מיט א זעלטענער גיכקייט געלאָזט אויפן זומפּ. זיי זיינען געקראָכן מיט כאַיעשער פלינקייט, איינער מיטרייסנדיק דעם אנדערן.

אריבערקומענדיק האָט איינער נישט דערקאָנט דעם צווייטן, אזוי פאַרשמירט זיינען זיי געווען, גלייך ווי פאַרגרינטע שליימיקע טשערעפּאַכעס.

ערשט איצט האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען ווי אזוי דאָס אַלץ איז פּאַרגעקומען. טאָני, ווי קיינמאָל גאָרנישט, ציט מיט זיינע שנעלע טריט ווייטער. ער האָט אפילו נישט קיין צייט צו באַטראַכטן זיינע מיטגייער. ער ווייסט, טאָני, פאַרשפּילט מען דאָס מאָל, וועט שוין נעמען יאָרנלאַנג צו געווינען צוטרוי בא די טויזנטער איינזאַמע וואַלדהעקער. נאָך נידעריקער וועט מען אראָפּדריקן זייער לוין, נאָך שאָפלדיקער זייער לעבן.

— מ'דאַרף אליין זיך איינשטעלן. אליין, מיט אייגענער פעל! — האָט טאָני געטראַכט.

לעבן די טעלעגראַף־סלופּעס איז לאַנדסטראָם געבליבן הינטערשטע־ליק, א ווײַלע ארויפגעקוקט אויף די דראָטן, נאָכדעם אימפעטיק א שפּרונג געטאָן אויפן סלופּ — ווי א קאַץ זיך פלינק געהויבן. אין דער הויך האָט ער פון דער טאַש ארויסגעשלעפּט זיין שפּרינג־מעסער. א זעץ געטאָן איבערן דראָט. די דראָט האָט א זונג געטאָן און מיט א צעשאָטענעם געקלאַנג פאַר־שוואונדן, זיך פאַרוויקלט, צום צווייטן סלופּ אוועק.

— זאָלן זיי נישט קענען ליארעמען אזויפיל נאָך פּאָליציי — האָט זיך לאַנדסטראָם ווי פאַרענטפערט צוריקקומענדיק צו דער כעוורע.

לאַנדסטראָם האָט זיך ווידער דערהויבן בא די וואַלדהעקער... זיי האָבן אים פאַר דאנקבארקייט געקלאַפּט אין פּלייצע מיט א הילך, ווי מען וואָלט גע־זעצט מיט ברעטער.

— א קלוגער קאָפּ דער סקאַנדינאַוויער.

פון דער ווייטנס ציען זיך שורעס באַן־רעלסן — פאַרזשאַווערטע פּאַסן, וואָס שנירלען זיך אַריין צווישן בערג. האַרט ביים קעמפּ אַרויסגאַנג האָט שוין געוואַרט אַ באַן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט מיט כמאַרעס רויך.

פון דאָרט איז געקומען אַ געראָדער. די געביידעס צווישן די געבערגן האָבן שוין געהאַט אַרויסגעטריבן די וואַלד־אַרבעטער פון זייערע געלעגערס.

זיי קומען מאַכנעסווייז צום באַן. לאַנדסטראָם דערקענט אַלטבאַקאַנטע וואַלדהעקער. פּיט פּאַוולאָווסקי, דער עלטסטער אַרבעטער איז אין די געציילטע וואָכן נאָך עלטער געוואָרן. ער קריכט אינגאַנצן איינגעהויקערט, בעריעט זיך. באַהאַלט דעם שטיקנדיקן אַסטמע־הוסט פאַר די פּאַרלייט, זיי זאָלן אים מיסטאָמע נישט אַרויסוואַרפן.

מיד, אָפּגעלעבט, ווי אַרעסטאַנטן, מיט אַ פּריצייטיקן עלטער, זיינען די וואַלדהעקער פון קאָלומביע לאַמבער קעמפּ געקראָכן אין די וואַגאָנעס אַריין. די נייע פּענימער — די צונויפגעזאַמלטע שלעפּער זיינען די הינטערשטעליקסטע געגאַנגען צו דער אַרבעט, גלייך ווי שלעפּעריקע, פּאַרקרענקטע קליאַטשעס.

מען האָט אינגאַנצן נישט געזען די עלטערע פּאַרלייט. דאָס האָט פּאַר טאָני'ן מאַשמע געווען, אַז פון פּאָרנט דעם קעמפּ קומט עפּעס פּאָר. בלויז יונגע שניעקעס אין סוועטערס האָבן מיט שלעכטע פאַרקרימטע נעזער געקאָמאַנדעוועט, געשטויסן די פוילע שלעפּער.

— האַרי, האַרי, טרעמפּס!

די שלעפּער האָבן ביטלדיק געקוקט אויף די אינגלעך, שפּאָטיש געלאַכט אָן אויפרעגונג.

— סעי, לידי, ווילסט כאַסענע האָבן מיט מיר?... — האָבן זיי אָנגעבאָטן.

די יונגען אין די סוועטערס האָבן זיי געשפּיגן אין די פּענימער אַריין. די שלעפּער האָבן זיך אָפּגעווישט און אַריינגעקאַטשעט אין וואַגאָן.

טאָני'ן איז אַ ציטער דורך איבערן לייב. ער האָט זיך אַרויסגעגעבן פון באַהעלטעניש. נאָך אים — אַלע זיינע מיטגייער.

די צוואַנציק מענער האָבן זיך געוואָרפן צו די טרעפּלעך.

— נישט אַרבעטן, נישט פאָרן אַרבעטן!

— מיר סטרייקן, אַלע סטרייקן.

די יונגע פּאַרלייט האָבן זיך דערשראָקן אָפּגערוקט. די עלטערע וואַלדהעקער האָבן דערקענט באַקאַנטע שטימען, באַזונדערס לאַנדסטראָמען. זיי

האָבן זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, געשפּרונגען פון די ערטער, ארויסגע־לאָפן, זיך אויסגעפרעגט:

— טאַקע א גענעראַל־סטרייק?

זייערע פּענימער האָבן זיך אָנגעצונדן, אויפגעפלאַמט מיט אלע בלו־טן. אפילו די שלעפּער האָבן באַקומען ערנסטע פּענימער. זיי איז געווען טשיקאַווע די דאַזיקע כאַסענע. — עסן וועט מען מיסטאָמע געבן, ארבעטן וועט מען נישט דאַרפן.

זיי האָבן צוזאַמען מיט אלע פאַרלאָזן די וואַגאָנעס. די פרייד פון די אויפגעלעבטע מענטשן האָט אויבעט א פליִיץ געטאָן אויף זיי.

איינער פון די שלעפּער האָט אַ פראַל געטאָן ליטל דזשינגאַ.

— אָ, ביי־דזשינגאָ, סעט ביי דזשים ביי דזשי.

— סעי, ס'וועט כאַטש זיין וויסקי? — האָט אַ דריטער שלעפּער אָנ־געכאַפּט אַ פרעמדן סטרייקער.

— וואָס פאַר א וויסקי? ברויט וועט זיין, אזוי ווייט.

דאָרטן, פון דער ווייטנס, ביים סאָף פון דער אויסגעליידיקטער גאַס איז פאַרגעקומען א צערייצט אַמפּערניש פון נאָך אָנגעקומענע וואַלדהעקער. באַם אריינפאָר-וועג האָט אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ געהודזשעט. לעבן זיינע פאָדערשטע רעדער זיינען געלעגן סלופּעס, וואָס האָבן פארהאַלטן זיין גאַנג.

די גרופּע פאַרלייט: מיסטער סמיט, ברייטאָן האָבן אויסגעדרייט זיי־ערע פּענימער צום קעמפּ, נישט פאַרשטאַנען פארוואָס די מאַכנעס ארויסגע־שיקטע צו דער ארבעט קערן זיך אום.

א ווײַלע האָט דאָס אַמפּערניש אויפגעהערט. איינער פון די ארבעטער האָט אַ געשריי געטאָן, אונטערשפּרינגענדיק פאַר פרייד:

— אָט, אונזער בעוורע.

פון בײדע זײַטן האָט מען גענומען פאָכען מיט די הענט, שרייען מיט אומגעהויערע פריידיקע קולעס.

די מאַכנע ביים אריינפאָר האָט זיך נאָכדעם א ריס געטאָן, ווי א וואַ־סער איבער א צעפאַלנדיקער דאַמבע — א פליִיץ געטאָן אויף דער ליידיקער גאַס מיט וואַלדהעקער. מען האָט זיך געגעבן די הענט, אויסגעפרעגט אלע קלייניקייטן.

די שלעפּער זיינען שוין ווידער געשטאַנען פון דער ווייטנס — גע־קוקט אויף דער סימכע מיט אָפּלאַכערישער נייגעריקייט. איינער מיט אַ בלוי־ען בראַנד פלעק אויפן פּאָנים האָט נאָכגעמאַכט, ווי סמיט גייט אהיים ווי א ברוינגעזער מעכוטן. אלע האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

— ער וועט זיך שיסן, דער סאַנאַוועביטש, פאַר קרענקונג.

— וועט זיין א שיקער ווייניקער.

נישט ווייט פון זיי איז שוין טאָני געשטאַנען אויף א פּניאַק. לאַנד־סטראָם און קאָרניק לעבן אים. ארום — א געדיכטע מאַסע וואַלדהעקער. טאָ־ני האָט זיי דערציילט פון די סטרייקנדיקע קעמפּס, געפּאָדערט אַלע זאָלן זיך האַלטן ענג צוזאַמען, ווי לאַנג מען וועט דאַרפן. דערנאָך האָט ער אויסגע־שטרעקט די הענט אריבער די קעפּ, צו די שלעפּער. אַלע פּנימער האָבן זיך אויסגעדרייט. די שלעפּער זיינען שטילער געוואָרן.

— הער אויף צו דזשאַוקן! א לייטישער מענטש רעדט — האָט איי־נער געזאָגט.

—וואָס וויל ער פון אונז דער סאַופּ־באָקסער?

— אָ, קרעיזי פּיפּל — ער זאָגט מיר זיינען מענטשן, מען שפּייט אונז צופיל אין פּאָנים אריין.

— אזוי זאָגט ער? כע, ווער שפּייט זיך נישט אין פּאָנים אריין? שוין צוגעטרייעט — האָט דער לעצטער ביטלדיק, אָן מי א שפּריץ געטאָן שפּיי־עכץ פון צווישן די ציין.

טאָני האָט זיי צוגערופן, גערעדט צו זיי וואַרימע רייד, אזוי מאַמע־דיק־גוט, אז זיי האָבן זיך דערמאָנט די קינדהייט. די זאָרג פון א מאַמע ערגיץ אין אירלאַנד, סקאָטלאַנד. עך, א טייערער יונג! שוין לאַנג אזא גוטן ברודער נישט געזען. אָן אויפגערעצטער זיסער אומרו האָט א שפּאַר געטאָן צו די הערצער. זיי האָבן זיך קוועלנדיקע אריינגעלאָזט צווישן די צוהערער.

די פּאַרטאָגענע וואַלדהעקער האָבן זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט, גענומען קוקן צום אריינפאָר־וועג. פון דאָרט האָבן זיך אָן גערויש א לאָז געטאָן א גלייכע שורע גיכלויפנדיקע אויטאָס. זיי האָבן אויגנבליקלעך ארומגערינגלט די שטייענדיקע מאַסע.

דער אוילעם האָט א צאַפּל געטאָן, ווי אָפּגעזיפצט. כאָוועד קאָרניק איז אַרויף אויפן פּניאַק, געהייסן זיך האַלטן רואיק, נישט צאַפּלען ווי צע־שראָקענע גענדז. פון די אויטאָס האָבן זיך א שאָט ארויסגעגעבן הויכע, ברייטביייניקע פּאָליציילייט מיט גומענע שטעקנס. די מאַסע איז שטיל גע־שטאַנען מיט א פאַרטייעטן, איינגעהאַלטענעם אָטעם.

פון ערגיץ לעבן שיינעם ביורא־הויז האָט זיך געהערט א קנאַל פון א יעגערישער ביקס. דאָס איז געווען ווי אָן אָנהויב. די פּאָליציילייט האָבן זיך א וואָרף געטאָן זוכן דעם שיסער. די מאַסע האָט זיך ענגער צונויפגעדריקט. יעדער האָט געוואָלט זיין וואָס טיפער אינעווייניק. די גומענע שטעקנס האָבן זיך צעפּאָכעט, געקלאַפּט רעציכעדיק איבער די קעפּ.

די מאַסע האָט אַ ברום געטאָן, אויפגעהויבן די הענט, זיך אַ וואָרף געטאָן ווי איין שטיק צעגויפגעגאָסענער קערפּער — אומגעוואָרפן, ארויס געריסן די שטעקנס, געטראָטן איינער אויפן אנדערן, אומגעשליידערט די אוי־טאָס.

פּאָליציי־אישע רעוואָלווערן האָבן זיך געוויזן. זיי האָבן מיט אויסגע־שטרעקטע לופעס אָפּגעטראָטן אויף צוריק. די מאַסע נאָך זיי האָט ווי אַ ריז זיך געטראָגן מיט רעוועגדיקע קוילעס, מיט צעשטשירעטע ציין.

די רעוואָלווערן האָבן פון צייט צו צייט אויסגעקנאַלט, ווי דאָס קנאַקן פון לאַנגע בייטשן. רויכלעך האָבן זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן. דאָ און דאָרט האָט עמיץ אַ קרעכץ געטאָן, זיך מיט די הענט אָנגעכאַפּט, זיך געוואַ־קלט ביז זיי האָבן זיך שווער אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

די מאַסע האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך צעפאַלן אין קליינע גרופּעס, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט געכאַפּט וועגן זייער לעבנס געפאַר — געשפּרונגען ארונטער די געביידעס, אַנטלאָפן פוןביידע זייטן.

דער אַלטער פּאַוולאָווסקי איז געקראָכן אויף אַלע פיר. זיך באַהאַלטן הינטער אַן אויטאָ. ארויסגעקוקט ווי אַ דערשראָקן מייזל.

אינמיטן גאַס לעבן די אומגעוואָרפענע אויטאָס זיינען דאָ און דאָרט געלעגן עטלעכע וואַלדהעקער — נישט צום דערקענען. טייל האָבן זיך געוואָר־פן יעסורעמדיק, געשריגן ווי געקוילעטע שאָף. אַנדערע — צעשפּרייטע, ווי צלאָמים, רואיקע, מיט בלוט ריטשקעס אויף די פּנימער.

אַ ביסל שפּעטער איז טאָני געגאַנגען פון „קאָלומביע לאָמבער קעמפּ".
ער איז געגאַנגען צו אַנדערע סטרייקנדיקע קעמפּס. מיט אים — אַ קליינע צאָל פון זיינע כאַווירים און עטלעכע פון די שלעפּער. זיי זיינען געגאַנגען שטיל, פאַרטיפט אין איבערלעבונגען. טאָני, אַ פאַרביסן שווייגנדיקער מיט אַ פאַרטשאַדעטן צעקלאַפּטן קאָפּ — דאָס האַרץ אין אים האָט געווייִנט.

איינער פון די שלעפּער, דער מיטן בלויען פלעק אויפן פּאָנים, האָט זיך צוגערוקט צו טאָני'ן — קיינער וועט שוין דאָ נישט וואַגן צו סקעבן — האָט ער געזאָגט ווי וועלנדיק פאַרפירן מיט טאָני'ן אַ שמועס.

טאָני האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, קינדיש אַ שמייכל געטאָן — אַ שמייכל, ווי נאָך אַ פיבער־קראַנקהייט.

— מיר וועלן זיך איינגיכן אומקערן — האָט טאָני געזאָגט.

נאָך דער עקזעקוציע

דער קליינער הערשעלע איז געשלאָפן אין פאָדערהויז, אין א קווי־בערל, צונויפגעקורטשעט ווי א קוואטשקע. זיינע דריבנע ציינדלעך האָבן אָן אויפהער פיבערדיק געקלאַפט. ער האָט שטיל געשעפטשעט:

— כאַנקע, כאַנעלע.

ער האָט מוירע געהאַט הויך צו שרייען, וואָרים אינעווייניק אין איר שטיבל זיינען נאָך אַלץ געווען די סאָלדאטן. זיי האָבן דאָרטן געכאָכאָ־טשעט מיט גראָבע הייזעריקע שטימען, געקלאַפט מיט פלעשער. די שוועסטער כאַנקע, איז געווען אינגאַנצן שטיל, נאָר פון צייט צו צייט האָט זי שטיל עפּעס ווי צוגעדושעט, א לאַכנדיקן קוויטשיקל געגעבן.

דער קליינער הערשעלע האָט דערפון לייכטער אָפּגעזיפצט. ער האָט געוואָלט, אז דאָרטן זאָל שוין נעמען א סאָף. אים האָט זיך אלצאייניגעם געדוכטן, אז אָט וועלן זיי די שוועסטער דערשטעכן מיט זייערע באַגנעטן די זעלנער, און ער הערשעלע וועט נישט האָבן ווער עס זאָל אים אריינעמען, וואָרימען זיין פארקעלטערט גופל ווי אין אַלע פריערדיקע נעכט.

עס האָט אָבער נישט גענומען קיין סאָף. פון דאָ נישט וויט ביים קאַ־זאַרמע־טויער האָבן זיך די וועכטער שוין ווידער געביטן. אויף א טראָמפּייט האָט א זעלנער איינטאָניק צעצויגן געשפּילט א וואָך־הימנע. עס האָט זיך גע־הערט ווי מען ציט באַגנעטן פון די שיידן ארויס. נאָכדעם — פאַמעלעכדיקע שפּאַנען פון סאָלדאטן מיט באַנעגלטע שיך אויפן ברוק צום פראָנט אוועק.

נאָכדעם ווידער די פריערדיקע שטילקייט. הערשעלע האָט איינגעדרי־מלט. אין זיין דרימל האָט ער געזען אָנקומען זיין פאָטער, זאָרעך בויז, פון גאס אין צעריסענעם דראָזשקארסקן כאַלאַט מיט דעם נומערירטן היטל. דער פאָטער לויפט ארום אויפן הויף אַ מעטורעפדיקער. זיינע אויגן — קאָכעדי־קע סמאָלע. ער שלעפּט פון שטאַל ארויס אן אלטן פארטרוקנטן רימען. די שוועסטער כאַנקע קומט אָן אן אויסגעפּוצטע. עס הענגען איר נאָך צוויי לאַנ־גע, שווארצע, ציגיינערישע צעפּ. דער פאָטער לויפט איר אַנטקעגן מיטן רימען. זי פארפלאָנטערט זיך די פיס, פאלט אום, און ער, דער פאָטער, האַקט, שמייסט איבער איר לייב. אַ שוים פיעניעט איבער זיין מויל.

דער גאַנצער הויף קומט צו לויפן.

— צוויג אומריינע! בלאָדע... — שרייט ער.

נאָכדעם שלעפּט ער איר, די שוועסטער כאַנקע אין שטוב אַריין ביי די לאַנגע צעפּ. ער נעמט די פאַרזשאַווערטע שער, מיט וועלכער ער האָט טאָמיד אויסגעשווירן די פאַרשיווע ערטער פון זיין פערד. טראַך! — די צעפּ ליגן שוין אויף דער ערד, ווי צוויי דערמאָרדעטע קינדער. די שוועסטער כאַנקע ליגט אַנטשוויגן אויף דער פּאָדלאָגע. זי דעכעט קוים. פּלוצים גיט זי זיך אַ כאַפּ אויף און אַנטלויפט פון הויז. ער, הערשעלע האָט פּיינט דעם טאַטן. ער וויל אויך אַנטלויפן מיט דער שוועסטער, נאָר עמיץ דריקט אים אַרום, דוכט זיך די מוטער, די טויטע מוטער אין צעריסענע ווייסע העמדער פאַרוויקלט, מיט אַן אויסגעהונגערטן דאַרן גוף — —

ער ציטערט אויף, עפנט די אויגן. די שוועסטער כאַנקע שטייט איבער אים — אַ שלאַנקע מיט אַ אינגליש פאַרשוירענעם קאָפּ־האָר. הערשעלע זיפצט אָפּ. ער גיט אַ שמייכל, וואָרים ער זעט, אַז אַנטלאָפן פון טאַטן איז ער דעמאָלט יאָ מיט דער שוועסטער.

די שוועסטער כאַנקע פאַרמאַכט ס׳פּאָדערהויז. שווערע זעלנערישע טריט שפּאַנען אוועק אַלץ ווייטער פון הויז.

באַלד געפינט זיך דער קליינער הערשעלע אין דער שוועסטערס אָרימס. עס שמעקט פון איר אַ פאַרשיקערנדיקער קיצלדיקער גערוך. ער האַלט פאַרמאַכט די אויגן. ער זופּט אין זיך זיפצנדיק אַריין דעם דופט.

אינעווייניק אין שטיבל איז וואַרים. אַ טונקל לעמפּל מיט אַ שיינדל שטייט אויפן טיש. האַלב אויסגערויכערטע מונדשטוקן וואַלגערן זיך אויפן טיש. אויף דער ערד ליגן ליידיקע שנאַפּס־פלעשלעך מיט לאַנגע באַליישטע העלדזער.

די שוועסטער כאַנקע טראָגט אים הינטערן פאָרהענגל צום בעטל. דאָס בעטל איז צעקנייטשט, אויסגעוואַלגערט. דער קליינער הערשעלע ווערט דערפון זייער וואַך. ער טראַכט נאָך, שמעקט נאָך ווי אַ כאַיעלע מיט די נאָזלעכלעך. ער שפּירט אָבער קיין זאַך נישט, אַ כוץ דעם דעמפּן גערוך פון סיגאַרעטן.

די שוועסטער וואַשט זיך הינטערן פאָרהענגל, זי וואַשט זיך לאַנג מיט קאַלטן וואַסער. דאָס קליינע הערשעלע פאַרשאַרט פאָרזיכטיק ס׳פאָרהענגל. ער קוקט מיט אויפגעריסענע אויגן אויף דער שוועסטערס לייב. ער בענקט די שוועסטער זאָל שוין וואָס שנעלער קומען צו אים.

ער פֿאַרמאַכט די אויגן, אַ זיסער נאָגנדיקער אומעט קלעמט אים ביים הערצל. די שוועסטער קומט צום בעטל צו.

— שלאָפֿסט, הערשעלע?

ער ענטפֿערט נישט. עס פֿעלט אים אויס אָטעם. ער איז פֿאַרנומען מיט עפּעס אַ נייעם סאָד וואָס ער האָט דערפֿילט אין זיך. שטראָמעלעך הייסע בלוט ראַיען אין אים אַרום. ער וויל עס אויסבאַהאַלטן פֿון דער שוועסטער. די שוועסטער לייגט זיך באַלד אוועק לעבן אים. עס ווערט אים זייער גוט. ער נאָרעט זיך, זיפֿצט און שלאָפֿט רואיק איין.

* * *

פֿאַרטאָג האָט זיך פֿונדרויסן געהערט אַ האַסטיק קלאַפּן. דער קליי־נער הערשעלע האָט געעפֿנט די אויגן, געמיינט, אַז ווידער קלאַפּן די עסטריי־כישע סאָלדאַטן. אָבער דער קלאַפּ איז דאָסמאָל געווען אַ ווייטער, אַן אָפּהיל־כנדיקער. די שוועסטער כאַנקע איז אַראָפּ פֿון בעט. אויפֿגעעפֿנט דעם לאָ־דן, אַ שאַרלעכע גרויע פֿרימאָרגן־ליכט האָט פֿון מיזרעך אַריינגעפֿלייצט.

אויפֿן באַרג, וואָס אַנטקעגן דעם הויז האָבן סאָלדאַטן אויפֿגעשטעלט אַ הילצערן וועגעלע אויפֿן סאַמע שפּיץ באַרג. נישט ווייט פֿון וועגעלע — עט־לעכע סלופּעס. פֿונאויבן — אַ בעליק מיט האַקעס, אויף וועלכע ס'האָבן נאָכ־געהאַנגען קורצע דינע שטריק. די שוועסטער האָט עפּעס לאַנג נאָכגעטראַכט. נאָכדעם האָט זי פֿאַרמאַכט דעם לאָדן.

— טו זיך אָן, הערשעלע און גיי צו דער אַרבעט — האָט די שוועס־טער געזאָגט.

דער קליינער הערשעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער שוועסטערס מי־דע, שוואַרצע אויגן, זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף מיט דער צייט ווערן אַ גרוי־סער... העלפֿן דער שוועסטער... דער פֿאָטער זאָל איר נישט שלאָגן... באַ־נאַכט זאָלן צו דער שוועסטער מער קיין סאָלדאַטן נישט קומען. אים גיט זיך אַ שטעל פֿאָר, ווי גאָר נישט לאַנג וועט נעמען — ער וועט שטיין אָנגע־טאָן אין אַ ווייסן פֿאַרטעך אין ביינערס ראַזורע; דאָס שערל מיטן קאַם וועט פֿלינק אַרומשערן קעפּ; ער אַליין וועט אַרומפּוצן זיין שוועסטערס שיינעם קאָפּ.

ער שפּרינגט גיך אַראָפּ פֿון בעטל, כאַפּט אויף זיך די הייזעלעך. ער טוט אָן די מילכאָמעדיקע הילצערנע שטעק־שיך. ער כאַפּט דעם לעצטן קוק אויף דער שוועסטער. איר טונקל פּאָנים איז זייער אומרואיק. די וויעס צי־טערן מיט טרערן. פֿאַרוואָס האָט דער טאַטע איר געשלאָגן? ווען נישט זי, וואָלטן זיי אַלע געשטאָרבן פֿון הונגער, אַזוי ווי די מאַמע פֿאַראיאָרן.

איר פּאָנים איז איצט אַזוי לויטער שיין, עס ווילט זיך אים שטיל איינביינגן, אַ קוש געבן און פאַרשווינדן. די שוועסטער עפנט די אויגן. הערשעלע גיט זיך אַ דריי צום טיר, לויפט האַסטיק אַרויס.

אינדרויסן, אויף דער אָרימער הינטערגאַס, איז געווען אַ נישט געווינלעכער פרימאָרגן טומל. פון אַלע נידעריקע אויסגעקרומטע הייזקעס, וואָס צופוסנס דעם באַרג האָט מען געגאַפּיעט אַרויף צו דעם אויפגעשטעלטן ווענטל.

— אַ טליע, אַ טליע, — האָט מען גערעדט צו זיך, שטיל, סוידעסדיק.

אַלטערל שוסטער, אַ שוואַרצער איד מיט אַ פאַרקלייסטערט בערדל, אין אַ לעדערנעם אָפּגעקראָכענעם פאַרטעך איז געשטאַנען אינמיטן רעדל און עפּעס ווי איינגערוימט:

— איך קען זיי, די שקאָצים, מיינע קונדן.

— מען זאָגט, אַז אָרימע האָבן זיי אינגאַנצן נישט ראַבירט, בלויז פּריצים, רייכע קופּצעס — האָט אַ אידענע זיך אָפּגערופן.

— סי דאָך אַ סייכל דערביי — די יעקעס נעמען צו אַלצדינג אין זייערע מעדינעס אַוועק. מען פּעכניעט אין דאָרף פאַר אַ קעזאַיעס כאָמיץ, ווערט ס'אינגוואַרג באַנדיטן... — גיט קאָפּעלע בירשענקער צו פאַרשטיין.

— אָרנטלעכע שקאָצים, איינס ביי איינס. איך בין אין דאָרף יעדן טאָג, איך ווייס, נישט קיין באַנדיטן — שרייט אַלטערל שוסטער אויך.

הערשעלע האָט דערווייל פאַרגעסן זיין שוועסטער כאַנקע צו וועמען עס קומען סאָלדאַטן באַנאַכט. ער האָט פאַרגעסן דעם בייזן, הינקענדיקן שערער ביינער, די ווייסע פאַרטעכער. ער איז געלאָפן פון איין רעדל צום אַנדערן, פאַרשטאַנען, אַז באַלד וועלן פאָרקומען זייער טשיקאַווע זאַכן דאָרטן אויפן באַרג.

עס איז געוואָרן אַ געלויף צום טורמע־געסל. דאָרט זיינען שוין געשטאַנען האַמוינים מיט מענטשן פון שטאָט — פּויערים, פּויערטעס פון די אַרומיקע דערפער.

אָפּגערוקט פון דער טורמע־געביידע איז געווען אַ צוים מיט רייטער אף הויכע פערד מיט בערשטלדיקע קאַסקעס אויף די קעפּ. זיי האָבן געהאַלטן גאָלע שאַבלעס אין די הענט. טייל זיינען געריטן אין האַמוין אַריין. די מאַסע האָט זיך שטיל צוריקגעצויגן. פּויערטעס האָבן זיך געציילעמט, שטיל געוויינט אין טיכלעך אַריין.

שפּעטער האָבן זיך געעפנט די טורמע־טירן. עס איז אַרויס אַ קליינער אָפּטייל עסטרייכישע פוסגייער מיט לאַנגע מעסערס אויף די ביקסן. נאָך זיי

— 2 שורעם דאָרפס־יונגען אין צעריסענע צייגענע רעקלעך, באָרוועסע, אייַנער געשלאָסן אין אַנדערן. הינטער זיי — א הויכער, דיקער דייטש מיט אַ בויך פונפאַרנט, ווי א פאַס. אויפן בויך האָט ער געהאַלטן די הענט און ווייַסע הענטשקעס. לעבן אים איז געגאַנגען א גאַלעך, אַן אויסגעצערטער, מיט א שאַרף אויסגעשפּיצט פּאָנים, ווי ביי א רויב־פויגל. ער האָט געטראָגן זיינע קעהינע־קליידער: א שוואַרץ מיצל, א לאַנגע סוטאַנע מיט אַן אויסגעשטיקטן גאָלד־ און־ זילבערנער־ שאַל אויפן האַלדז.

נאָך זיי א גרויסער אָפּטייל מיט פוסגייער.

די פּראָצעסיע האָט זיך ארויסגעצויגן פון טורמע-געסל. רואיק, פּאַמעלעך, ווי טאַטרע גראָזן, האָבן זיך געוויגט די מעסערס ביי די פוסגייער אויף די ביקסן. דער האַמוין איז געלאָפן צום באַרג פאַרכאַפּן ס׳פּלאַץ.

די רייטער האָבן זיך פלינק געטראָגן פאָראויס מיט די בערשטלדיקע קאַסקעס אויף די קעפּ, געפּאָכעט מיט בלאַנקע שווערדן.

הערשעלע איז געלאָפן מיט אַן איינגעקורטשעט קעפּעלע צווישן דעם אוילעם. ער איז יעדע ווייַלע אומגעפאַלן. דער האַמוין האָט אים געטראָטן. ער האָט געשריגן, געוויינט, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן. קיינער האָט אים נישט אינזינען געהאַט.

ער איז זייער פלינק, ווי אַלע גרויסע מענטשן, אריבערגעשפּרונגען דעם קוואָרעם־פּארקן, געלאָפן צווישן מאַצייוועס צום פעלדבאַרג, וואָס איז קעגנאיבער דער טליע.

דער האַמוין איז מיינסטנס אונטן געבליבן שטיין. ארויף איז בלויז געגאַנגען די זעלנערישע פּראָצעסיע. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים ווענטל. דער גאַלעך האָט געמורמלט פון א סידער ארויס, פאַרשפּריצט די דאָרפס־יונגען מיט א וויים בעזעמל — הייליקע וואַסער. צוויי סאָלדאַטן האָבן אָפּגעקייטלט איינעם פון די יונגען. דער דייטש, דער בייכיקער טאַליען, האָט אים ארויפגעפירט אויף א דריי-שוועליק בענקל און ארויפגעלייגט די פּעטליע אויפן האַלדז. ער איז פלינק אָפּגעשפּרונגען, א שליידער געטאָן דאָס בענקל. דער מענטש, א צעטומלטער, האָט זיך אראָפּגעלאָזט.

דער האַמוין האָט שטיל א קרעכץ געטאָן, ווי דער אָטעם וואָלט זיי פאַרטייעט געוואָרן. דאָ און דאָרט האָט עמיץ געכאַלעשט, נאָכדעם האָט מען געפירט דעם צווייטן — א ריזיקן יונג מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע. דער יונג האָט געזען דעם געהאַנגענעם, האָט ער זיך א ריס געטאָן אויף צוריק, אויסגעשריגן כריפּנדיק:

— ראבושניקעס! אומשולדיק בין איך. ארויסטרייבן וועט מען אייך פון אונזער ערד מיט קאַסעס, מיט רידלעס.

דער טאַליען האָט אים א שלעפּ געטאָן, א מעסט געטאָן די באַהענטש־קעטע האַנט איבערן פּאָנים. א פּאַטש האָט אָפּגעהילכט. ער האָט א פּאַר־וואָרף געטאָן ס׳שטריקל איבערן קאָפּ.

אין א פּאָר מינוטן שפּעטער האָבן זיך שוין א ריי מענטשן געוויגט. נעדרייט זיך מיט אויסגעשטרעקטע צונגען אויף אויסגעקרומטע בלויע פּעני־מער.

הערשעלע איז געזעסן אויף א צעבראָכענער מאַציווע, מיט א פּוים־טעלע אונטערגעשפּארט אונטערן גאָמבקעלע. דאָס גאַנצע קערפּערל האָט אים געציטערט. ער האָט אָן אויפהער געזיפצט. ער איז לאַנג געזעסן פאַרשטאַרט. די טויטע, אויפגעהאָנגענע פּעני‌מער זיינען אַלץ פיינלעכער, צעקרומטער געוואָרן, אָנגעוואָרפן אַן איימע. דער אוילעם איז זיך שנעל צעקראָכן. געבלי־בן זיינען צוויי וואַכטע סאָלדאַטן.

הערשעלע האָט דערפילט הונגער, זיך צוריק דערמאָנט אין דער שוועסטער וואָס האָט אים אוועקגעגעבן אַף דער לערע צו ביינערן אין ראַזורע. ער האָט זיך שנעל געלאָזט לויפן. אַפּלויפנדיק א שטיק וועג, האָט זיך הערשעלע דערכאַפּט, אז ס׳איז שוין סיי ווי צו שפּעט.

אויפן גרויסן מארק איז געווען נאָכמיטאָגדיק שטיל. קרעמער האָבן נעדרימלט ביי די געוועלבער. אופן באַן־געסל זיינען געזעסן טרעגערס און גע־וואַרט אויף א פאַרדינסטל. אַף א שטיין לעבן זייפמאַנס ביר־געוועלב איז געזעסן זיין טאַטע זורעך בוץ, מיט שוואַרצע קלאַקעס פון נומערירטן היטל אפיר. ער האָט זיך געהאַלטן דעם קאָפּ מיט די הענט און געבראָכן.

— א שיקערניק, דער טאַטע!

דער קליינער הערשעלע האָט מוירע געהאַט, פיינט געהאַט דעם בייזן טאַטן. ער האָט זיך פאַרקערעוועט אויף א הינטער־גאַס נישט ווייט פון דער שטאָטישער שולע. דאָרטן זיינען אינגלעך מיט פּעקלעך לערן־ביכלעך אויפן פּלייצע נאָכגעלאָפן זיין קאַליקע־ברודער, לייבל.

זיין ברודער לייבל איז געשטאַנען אינמיטן גאַס, געקוקט מיט זיין גוילעמדיקן אויסגעקרומטן פּאָנים. די פּאָלעס צעשפּרייטע זיינען געווען אָנגע־פּאַקט מיט ברויט, סוכאַרעס. ער האָט גערעוועט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער:

— א צווייער מיין מאַמען עסן.

די אינגלעך, הונגעריקע, שקאַצישע זיינען געשפּרונגען, אים געוואָר־פן שטיינדלעך.

— ס'ברויט גיב אהער, ס'ברויט.

הערשעלע האָט אויפגעזוכט א גרויסן שטיין זיך א לאָז געטאָן צו די אינגלעך מיט אזא רעציכע אז די אינגלעך האָבן זיך דערשראָקן און אנטלאָפן. פון דער ווייטנס האָבן זיי אהער געשריגן:

— הערשעלע בוץ, הערשעלע מיט באַנקעלע!

ביי הערשעלען זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. דאָס הערצל, א צעוויטיקטס, האָט געקלעמט. ער האָט געשלעפט לייבלען ביים פאַראַצטן ארבל.

— קום לייבל, קום.

— וויל נישט גיין. דו, מיט שוועסטער, קורווע!

לייבל האָט זיך ארויסגעריסן, געלאָפן קוליענדיק מיט די צוויי לאַנגע פּאָלעס איבער דער לאַנגער הינטער־גאַס.

הערשעלע איז אים נאָכגעגאנגען, אי אים צו באשיצן, אי צו פאַרהיטן די פּאָלעס מיט ברויט.

לעבן א ברעטער־סקלאַד האָט זיך געפונען א צעקלאַפּטער אָפּגעפּליקטער פּאָלק סאָלדאטן, צעלייגט איבער ברעטער אויף דער ערד. זיי האָבן געגעסן פון קעסלען קאָנסערוון, ברויט. קינדער און דערוואקסענע האָבן געקוקט הונגעריקע, זשעדנע. לייבל האָט זיך אריינגעריסן צום קעסל, געשריגן:

— גיב ברויט, מאַמע שטאַרבן! גיב!

די סאָלדאטן האָבן אָפּגעבראָכן שטיקער, אים אוועקגעגעבן.

פון דאָרטן האָט ער זיך פארקערעוועט צום קוואָרעם, אריין דורכן אָפענעם טירל, געטראמפּלט אויף די שטעגעלעך, געזוכט מיט זיינע צעטאַמעטע אויגן. לעבן דער מוטערס בערגל ערד האָט ער זיך אנידערגעוואָרפן, אויסגעשפּרייט די פּאָלעס מיט ברויט, אריינגערעוועט.

— מאַמע — ע — ע — ע, אינגען שלאָגען!

נאָכדעם האָט ער זיך בארואיקט. ער האָט ארויסגעשלעפּט שטיקער ברויט פון די פּאָלעס, אוועקגעלייגט אויפן בערגל און זיך געבעטן.

— מאַמע, עס, מאַמע. דיר גאַנצע ברויט.

אויפן קוואָרעם איז געווען שטיל, ביים־אוילעמדיק שטיל. גרילן האָבן געגרילצט צווישן די אַלטע מאַציייוועס.

נאָכן ברידערס אוועקגיין האָט זיך הערשעלע געלאָזט צום קייווער פון זיין מאַמען. ער האָט געכאַפּט שטיקער ברויט, גיך געגעסן, געשטופּט אין די קעשענעס, אין בוזים אריין. ווען ער איז זאט געוואָרן, האָבן זיך אים א

שטעל געטאָן פאַר די אויגן די צורעס פון די געהאַנגענע, האָט ער זיך גע־לאָזט מיט גאַלאָפּ פון קוואַרעס אַראָפּ.

פאַרנאַכט האָט זיך הערשעלע ווידער אוועקגעלאָזט צום שערער ביינער. עפשער וועט ער זיך פאָרט ניט בייזערן, און ער, הערשעלע, וועט מיט אַ פריי פּנים קענען אַהיימקומען צו זיין שוועסטער.

גייענדיק אויפן וועג האָט הערשעלע געטראַכט אַז די בעסטע זאַך נישט מוירע צו האָבן פאַר קיינעם, איז צוצונעמען אַ גאַל־מעסער און עס שטענדיק מיט זיך טראָגן. אויף לינקס און רעכטס וועט ער שניידן, ווער ס׳וועט באַליידיקן זיין קאַליקע ־ ברודער, לייבל און דער שוועסטער כאַנקע. ער וועט אפילע נישט מוירע האָבן דורכצוגיין דעם באַרג, וואו עס געפינען זיך די געהאַנגענע. ער וועט האַלטן דאָס גאַל־מעסער גרייט.

די טירן פון דער ראַזורע זיינען געשטאַנען אָפן. באַ די דריי ליי־דיקע געבעטע שטולן, וואָס אַנטקעגן די שפּיגלען, איז קיינער נישט געשטאַ־נען. דער שערער ביינער האָט זיך געדרייט אינדרויסן, אָנגעטאָן אין ווייסן פאַרטוך, געשמועסט מיט דעם גויאישן שינקנמאַכער ביעלעצקי. הערשעלע האָט זיך געכאַפּט די קער־באַרשט, אָפּגעפּוצט יעדעם ווינקל.

הערשעלע האָט פלוצים אויפגעציטערט. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער הויכער בויכיקער דייטש, דער טאַליען. הערשעלע האָט זיך גע־רוקט הינטערווייל־עכץ. דער קולעוואַטע ביינער איז געקומען צופליען אַ דער־שראָקענער.

— קאָמען זי היער, שלומער יודע.

ער האָט זיך ברייט צעזעצט אויף אַ שטול. דער שערער ביינער האָט זיך גענומען באַאַרבעטן דעם טאַליען.

ביי הערשעלען האָבן געציטערט די הענט. ער האָט געזוכט מיט די אויגן אַ בריטווע. דער באַלעבאָס איז געווען שטאַרק פאַרנומען. ער האָט גאָרנישט געהאַט צו הערשעלען פאַר נישט קומען אַ גאַנצן טאָג. ער האָט פלייסיק געשפּריצט אויפן גרויסן טאַליענישן פּנים אַ סאַך שמעקעדיקע וואַסער. דער טאַליען האָט געבאָסעוועט.

— נאַכמאַלס.

ער האָט ביינערן צוגעשלעפּט צו זיך, אים איינגערוימט עפּעס. הער־שעלע האָט באַוויזן צו הערן בלויז דאָס וואָרט, כאַנקע, זיין שוועסטער. ביי־נער האָט דעמאָלט אַ קוק געטאָן אויף אים, אויף הערשעלען און שמייכלענדיק געזאָגט.

— גיי ארויס אביסל, קאָנסט אהיימגיין.

דעמאָלט האָט הערשעלע מיט זיין קליינעם הענטל א צי געטאָן א בריטווע פון שענקל, אראָפּגעלאָזט אין ארבל אריין און פאמעלעך זיך געלאָזט ארויסגיין. אראָפּגייענדיק פון דער שוועל האָט ער געהערט א הויך געלעכטער פון ביידן, ביינער מיטן טאַליען.

ער איז געלאָפן גיך אהיים צו דער שוועסטער איר דערציילן וועגן דעם דייטש, וואָס האָט געלאכט און גערעדט וועגן איר.

דאָס הייזל לעבן בארג איז שוין געווען פארשאָטנט פון דעם פרי־הארבסטיקן זונענפארגאנג. אויפן בארג האָבן זיך נאָך אלץ געוויגט די געהאנגענע. די שארלעכע זון האָט געהאָנגען אויף דער טליע, באקופּערט די אויסגעקרומטע פּענימער.

הערשעלע האָט זיך געזעצט אויפן שוועל, ארויפגעקוקט. ס'איז אים געוואָרן זייער אומעטיק־שווער אויפן געמיט. ער האָט זיך מוירע געהאט צו רירן פון אָרט.

שוין ביי זונענפארגאנג זיינען אָנגעקומען עטלעכע וועגענער. די סאָלדאטן האָבן אָפּגעשניטן די געהאנגענע, זיי אריינגעפּאקט אין אומגעהובלעוועטע קאסטנס. אן אלט פארהילט גאָיעלע האָט א וויין געטאָן. די פורן זיינען אָפּגעפאָרן. די סאָלדאטן האָבן צוגענומען די טליע, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

הערשעלע איז אריין צו דער שוועסטער אין שטיבל. די שוועסטער איז געלעגן אויפן בעטל, אָנגעטאָן אין א טונקל געבלומט ציגיינעריש קלייד. זי האָט גערויכעט א ציגארעטל. בא זיין אריינקומען האָט כאנקע זיך אפילע נישט א ריר געטאָן פון אָרט.

ער איז געשטאנען ווי געליימט. נאָך א לאנגע ווײלע האָט די שוועסטער געפרעגט:

— ס'געגעסן?

הערשעלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, ער האָט געגעסן. ער האָט איר גאָרנישט געוואָלט וויטאָן, ניט דערציילט זיין באגעגעניש מיטן ברודער ביי דעם מוטערס קייווער...

פונדרויסן האָבן זיך געהערט טריט. די שוועסטער איז פוילבלעך אראָפּ פון בעט, פארוקט ס'פאָרהענגל, אָנגעצונדן א לעמפּל.

ס'הערצל האָט ביי הערשעלען גענומען פּויקן. ווידער וועט מען אים אריינלעגן אין קאָרבל אויף א גאנצע נאכט אינדרויסן. די שוועסטער האָט אף אים געקוקט עפּעס מיט זייער מאָדנע פארטראכטע אויגן.

מען האָט גענומען קלאפּן אין טיר. די שוועסטער האָט זיך אויפגע־

שטעלט, אים אריינגעשטופּט אונטערן בעטל. זי האָט ארויפגעלייגט א פינגער אויפן מויל. דאָס מיינט, ער וועט דארפן שטומען.

עס איז אריינגעקומען דער טאַליען. ער האָט זיך קוים אריינגעפּאקט מיטן בויך דורך דער שמאָלער טיר.

— גוט אבענט פריילין — האָט ער געזאָגט. עס האָט פון אים געפּאַרעט מיט בראָנפן, מיט ביליק קעלניש וואסער. ער האָט זיך א זעץ געטאָן אויף א בענקל, צעשמייכלט זיין שמאַלציק פּאָנים. מען האָט קוים ארויסגעזען שמאָלע אויגן־שפּעלטעלעך. ער האָט צעשנאָלט דעם פּאסיק. דער בויך האָט א שפּאר ארויסגעגעבן מיט א דומפּיקן שווייסיקן גערוך. ער האָט א שפּארע געטאָן מיט די נאָזלעכער, געשלעפּט כאַנקע׳ן צו זיך אויפן קני ארויף.

— שענער ביזטו ווי מיין לעבכן ביים רהיין.

כאַנקע האָט זיך א ריס געטאָן פון אים.

— כ׳האָב פיינט א באַזאָפּענעם קערל.

— כע, כע, יודנהור — האָט ער א האלדזיקן לאך געטאָן. הערשעלע האָט זיך אונטערן בעטל דערמאָנט דעם פּאטש, וואָס ער האָט געגעבן דעם צווייטן געהאַנגענעם. ער האָט באַוואונדערט זיין שוועסטערס שטאָלצע דרייסטקייט. ער וועט מיסטאָמע איר אויכעט שלאָגן. ער האָט טאקע באַלד אריסאָפּגעגעבן דעם פּאסיק פון די הענגערס. די וואָנסעלעך האָבן זיך אויפגעשפּיזט ביי אים ווי ביי א יעזש.

— פארפלוכטע יודנהור.

ער האָט דעם פּאסיק א מעסט געטאָן איבער איר פּאָנים. א בלויער פּאַס איז געבליבן אויפגעשוואָלן. זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן, אומגעפאַלן אויפן בעטל. ער האָט זיך ארויפגעוואָרפן אויף איר, געריסן די קליידער געפּראכט מיטן בויך און זי געדרושעט. די שוועסטער האָט שווער, ווייטיקדיק געקרעכצט.

הערשעלע האָט זיך געדוכטן, אז זי רופט זיין נאָמען, ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם גאָל־מעסער. ער האָט אפּירגעטאָן ס׳קעפּל פון אונטערן בעטל ווי א מייזעלע פון א מויזלאָך. א האנט האָט אָנמעכטיק אראָפּגעהאָנגען — זיין שוועסטערס ווייסע האנט.

הערשעלע האָט ארויסגעצויגן דאָס גאָל־מעסער פון טאַש, געשטופּט דער שוועסטער אין האנט. די שוועסטער האָט קראַמפּהאַפטיק א פארקוועטש געטאָן ס׳הענטל, א פּאָכע געטאָן איבערן רויטן, ווייכן קארק. דער דייטש האָט א רעווע געטאָן. בלוט האָט א שפּראָץ געטאָן ווי פון א געקוילעטן אָקס, און ווי א זאק איז ער אראָפּגעפאלן אויף דער ערד אין א טייך בלוט.

וועטעראַנען

פון „קינג־האָטעל“ — אַ דריישטאָקיקע געבײַדע אויף דער וועסטפּאַר־טער מעין־גאַס — האָט זיך ארויסגעשאָטן אַ מאַכנע בעגילופנדיקע מילכאָ־מע וועטעראַנען. דער ברייטער טראָטואַר איז פול געוואָרן מיט הויכע רויט־פּאָנימדיקע מענער. זיי האָבן געטראָגן רויט־גרינע בערעטן אויף די קעפּ. נאָכבאָמבלענדיקע קרייצן, מעדאַלן אויף די ארויסגעשטאַרצטע ברייטע ברוסטן.

טייל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די אויטאָס. די אַנדערע האָבן זיך גענומען וואַקלענדיקע שלעפּן איבער דער לאַנגער גאַס, געבלאָזן מיט צעפּאַ־רעטע פּיסקעס, געשריגן מיט הייזעריקע גאָרגלען:

— מיר זײַנען סאָלדאַטן, מיר ווילן הוליען.

דורכגייענדיקע גוטמוטיקע איינוואוינער האָבן זיך דערעכערעצדיק אָפּגערוקט, געמאַכט אַ וועג.

— פרעד וואו איז? לאָמיר גיין נאָך פרעדן — האָט בעילי גענומען שרייען, זיך געריסן ארויסצוגיין פון דער מאַכנע.

מיסטער ריטשאַרדסאָן — דער פּאַרוואַלטער פון דער וועסטפּאָרטער „האַרדוואַוד פּוירניטשור קאָ.“ — אַ ברייט פּלייציקער סקאָט אין אַ בלויען רעקל מיט ווייסע פלאַנעל־הויזן, האָט דעם שרייער פּאַרהאַלטן, צוגעצויגן צו זיך.

— זיין נאָמען דערמאָן נישט, דעם יודאָש. איבער אים האָט די באַנדע די מעדאַלן צוריקגעשיקט.

דער וועטעראַן בעילי, דער האָלץ־שניצער מאָדעליסט, האָט גענומען וויינען מיט באַנומענע שיקערע קוילעס.

— דאָס לעבן האָט ער איינגעשטעלט פאַר מיר, פרעד, אין פּיער. איר אַלע זענט גאָרנישטן, פּויליאַקעס, ארבעטן הייסט איר אַנדערע.

די וועטעראַנען האָבן בעילי'ן אָנגעכאַפּט פאַר די אָרעמס. זיינע הענט האָבן אזש געקרעכצט. בעילי האָט זיך שטיל געלאָזט פירן.

— פאַרשטייסט, וואָס עס מיינט באַליידיקן אונזערע אַלאַאירטע קאַ־מעראַדן, צוריקשיקן מעדאַלן?...

— ווארפן אין פּנים אריין אזא ווירדיקע מאטאָנע.

— אין אַלעם זיינען שולדיק די רויטע אַגיטאַטאָרס! — האָט מען אין דעם שיקערן אריינגעטאַינעט. בעילי האָט שלעפעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, געגרעבצט מיט א זויערן בראָנפן־גערוך.

מיסטער ריטשארדסאָן האָט זיך נאָכאַמאָל צוגערוקט צום האָלצשני־צער בעילי. ער וועט אים באַווייזן, אז ער טאָר נישט בענקען נאָך די אַפּטרי־ניקע וועטעראַנען, אפילו די נאָענטסטע. ער האָט זיי אין שאַפּ אריינגענומען, געגעבן די בעסטע סכירעס פאר לייכטע ארבעט. אז די צייט איז שלעכט דארפן זיי מיטליידן. זיי אָבער — א גאַנצע שטאָט איבערגעקערט. רואינירט א פירמע צוליב א לאַנגן סטרייק. כוזיק־געמאַכט פון מיליטער, זיך געשלאָגן, געשליידערט די מעדאַלן.

— שולדיק אין אַלעם איז דער ניסקער, דער פרעמדער, דער יוניע באַסטערד, זייער פירער...

נאָכאַלעם זיינען זיי, די וועטעראַנען געווען אמאָל גוטע יונגען. ווער האָט זיי איבערגעפירט?

בעילי האָט פּלוצים אַ פּינטל געטאָן מיט די אויגן, א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אראָפּווארפן, און א ברעך־ארויפּ־געגעבן אויף ריטשארדסאָנ׳ען.

נאָך דעם האָט בעילי אויפגעריסן ס׳מויל צום טראָטואר, צעשפּריצט, צעקייעטע מאכאָלים מיט אַ געשטאַנק פון זויערע ווורשטן.

— א כאַזער, זאָל ער שוין בעסער גיין צו זיי! — האָט מיסטער ריטשארדסאָן געזאָגט זיך ווישנדיק די מאַלבושים.

די וועטעראַנען האָבן אויסגעשאָסן א געלעכטער. בעילי האָט זיך צוגעשלעפּט צו אַ שויי־פענצטער פון א קליידער־געשעפט, עפּעס געמורמלט מיט א וויינענדיק־גרימאַסנדיק פּאָנים. די וועטעראַנען האָבן ראַכמאָנעס באַקומען, אים גענומען שלעפּן צום פּאָנטאַן, וואָס אויף דער ערשטער גאָס באַלד ביים ראָג.

טראַמוואַיען האָבן זיך רוישעדיק געטראָגן אין אַלערליי שטאָט־טיילן. דער פּאָליצייער אויפן צעמענטענעם געשטעל האָט מיט ווייסע הענטשקעס געפירט דעם פארקער.

דער פּאָנטאַן — אן איינפאַכער דענקמאָל פאר די וועסטפּאָרטער מילכאָמע־הארוגים. צוויי לאַנגע רעשימעס מיט נעמען, אויסגעקריצט אויף אן אייזערנעם טאָוול. אינדערהויך האָט ער געקענט לייענען:

„נישטאָ קיין עכטערער טויט ווי שטאַרבן מיט ליבע צו דיינע פריינט און פאָטערלאַנד".

הינטערן פּאַנטאַן איז געווען אַן אָפענער גרינער סקווער מיט בענק, פול מיט אָפּגעריסענע מענער, יונגוואַרג. א סאַך זיינען געלעגן אויפן גראָז, געשלאָפן אויף צעטראָטענע צייטונגען.

די וועטעראַנען האָבן בעילי'ן צוגעשטופּט צום פּאַנטאַן. ער האָט העשנדיק געזשליאָקעט, פּראַכנדיק, ווי אַן איבערגעפּרעסענע בעהיימע, מיטן גאַנצן קערפּער.

א סאַך נייגעריקע מענטשן האָבן זיך אוועקגעשטעלט — ספּאָרטישע יונגען אין אַלערליי סוועטערס. יונגע סטודענטן האָבן געהאַט האַנאָע, וואָס די אַלטע וועטעראַנען קענען אַזוי לוסטיק הוליען. אין וועסטפּאָרט איז דאָס זעלטן צו זען.

בעילי האָט זיך שוין געהאַט גוט אָנגעטרונקען מיט קאַלטן וואַסער. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעזיפּצט, זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זייער א שווער לעבן, אַז זיין צייט איז טאָמיד פאַרקויפט צו ריטשאַרדסאָנ'ען. געזאָלט האָט ער גאָר זיין א פרייער קינסטלער צו שניצן וואָס זיין האַרץ גלוסט. זיינע פּיאַיקייטן ווערן פאַרשווענדעט ביי ביליקע מעבל־שטיקער. ער איז עלנט פּונקט ווי די טויטע קאַמעראַדן אויפן דענקמאָל דאָ.

ער האָט ווידער א פינטל געטאָן מיט די פאַרגאָסענע אויגן. די וועטעראַנען האָבן זיך כאַפּטשענדיק אָפּגערוקט. בעילי האָט צוגעדריקט ס'פּאָנים צו דער רעשימע פון די מילכאָמע הארוגים, געוויינט און געבראָכן אָן אויפהער.

— קום, דו אַלטע סענטימענטאַלע מויד! —

— שטרויענער זעלנער.

דער וואַך־סערזשאַנט אויפן צווייטן ראָג האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק: צעהוליעטע בירגער. עס איז דאָך זייער יאָנטעוו פון באַנייטן לעגיאָן.

נאָכדעם האָבן זיי זיך שוין געשלעפּט אויף א שטילער הינטער גאַס, נענטער צום אינדוסטריע־צענטער. זייער כיישעק: אויפצוזוכן, זיך אָפּצורעכענען מיט די מילכאָמע - וועטעראַנען, וואָס האָבן אָפּגעשיקט די מעדאַלן — זיי געפינען זיך, מיסטאָמע, דאָרט, אין דער יוניאָן־געביידע.

דאָ זיינען שוין קיין געשעפטן נישט געווען, נאָר לאַנגע רייען מיט נידעריקע אָפּגעשיילטע הייזקעס. גרויע איינגעבויגענע ווענט. שמוציקע וועראַנדעס. פּרעמד־געבוירענע אַרבעטער, אין פּאַריסטע אַרבעטס־קליידער, זיינען דאָ גאַנצע מישפּאָכעס געזעסן. די קינדער אָפּגעריסענע, אויסגעדאַרטע האָבן

געקייקלט א באַלעם, געשריגן מיט דולע געשרייען.

מיסטער ריטשאַרדסאָן מיט זיינע געהילפן — מוירפי און העריסאָן, דער אידישער פאַרקויפער — זיינען שוין נאָכגעפאָרן אין זייער אויטאָ, נאָכגעפאָלגט די וועטעראַנען. אנדערע, כאַשעווע בירגער האָבן נאָכגעטאָן ריטשאַרדסאָנ׳ען.

אויף די וועראַנדעס האָט ער דערקענט א סאַך, וואָס ארבעטן אין זייער שאַפּ. מע זאָל זיך נישט קענען ספּראַווען מיט אַזעלכע אָפּגעריסענע בראָים... שטאָלץ זיינען זיי, ווי מיליאָנערן. מ׳שטיינס געזאָגט, קוואָרים שטיבלעך... די וועסטפּאָרטער בירגער זיינען ווייבער. מע דאַרף זיך נישט לאָזן רואינירן פון די כעוורע סטרייקער. האַלטן אין צוים!

דער אָוונט איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן אויפן אויסגעצויגענעם זומער־טאָג, די נישט־ווייטע פאַבריק ־ געביידעס האָבן איינגעטונקלט די גאַס אין אָוונטיקע שאָטנס.

די קינדער זיינען שוין נאָכגעלאָפן די וועטעראַנען ווי מע לויפט נאָך קאַרניוואַל־פאַרשטעלטע. איין אינגעלע מיט א פלאַקס קעפּעלע האָט א זונג־געטאָן:

„אַל די קינגס האָרסעס ענד אַל די קינגס מען״.

א בלאָנדער טאַטע מיט א רוגזדיק פּאָנים האָט א כאַפּ געטאָן דאָס קינד ביי א פולקע, עס א הויב געטאָן, געגומען פּאַטשן אין געזעמל אריין:

— יו ביג באַם, יו! ווי קומסטו צו זיי? שלאָפן גיי!

ביי דער יוניאָן־געביידע פון די מעבל־ארבעטער וואָס ביי דער ענדע גאַס האָבן זיך די וועטעראַנען אָפּגעשטעלט, זיך פאַראַנקערט, ווי צו א שלאַכט.

אין דעם צוויי־גאָרנדיקן אלטן הויז איז איצט געווען געפּאַקט מיט מענטשן. אין דרויסן זיינען געשטאַנען עלטערע ארבעטער און יונגע, געשמועסט געמיטלעך וועגן זייער לעצטן סטרייק. טייל האָבן געוויכערט לולקעס, גערעדט אף אלערליי שפּראַכן. יעדער האָט דערמאָנט ווי אַזוי די ארבעטער האָבן אויסגעפירט ס׳זייעריקע, כאָטש ריטשאַרדסאָן האָט געהאָט מיליטער מיט טאַנקעס.

דערזעענדיק די וועטעראַנען האָט אַן עלטערער מעבל־ארבעטער זיך אויסגעקלאַפּט די לולקע.

— אָט האָסטו דיר נייע זעלנער.

— האָנשיסער מיט גראָבע בייכער — האָט א צווייטער געכויזיקט.

די וועטעראַנען האָבן זיך געדרייט אויפגערעגטע, צעטומלטע, ארום

דעם ווינקל, מוידע געקראָגן פאַר דעם גרויסן אוילעם, וואָס געפינט זיך איצט דאָ.

פון אינעווייניק איז ארויסגעקומען פרעד — א דארער ענגלענדער, מיט אַן אויסגעצויגענעם איידעלן האלדז, ווי ביי א געוועזענעם פּריסטער. ער איז געגאַנגען מיט דעם יוניאָן־אָנפירער — א נידעריקער ארבעטער מיט אַן איינגעפאלן פּאַראַקשנט פּנים.

— אָט איז פרעד!

— פרעד! יודאש! באָלשעוויק! מאָסקוּוער מעשאָרעס! — האָבן אים וועטעראַנען גענומען שרייען.

בעילי איז אראָפּגעגאַנגען פון טראָטואר, גענומען שאָקלען מאַכטלאָז מיט די לאַפּקעס. פרעד איז אונטערגעשפּרונגען. בעילי האָט ארויפגעוואָרפן אויף אים א פּאָר שווערע הענט, שטייף ארומגענומען.

— פרעד, מאַי גאַש, פארוואָס ביסטו נישט מיט אונז? — האָבן זיך געשוימט ווערטער אף זיינע ליפּן.

— אַן ארבעטער האָט וויכטיקערע זאכן.

— איך האָב געשוואוירן, אז דו ביזט נאָך אלץ א גודבאָי. זיי לאַכן מיך אויס.

פרעד האָט אים א נעם געטאָן הינטערן אָרים מיט זיין דארער שטאַרקער האַנט.

— קום, ביזט נישט געזונט. איך וועל דיך אהיימנעמען.

ביידע האָבן זיך איצט דערפילט זייער גוט, ווי אַמאָל, ווען זיי האָבן צוזאַמען אלע מילכאָמע־געפאַרן דורכגעמאַכט. עמיץ פון די וועטעראַנען האָט נאָכגעשריגן:

גיי נישט, ער וועט דיר די רעשט איבערפירן.

בעילי מיט פרעדן האָבן זיך נישט אומגעקערט.

פון אינעווייניק פון צווייגאָרנדיקן הויז האָבן זיך גענומען ארויסרוקן אויפגערעגטע ארבעטער: שווארצע איטאַליענער, בלאָנדע פינער, רוסן, סקאָטן, אירלענדער און אידן.

— פּאַשיסט!

—יו, באָס, טשיזלער קאָם אָן.

די ארבעטער האָבן זיך פארשאַרצט די ארבל, זיך גערוקט הינטער־ווײלעכץ, אלץ ווייטער אוועק פארשטומטע פון דער יוניאָן־געביידע.

שפּעטער אין אָוונט האָבן זיך די ארבעטער באַרואיקט. אַנדערע האָבן זיך ווידער אריינגעטאָן אין זייערע געמיטלעכע שמועסן. אין דער יוניאָן־

געביידע איז געווען שטיל און דושנע. א געדעמפּפטער רויך האָט זיך געגעפּלט אינדערלופטן.

כּאָוער ניסקער האָט אָנגעשטופּט אַ פולע לולקע מיט טאַבאַק און זיך ארויסגעלאָזט אינדרויסן. ער האָט זיך אוועקגעלאָזט מיט זיין סוטעלע-וואַטן גיכן גאַנג, דאָ נישט ווייט, צו א ביליקן רעסטאָראַן.

ווי גיך די שטאָט האָט זיך דאָ געענדערט. וועסטפּאָרט איז געוואָרן אַן ארבעטער־צענטער — האָט כּאָוער ניסקער, דער יוניאָן־אָנפירער געטראַכט. די מעבל־ארבעט איז פארשוואונדן פון די גרעסערע שטעט, זיך דאָ אויסבאַהאַלטן, קעדיי צו שינדן די היגע אויסגעהונגערטע, אומדערפאַרענע איינוואוינער.

אצינד וועלן זיך מיסטאָמע ווידער אָנהויבן שווערע טעג. ריטשארד־סאָן, דער פארוואַלטער פון דער גרעסטער מעבל־פאבריק, וויל ווידער רייסן די סכירעס. ער, ריטשארדסאָן וויקלט ארום זיך א קויעך — אַלע פאַרמעגלעכע און אומוויסנדיקע וועסטפּאָרטער — אז דער היינטיקער צופאַל מיט די וועטעראַנען איז דער ערשטער אָנפאַנג.

כּאָוער ניסקער האָט געביסן זיין ליולקע. זיינע קליינע אויגן האָבן זיך פארזשמורעט. ניין, ער וועט נישט לאָזן אויספלינדערן די ארבעטער דאָ. ער וועט אויפהויבן אזא שטורעם ארום, אז ווי לאַנג וועסטפּאָרט שטייט אויף די פיס האָט זי נאָך אזעלכעס נישט געהערט...

ער האָט האַסטיקער גענומען גיין מיט זיין הינקענדיקן גיכן גאַנג. נאָך וואָס עפּעס אַזויפיל אויטאָס אין דעם שטילן אָרעמען געסל? די אויטאָס — שיינע לימאַזינען, שעווראָלעטן — האָבן זיך געטראָגן הין און צוריק, געסל־אַריין, געסל־ארויס.

דאָ האָבן זיך געצויגן לייִדיקע אַלטע געסלעך. פּלעצער מיט ברוכווארג, מיט שטיקער בלעך באַקלאַפּטע. ניסקער'ן איז געוואָרן מאָדנע אומהיימלעך. עפּשער דוכט זיך אים בלויז, אז מען לויערט אויף אים.

האַרט ביים טראָטואַר האָט זיך איין אויטאָ פארהאַמעוועט מיט א קוויטש. מען האָט האַסטיק א ריס געטאָן די טירלעך. ניסקער האָט זיך נישט אומגעקוקט. צוויי שיין־אָנגעטאָענע מענער האָבן זיך א שטעל געטאָן אין וועג. זיי האָבן אים א נעם געטאָן ביי די הענט. ניסקער האָט זיך א טרייסל געטאָן.

— מיינע הערן, איך האָב נישט קיין כיישעק צו קיין וויצן.

די מענער האָבן ברוסטיק א לאַך געטאָן.

— קאָם אָן, מירן דיר געבן א ראַיד.

ניסקער'ן איז געוואָרן כידעשדיק דער גאַנצער איניען. באַלד איז אים עפּעס קלאָר געוואָרן. ער האָט זיך געפּרואווט אַ ריס טאָן פון זיי. איינער האָט אים געגעבן אַ שטורכע אין זייט. דער צווייטער האָט אים אַ שטויס געגעבן איבערן קאָפּ. ניסקער האָט זיך איינגעבויגן. די מענער האָבן אים אַ שליידער געטאָן אין אָפענעם טיר אריין.

דער אויטאָ האָט אַ שוועב געטאָן פון אָרט. פון ווייעדיקן ווינט אין די אָפענע פענצטערלעך איז כּאוועך ניסקער גלייך צו זיך געקומען. זיך אויסגעטשוכעט, געזען, ער זיצט צווישן פיר מענער — צוויי פון פאָרנט, צוויי ביי זיינע זייטן.

ביי ניסקער'ן איז נישט געווען קיין שום געפיל פון מוירע. ער האָט פאַרזשמורעט זיינע קליינע, קינדישע אויגן — פאַמעלעך געמאַכט אַ כעשבן, ווער די מענער זיינען.

לויטן אויסזען — בעקאָוועדיקע סאָכרים.
לויט דער אינטימקייט — פון איין קלוב.
לויט דעם וואוקס — מענטשן, וואָס קענען דערלאַנגען אַ קלאַפּ.

— מיסטער ריטשאַרדסאָן האָט אייך געדונגען — האָט ניסקער ארויסגעשלעפּט פון מויל די ליולקע. ניסקער איז געווען בלאַס, רוגזעדיק. די באַקן האָבן געגליט אויפן איינגעפאַלענעם פּאָנים. זיין דאַרער קערפּער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט.

די צוויי זיצנדיקע האָבן אים מיט שווערע קערפּערס אַ דריק געטאָן, איינגעקלעמט ווי צווישן צוואַנגען. ניסקער האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן פון ווייטיק.

— דעם פּיסק האַלט, מאַסקוועך אגענט! — האָבן די פון פאָרנט זיצנדיקע אויסגעביסן זייערע ווערטער.

ניסקער האָט אַ שמייכל געטאָן. דער שמייכל האָט ווי געזאָגט: מער ווי פייניקן קענט איר נישט. און צו דעם איז ער, ניסקער, שוין געוואוינט נאָך פון קינדרוויז אָן, פון דעם ליטווישן שטעטל מיט דעם אָרימען באַלמעלאָכישן טאַטן, דעם שטובן־מאָלער — אַ לאַנגער מעהאַלעך פון פויסטן זיך פאַר דעם שטיקל לעבן.

דאָ האָט דער שמייכל אַ צעקרומטער אויף די ווינקלען זיך געשפּילט אין טויזנטער קנייטשעלעך. יעדעס קנייטשעלע — אַ באַזונדערע וועלט, פון איינגעזאַפּטער, איינגעבאַקענער פּיין.

דער אויטאָ איז גיך געפלויגן איבער שפּאַצירנדיקע באַלויכטענע שטאָט־גאַסן. ער האָט געקענט, אפילע, ניסקער, שרייען, רופן הילף. אָבער

טאָמער וועט קיינער נישט דערהערן אין געלויף זיין קאָל, וועט עס נאָך הייסן, אז ער, ניסקער, איז א פּאַכדן. ער, וואָס האָט געפירט טויזנטער אין סטרייקן, געוועזן זייער וואָרט־זאָגער האָט איצט מוירע פאר זיין אייגענער פּעל. דער דאָזיקער געפיל האָט בארויקט זיין געמיט מיט א שטומער גלייכגילטיקייט: זאָל געשען, וואָס עס וועט געשען.

לעבן א שטילער הינטער־גאַס האָט זיך דער אויטאָ אָפּגעשטעלט. דאָ ארום האָבן זיך געצויגן אלערליי פּארדראָטעוועטע לײדיקע פּארקן, אויסגעגלעטע ווי גרינע טישן פאר גאָלף־שפּילעריי. דאָ און דאָרט האָט זיך א הויז ווי א פּאַלאַצל מיט טורעמלעך געטונקען צווישן צעצווייגטע, בלעטערנדיקע ביימער. שיטערע צעשטעלטע אויטאָס האָבן דערמאָנט, אז ערגעץ וואוינען דאָ מענטשן, אין שטילקייט באַהאַלטענע, אזעלכע שאַלוועדיקע, אויסדערווײלטע פון דער טומלדיקער וועלט.

— נו, ריר זיך, פּארדאַמטער טייוול — האָבן די ארויסגייענדיקע מענער געזאָגט. ניסקער האָט זיך גערירט גלייכגילטיק, ווי נישט אים מיינט מען. זיין שווייגן האָט זיי אויפגערעגט.

— פּיסקעווען קען ער נאָר אויף א פּלאַטפאָרמע. אנו שטעל זיך אַפּן קאַר, רעד אראָפּ.

א סאך אויטאָס זיינען אָנגעקומען. זיי זיינען געגאַנגען א שטיקל וועג, פארקערעוועט אין א שאָטנדיק ביימער־געסל. פון דאָרטן האָבן אראָפּגעלויכטן צוויי לאָמפּן פאר א הויז מיט גלעזערנע פראָנט־טירן.

אויף די טרעפּ, אין פּאָדערהויז איז געוואָרן טומלדיק. וועטעראַנען אין זייערע בערעטן, אויסגעפּוצטע מיט צוגעהעקלטע מעדאַלן, זיינען געלאָפן אריין און ארוים — אָנגעזאָגט די בסורע. קעפּ אויף קעפּ האָבן זיך געשטופּט ביים אריינגאַנג צו זען דעם געפאַנגענעם.

אינעווייניק — א לאַנגער זאַל מיט בענקלעך, אלערליי ווייכע שטולן פאר געהויבענע געסט, אויבן־אָן — א דעקאָרירטע טריבונע. אויף די ווענט — פּאָרטרעטן אין גילדערנע ראַמען פון פארשיידענע מילכאָמע־העלדן — גאַוועדיקע, ברוסטיקע מענער מיט שווערדן ביי זייערע געלענדן. אינמיטן דעם קעניגס און קעניגנס פּאָרטרעטן — באַצירטע, לאַנגע פענער געפאַלדעוועט מיט מיניענדיקע קאָלירן.

מיסטער ריטשאַרדסאָן, העריסאָן, און מוירפי זיינען געשטאַנען אין א זייט, עפּעס געשמועסט זייער געשעפטסמעסיק, ווי זיי וואָלטן זיך אינגאַנצן דאָ נישט געמישט אין דעם זעלנערישן ספּעקטאַקל.

די לעגיאָנערן האָבן זיך געשטופּט, גערעוועט מיט צעווילדעוועטע

שטימען. יעדער האָט קלוימערשט נישט־ווילענדיק ניסקער׳ן א שטויס געטאָן אין א זייט. פון זייערע אויגן האָט ארויסגעפינקלט א הינטישע רעציכע. אים, ניסקער׳ן האָט זיך געדוכט, אז אָט ווארפן זיי זיך אויף אים, קעדיי אים צערייסן אויף שטיקער. איינער האָט געשריגן:

— לאָמיר אים דערהארגענען ווי א ראַץ.

— נישט דאָ. נישט פאראומריייניקן אונזער קלוב. — האָבן אנדערע אָפּגעענטפערט.

גראָד האָט זיך אים, ניסקער׳ן א שטעל געטאָן פאר די אויגן דאָס לעבן פון א קליין אָרים מייזעלע, וואָס די גאסן־יונגען האָבן אנומלט לעבן זיין דירע געכאַפּט, צוגעבונדן צו א שטריקל, עס געשמיסן, געשפרונגען מיט ווילדער רישעס.

— אויסוואורפן, וואָס האָט איר פון דעם?

ניסקער האָט נאָך אַלץ אָנגעהאלטן זיין שטאָלצע שטומע גלייכגיל־טיקייט. ניסקער האָט זיך באגעגנט מיט א פּאָר אויגן פון א הויכן, טונקעלן מאן — א קרעפּטיקער, וואָס איז געשטאַנען אָנגעלענט אן וואנט מיט צוויי קוליעס אונטערגעשפּארט זיינע אָרימס. פון זיינע אויגן — ברוינע, קאָכעדיקע אויגן — האָט ארויסגעקוקט אזא טיפער אומעט, אזא איימעדיקער טרויער, אז ניסקער׳ן איז דורך א ציטער איבערן לייב.

ניסקער׳ן איז לייכטער געוואָרן אפן הארץ. אָט געפינט זיך דאָ איין מענטש וועמענס צאר עס איז אים נאָענט. שוין זשע קען דאָ קיינער נישט אויפהעלען, בלויז קוקנדיק אויף די וויינענדיקע, געבליבענע גלידער פון א מילכאָמע־קאָרבן, אויף דעם דאָזיקן שווארצן מאַן?

— זאָל ער קושן די פאָן.

— יא, די פאָן! די פאָן! — האָבן א סאך געלאַכט.

עמיץ האָט א ברענג געטאָן די פאָן, זי געשטעלט פאר כאוועך ניסקער׳ס אויגן. ניסקער האָט שארף א קוק געטאָן אויף אַלע ארומשטייענדיקע.

— וואָס מאכט איר כוויזיק? קוקט אויף יענעם מאַן..., האָט ניסקער אויסגעשטרעקט די האנט.

— וואָס פאַרהאַקט ער די ציין? זעט איר שוין, ער איז קעגן דער פאָן — האָבן אייניקע געזאָגט.

— לאָזט מיך גיין פונדאנען. איך וועל האלטן ריטשארדסאָנ׳ען פּאראנטוואָרטלעך געריכטלעך — האָט ניסקער א זאָג געטאָן וואָרנענדיק מיטן פינגער. גראָד דעמאָלט האָט זיך ריטשארדסאָן א פארנומענער ארויס־

גערוקט אינדרויסן צוזאמען מיט זיינע אייצע־געבער, מוירפי און העריסאָן.

עמיץ האָט ניסקער׳ן א שטויס געטאָן פון הינטן. נאָכדעם האָבן גענומען פליען קלעפּ פון אלע זייטן. מען האָט אים געשליידערט ווי א באלעם פון איין אָרט צום צווייטן. ניסקער האָט זיך געווערט מיט זיינע דארע שטע־קלדיקע הענט. א רעציכע האָט אין אים געקאָכט, איינצובייסן זיך אין די צעהיצטע גראָבע פּענימער.

— דערלאנג די פויסטן, העלד מיינער — האָט געזאָגט איינער פון די פיר מענער, וואָס האָבן אים געבראכט אהער. זיי האָבן אים שטויסנדיק ארויסגעצויגן אינדרויסן.

ווידער האָבן זיי זיך גיך אריינגעזעצט אין אויטאָ. ווי עפּעס אן אָפּ־מאַך צווישן זיך, איז קיינער פון די וועטעראנען נישט נאָכגעגאנגען.

דער אויטאָ איז מיט אן אימפּעט ארויפגעפאָרן אויף א טונקעלן גלאטן שאָסעי, פאר די אויגן האָבן זיך געדרייט טונקעלע פעלדער, געדיכטע וועלדלעך, גאָזאָלין סטאנציעס מיט צעצונדענע לעמפּלעך, מיט נאָכהענגענדיקע פענדלעך.

ערגעץ ווייט האָט א הימל־פּאס זיך געצויגן ווי פארגליווערטע שוואר־צע שטיקער בלוט. פון גיכן געלויף האָט א ווינט געזאָטן, געבריט ס׳פּאָנים. אין דער נאָז האָט געצופּט א שארפער, טרוקענער פעלד־גערוך. דער אויטאָ — בארג-אראָפּ, בארג ארויף — מיט א מעשוגענעם אימפּעט.

ענדלעך האָבן זיי פארקערעוועט אין א זייטיקן אריינפאָר. אָפּגע־שטעלט דעם אויטאָ. נישט ווייט האָט זיך געצויגן א געדיכטער וואלד.

— זעסט? דאָרט וועלן מיר דיך דערמאָרדן... אויב דו וועסט צוריק קומען קיין וועסטפאָרט.

— איצט קענסטו גיין, זאָלסט זאָגן אז אזוי וועלן מיר טאָן מיט אלע דיינס גלייכן.

ניסקער האָט געקוקט מיט זיין שטומער שטאָלצער גלייכגילטיקייט, זיך נישט גערירט פון אָרט, בלויז אויף די מוילווינקלען האָט א שמייכעלע אויפגעציטערט.

— נו, גיי, פארדאמטער טיוול! — האָט איינער פון די מענער רע־ציכעדיק אויסגעשריגן. ער האָט א כאַפּ־געטאָן ניסקער׳ן פאר אן אקסל, מיט א פּוס אים א קאָפּע געטאָן פון זיך אוועק. ניסקער האָט א פאל־געטאָן צו דער ערד, זיך געקאָלערט עטלעכע מאָל אין שטויב, ביז ער האָט זיך פארהאַ־מעוועט: ער האָט צעשטרעקט די הענט און זיך איינגעביסן ביז בלוט אין דער ערד. דער אויטאָ האָט האסטיק אוועקגערוישט.

הינטערן פראנט

איבער דעם פענצטער האָט שקיעדיק געברענט די זון מיט אַ שאַרלעך־בן פלאַם, זיך אָפּגעשלאָגן קופּערדיק אויפן שטוביקן שויבנשענקל, אויף די קעפּלעך פון די דריי ניי־מאַשינען. אונטן, אין הויף האָט זיך שוין געשפּרייט אַ שטילע אומעטיקע טונקלקייט. פון ערגיץ ווייט האָט זיך דייטלעך געהערט אַ דערנענטערנדיק שטויסן פון האַרמאַטן.

— דום, בום, דום, בום.

די שטיקלעך פאַרקלעפּטע שויבן, מיט דעם גאַנצן אויבערשטן גאַרן האָבן זיך געטרייסלט, אָט, אָט אומצופאַלן אין הויף אַריין.

אייזיק שניידער, אַ מיטליאַריקער איד מיט אַ ברייטער צעקנייטשטער באָרד, איז געזעסן ביים הויכן ניי־מאַשין. ער האָט זיך געיאָגט, אייזיק, מיט רוגזעדיקער גיכקייט ווי געוואָלט איבערשרייען די שווערע, ווייטלעכע האַר־מאַטן ־ קלעפּ.

...עפּשער טאַקע וועט עס באַלד איבערגיין, צו וואָס זאָל זיך זיין ווייב מאַלקע שרעקן. ער וועט ווי ווייט מעגלעך ווייזן מיט זיין נייען, אַז, נישקאָשע, דער סוינע איז נאָך ווייט, זייער ווייט.

ער האָט געהאַקט מיט די שווערע שטיוול דעם פּעדאַל, זיך דערמאָנט, אַז עס זיינען שוין נישטאָ די פאַרמילכאָמעדיקע צייטן. די געזעלן אוועק אין מילכאָמע. די מאַשינען שטייען ליידיק, קוקן אויף אים מיט שטומע, אומעטיקע קעפּ. ס׳ביסל סכוירע אויפגעגעסן, און אין שטוב ווייזט זיך נישט קיין מענטש אַריין...

אייזיק האָט ווי מוירע געהאַט אויפצוהויבן די אויגן צום בעט וואו זיין מעאיבערעסדיק ווייב איז געזעסן. וואָס זיצט ער עפּעס דאָ ווי אַ גוילעם און נייט, אַז אין שטוב איז נישטאָ וואָס צו עסן, גאָרנישט, פאַר די קינדער־לעך אפילע נישט? ווי עס לאָזט זיך הערן פונדרויסן, וועט מען באַלד ווידער מוזן מיט געפּעק אַראָפּלאָזן זיך אין קעלער אַריין, ווער ווייסט אויפווילאַנג.

— אייזיק, הער נאָר וואָס אינדרויסן טוט זיך, אייזיק.

— עך בין נאָכנישט טויב געוואָרן—האָט זיך אייזיק אַ בייזער געטאָן. ער ווייסט אַליין, וואָס דאַרף מען אים מונטערן. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם

אומזיסטיקן געניי, געבליבן זיצן א געפּלעפּטער. וואָס האָט ער זיך נאָך צו בייזערן? עס איז זיי נאָך וויניק שלעכט?...

מאַלקע איז נאָך אַלץ ווי פריער געזעסן אויפן בעט, עפּעס שטיל גע־מאָנט מיט איר ליכטיק אויסגעצערטן פּאָנים. זי איז געווען ארומגערינגלט מיט פארשלאָפטע קינדער — אויסגעמאַרעטע, הונגעריקע פּענימלעך. זיי האָבן שטיל געיאָנטשעט, געקוקט מיט פארווײנטע אייגעלעך צום בייזן טאַטן, וואָס ברענגט זיי גאָרנישט.

פון גרוים ווייטיק האָט אייזיק פארביסן די ציין, ארויפגעלייגט די הענט צו פארשטעלן זיך ס'פּאָנים. וואָס האָט ער שוין פון זיין נארישן ווייסן בילעט? איז דען נישט בעסער זיין איינגערן ברודער דודיע, וואָס מען האָט נאָך אָנהויב מילכאָמע צוגענומען? וואו זאָל ער גיין אצינד? וואָס קען ער פארקויפן, ס'צירינג? די פּלושענע קאָלדרעס שוין לאַנג פארזעצט. די ניי־מאַשינען? ווער דאַרף היינט ניי־מאַשינען?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געדרייט עטלעכע מאָל אין שטוב מיט דעם בלאָטיקן, נאַסן דיל, זיך אָפּגעשטעלט ביים וויגעלע, וואו עס איז געלעגן בייעמל, דאָס איינגסטע צוויי־יאָריק קינד. דאָס שווינדזיכטיקע, מאָגערע פּע־נימל, ווי ביי אַ נויטע לאָמעס, האָט שוואַך געפּאָכעט מיט די אייגעלעך און געדעכעט ווי אַ זאָקן. בלויז דאָס מיילעכל, א זיס קליין מיילעכל, האָט וויי־טיקלעך געשמייכלט.

— טאַטיא.

אייזיק האָט זיך איינגעבויגן, איינגענורעט זיין באָרדיק פּאָנים. טרערן האָבן אים געשפּארט פון די אויגן.

— מיין ארים שעפעלע.

ער האָט זיך נאָכדעם ווידער געדרייט אין שטוב. מיטאָמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם באַלעבאָס פון הויף, מאָרדכע וויינבערגער. זיין זון, כיל הויקער האָט אויך אַ ווייסן בילעט, און זיי, די וויינבערגערס האָט גראָד אָפּגעגליקט. זיי זיינען געבליבן שולדיק גרויסע פארמעגנס שניט־סכוירע אין לאָדזש, אָבער קיינער קאָן שוין פונדאָרטן נישט קומען מאָנען...

ער איז פּאַמעלעך ארוים פון שטוב, געגאַנגען איבער די טרעפּ, זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געגאַנגען אַ נישט־ניכטעריקער. נו, אַז זיי האָבן געלט, וועלן זיי אים אַנטלייען?

אייזיק האָט זיך שוין נאָכדעם געדרייט אין הויף, געקוקט אויף די לאַנגע ריינע פענצטער פון די וויינבערגערס, זיך דערמאָנט אין דער פּאַשע־טער וואַנוועליצער, בעקערישער טאָכטער, שעוועלע, וויינבערגערס שנור,

וואָס אַסאַך מאָל פאַרגעסט זי איר נייעם איכעס, אַז זי איז אַ וויינבערגער, און קומט אַרויף שמועסן מיט זיין ווייב מאַלקען שאָענלאַנג.

דאָס האָט אים געגעבן אַ ביסל דרייסטקייט. עפּשער וועט ער זי טרעפן. ער איז צו צום טיר מיט דער אויסגעפּוצטער, מעשענער קליאַמקע, געקלאַפּט שטיל, אַזוי שטיל, אַז דאָרטן האָט מען לאַנג נישט געהערט.

אינעווייניק האָט מען זיך דאָרט געפּאָרעט. עס האָט זיך געהערט אַ קנאַקן פון פּאַפּירן. אַ זשומען פון מיילער ווי מען וואָלט געציילט געלט, אַ קלינגען פון זילבערנע קערבלעך וואָס פאַלן מעטאַליש שווער איינס אויף ס'אַנדערע.

—זיי רוימען אויף ס'געלט.

אַז מען האָט דערהערט דאָס קלאַפּן ביים טיר, איז דאָרטן געוואָרן זייער שטיל, עפּעס אַזאַ דערשראָקענע, איינגעהאַלטענע שטילקייט. נאָכדעם האָבן זיך טירן אויפגעקייטלט און צוגעקייטלט. טירן נאָך טירן, ביז צו דער פּאַרנטיקער טיר.

מאָרדכע וויינבערגער, אַ הויכער געהויקערטער איד, מיט אַ גרוי אויסגעקראָכן בערדל אין אַ קאַמצאַנעסדיקער פאַרפעצטער ריפּסענער קאַפּאָטע, אַרומגעגאַרטלט, האָט זיך אַרויסגערוקט פון טיר. זיין געל דערשראָקן פּאָנים האָט צוריק באַקומען אַ מאָרע.

— ס'ווילסטו? — און ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט פון אַ געדאַנק:

— אָ, ס'טאַוואַדע געבראָנגט דירע-געלט, ווילסט פּאַטערן ס'רוסישע געלט. יאָך ע נעמען. דער רוסישער קייסער איז אַ מעלעך בעקיפּע, זיין געלט עט אייביק גוט זיין, אייביק —

נאָר דאָ האָט אים אייזיק, איבערגעהאַקט אינמיטן די רייד.

— וואָס רעדט איר, רעב מאָרדכע? האַלעוואַי האָבך דעם טאָג איבערצוקומען. כ'זע, ס'מאַכט זיך אַזעלכע ביטערע טעג, אין שטוב איז נישטאָ ס'לעבן צו דערהאַלטן, עפּשער קענט איר מיר אַנטלייען.

רעב מאָרדכע וויינבערגער איז געוואָרן מאָלע רעציכע. ער האָט זיך פאַר קאָעס גענומען קראַצן דעם גרויען קולטונעוואַטן קאָפּ-האָר. ער האָט געזופּט די סלינע פון מויל, געהויבן מיט די אַקסל.

— מ'נע, ווילסט שוין אויכעט האַנדלען מיט מיין געלט? יאָך זאָג דיר ווי אַ גיטער פראַאַנט, אַ באַלמעלאָכע דאַרף זיך האַלטן ביים מאַשין. דאָרט ליגט זיין צלאָכע.

אָבער ס'האָט אים ווי פאַרדראָסן וואָס ער גיט אים בעכינעם אייצעס, האָט ער גענומען שרייען:

— צאָל בעסער דירע־געלט, צאָל, איכ׳ל דיר נישט שוויגן.

א הארמאַטן־שאָס האָט א שאָקל געטאָן ס׳הויז. מאָרדכע האָט איינגעקורטשעט דעם קאָפּ.

— לאָמיך איצט אָפּ, לאָמיך — האָט מאָרדכע א זאָג געטאָן, זיך אריינגערוקט אין שטוב און פארהאַקט די טיר הינטער זיך.

אייזיק איז געבליבן מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן, ניט פארשטייענדיק, וואָס דאָ איז צו אים געזאָגט געוואָרן. אפּאָנים, אז נאָר צום מאַשין טויג ער, אייזיק, און וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, ווייסט ער גאָרנישט. ער האָט זיך געפילט נאָך שאָפלדיקער. ווי קלוגעטשקע ער האָט זיך ארויסגעדרייט פון אים. און עפּשער איז ער גאָר מעשוגע פארקאָכט פון צופיל געלט.

— אוי, א מאבל, טאַטעניו זיסער, נישט בעכינעם איז אזא מילכאָמע אויף דער וועלט. וואָס קומט ארויס, אז די געמיינע לייט לײַדן נאָכמער דערפון? ווי מען זאָל זיך נישט דרייען, זיינען זיי, די געווירים, פון אויבן.

ער איז צוריק אריין אין הויף. פון דעם מאַגאַזין מיט מיליטערישן זאפּאַס, וואָס צוויי באַקראַטעטע פענצטער זיינען אריין אין הויף, פונדאָרטן האָט זיך געהערט א שטאַרקער טומל. מע האָט געקלאַפּט קעסטלעך, געקאַלערט פעסלעך. אפּאָנים סע׳טאַקע נישט גוט. זיי ציען אָפּ, די רוסן. ער האָט זיך געדרייט, געדרייט און צוריק ארויף אין שטוב.

* * *

אויבן האָט ער געטראָפן זיין ווייב מאַלקע שטיין לעבן בעט. זי האָט אָף זיך געצויגן א ענג קלייד. דער מעאיבערעסדיקער בויך האָט ארויסגעשפּאַרט. זי האָט זיך גלייך געמאַכט די האָר. די געלע פּליאַמעס אָפן ליכטיקן פּאָנים האָבן פיבערדיק געגליט. זי האָט זיך געקליבן ארויסצוגיין באָרגן געלט, נאָר אָפּגייענדיק עטלעכע טריט האָט זי דערפילט א נאָגעניש אונטערן הארצלעפּעלע. דער קאָפּ האָט זיך איר פארדרייט פון הונגער־כאַלאָשעס. זי האָט זיך שווער אראָפּגעזעצט אויף דרערד מיט א קרעכץ. אייזיק האָט זי שוין געמוזט, די גרויסע אויפטוערן, אוועקלייגן אויפן בעט און צולייגן הייסע קאָמפּרעסן צום קאָפּ.

נאָכדעם איז אייזיק צוגעגאַנגען צום קליידער־שאַנק, ארויסגענומען פונדאָרטן דעם שיינעם שאָבעסדיקן ווינטער־פּאַלטן, וואָס האָט אייזיק׳ן געמאַכט אויסזען זייער שיין, ער האָט דאָס גיך פארוואָרפן אויף דער האנט און זיך געלאָזט גיין צו בלומטשע די פּראָצענטניטשקע.

פארן טויער אין גאַס זיינען געשטאַנען קרעמער: כאַסקל ווײַנשענקער מיט זיינע, פאר געלט באַפרייטע זין; אבע־לייב ראָזן, עליש סאַבאָל מיט דער

שיינער בלאָנדער טאָכטער, נאָך אידן און אידענעס — ארומיקע שכיינים. נישט ווייט פון זיי האָט מען פון מיליטערישן מאַגאַזין געשלעפּט זעק מיט זאַפּאַסן און אָנגעלאָדן אויף גרויסע וועגענער. די וועגענער זיינען מיט א בעהאָלעדיקער גיכקייט אָפּגעפאָרן צום לובלינער טראַקט. די סאָכרים האָבן נאָכגעקוקט, אָנגעוויזן אין וועלכע זעק עס געפינט זיך קאַווע און וואו צוקער.

א דיקער רויטפּאָנימדיקער פעלדפעבל האָט יעדן דורכגייער אריינגע־רופן.

— יעוורעיטשיקי, קופּיטיע סאַכאַר.

די אידלעך האָבן זיך דאָ ארומגעדרייט ווי פאַרסאַמטע. קיינער האָט נישט געקויפט, קיינער האָט נישט אָפּגעטראָטן.

— מיט איין האַנט וויל פּאַניע פאַרקויפן, מיט דער אַנדערער רא־בירן.

— זאָל ער דערוואָרגן ווערן מיט די טרייפענע, הילצערנע סוכאַרעס — האָט עליש אריינגעשריגן.

— צוקער, קאַווע ווען ער פאַרקויפט, מיילע...

אייזיק איז פונדאַנעט גיך אוועק. נישט ער האָט געלט, נישט ער וואָלט געקויפט. ער ווייסט בלויז איין זאַך — אלע די האָבן געלט און אַרבעטן קיינמאָל נישט, און ער האָט א גאַנץ לעבן געהאָרעוועט און ווען עס קומט אָן איים צאָרע, איז ער דערשטיקט. ער איז געלאָפן, אייזיק, גיך אי־בערן גרויסן מאַרק מיט די פאַרמאַכטע קליימן. פון צייט צו צייט איז דורכ־געפאָרן א פאַרמאַכטער סאַניטאַר־וואָגן מיט רויטע צלאָמים ביי די זייטן...

ביים קאַזאַרמע־הויף, וואָס נאָכן מאַרק־גאָרטן, זיינען אויף פערד־לעך קליינינקע געזעסן עטלעכע בערדיקע קאָזאַקן מיט פּאַפּאַכעס קרומלעך אויף די קעפּ. עטלעכע שטאָט־גאָים — מיכאַלעק, דער טרומניע־מאַכער, וואַצ־לאַווסקי, דער שינקן־מאַכער — ביידע האָבן זיי סוידעסדיק דערציילט עפּעס, טייטלענדיק אויף די אידישע גאַסן. זיי האָבן אויך באַהאַלטענערהייט גע־קויפט פאַר א שיבעש ראַבירטע צירינג. נאָכדעם האָבן זיך די קאָזאַקלעך פּייל־אויס־בויגן אוועקגעלאָזט אין די אידישע געסלעך, און געפּאָכעט מיט די נאַגייקעס.

אידישע טיר און טויער האָבן זיך פאַרהאַקט. פון ערגעץ האָבן זיך געהערט געוואַלדן. אייזיק האָט זיך געשאַרט ביי די ווענט, ביז ער איז פאַר־קראָכן אין א שמאָל ליקל.

ביים קאַזאַרמע הויף איז גאָרנישט שטיל געווען. סאָלדאַטן האָבן אריינגעטראָגן גרויסע באַנקעס נאַפט, באַגאָסן די צעשטעלטע שורעס מיט

הארמאטן. באַלד האָט פונדאַרטן ארויסגעזעצט א פלאם וואָס האָט זידנדיק געשטיגן, געשאָסן ארויף שטינקענדיקע רויכן איבער אַלע גאסן און געסלעך. געדוכט האָט זיך, אז אַט כאַפּן די פלאמען ארום אַלע הייזער. איבער נאכט וועלן זיי די שטאָט אויספלאַקערן. דער סוינע זאָל בלייבן ביי גאַרנישט.

מיטאמאָל זיינען אָנגעלאָפן איבערגעפאקטע אָבאָזן. די זעלנער האָבן געמיימעסט די פערד, זיי געשמיסן איבער די קעפּ. די פערד, האָבן געהיר־זשעט, זיך געשטעלט דיבאָם. דישלעס זיינען געקראַכן אין פערדישע בייכער. פון זייערע מיילער האָט זיך געגאָסן, געפּיעניעט א בלוטיקער שוים.

אייזיקן איז באַפאלן אן איימע. ער האָט גענומען לויפן. ער וועט כאַטש ארייַנלויפן צו אַלטעלע די בעקערן נאָך א ברויטל. ער וועט וויינען, פאַלן צו די פיס. זי וועט אים מוזן געבן אויף באָרג.

ער איז אריין אין דער ברייטער אידישער גאס. די אידישע אָפּגעשייל־טע הייזער זיינען געלעגן ענג צענויפגעטוליעט איינע צו די אנדערע, אָפּגע־שטאָרבן די גאנצע לענג —ביידע זייטן אזוי — פון אויבן, דעם פיש־מארק, ביז אונטן, די אריינפאָר־הייזער.

ביי אַלטע דער בעקערן אין דער כוישעכדיקער פארמעליקטער בע־קעריי, איז דערוויַיל קיין ברויט נישט געווען. מע האָט עס ערשט געמאַכט. אַלטע האָט שווער פּראכנדיק, ווי א מיד פערד, געקנאָטן ברייטלעך, אויס־געלייגט אויף אַ ברעט. איר מאַן, א פארמעליקטער איד, מיט א לאנגער באָרד, מיט רויטע טריבנדיקע אויגן, האָט אן איינגעהאָרבטער אריינגעשאָוולט די ברויטלעך אין אויוון אריין.

אייזיק האָט געוואַרט. עס זיינען אָנגעקומען נאָך אידענעס און גע־וואַרט, פונקט ווי ער, אויפן שטיקל ברויט. אָבער פּלוצים האָט זיך געהערט אָנקומען עפּעס א גערודער. שווערע טריט אין פינסטערן פעדערהויז. א זעל־נער האָט אריינגעשטעקט זיין שטיקע, נאָכדעם, זיין באַוואקסן פּאָנים. ער האָט א ווילדן שפּרונג געטאָן צום אויוון, א ריס געטאָן מיטן שאָוול א היים ברויט, נאָך אים — אַנדערע סאָלדאטן האָבן שוין אראָפּגעכאַפּט רויען ברויט, גע־שטופּט אין די מיילער, אין די ראַניצן.

אַלטע האָט געשריגן, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ:

— ראבושניקי, מיין בלוט, מיין לעצט שטיקל ברויט. אז ס'שלינגען זאָל זיי אזוי אָנקומען, ווי מיר קומט אָן שווער צו מאכן א מאָל ברויט.

זי איז ארויסגעלאָפן צו דער אָפענער גאס רופן הילף. צו הילף זיינען געקומען די עטלעכע רייטנדיקע קאַזאקלעך מיט רויב אויף זייערע פערדלעך: אידישע באַלעבאטישע פּוטערס, זילבערנע קיילים.

— מאַלטשאַט.

זיי זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערדלעך, אומגעשליידערט די אידענע. די זעלנער זיינען אנטלאָפן. די קאָזאקן האָבן ארומגעטאַפּט, באַשמעקט דאָס ביסל אָרימקייט, געקרימט מיט די נעז, געגעבן אָנצוהערן, אז זיי זוכן דאָ א טעלעפאָן צום סוינע.

אייזיק און דער בעקער אַרן האָבן זיך צוגויפגעקורטשעט. איינער פון די קאָזאקן האָט רעציכעדיק א לאַך געטאָן, צוגעקראָכן מיט א פּאָר הינטישע צענויפגעזשמורעטע אויגן, א כאַפּ געטאָן די צוויי אידן בא די הענט און זיי ארויסגעפירט.

— אז כ'האָב איר געזאָגט, דער אידענע, דו באַקסט ברויט פארן טייוולס וועגן — האָט אַרן געזעדט צו זיך אין דער באָרד אריין, אן אויפהער אזוי, ביזן מאַגיסטראַט-הויף.

דער הויף — פול מיט אָרימע באַלמעלאָכעס, קלייטניקעס, אידן באַברילטע, אידן מיט מייכישן — ווייסע בילעטניקעס, שווינדזיכטיקע, פּלאַטפּיסיקע, אידן מיט באַהאַלטענע מאַכלעס. מע האָט זיי צעשטעלט פיר אין א ריי. א פעלדפעבל מיט א נאַגייקע האָט געפּאָכעט:

— סמירנאָ, סמירנאָ!

— סטייטש, מיר האָבן דאָך בילעטן, ווי קאָנסטו אונז שיקן אויף אָקאָפּעס? אָט, זע! אונזערע ברוכגארטלען...

פּלוצים האָט זיך געהערט פון ערגיץ גאָר נאָענט א דונערדיקער קנאַל. די הייזער, דער גאַנצער הויף האָט זיך א טרייסל געטאָן. דער שאָס האָט געזאָטן אינדערלופטן, פארטייעט דעם מענטשנס אָטעם, געפייפט, שפּיציק, בויערנדיק, זיך ערגיץ נאָענט אַראָפּגעלאָזט.

די אידן־קלייטניקעס האָבן א פלאַטער געטאָן מיט די צעפלויגענע קאַפּאָטעס. דער פעלדפעבל האָט געשמיסן איבער די קעפּ, געקריצט מיט די ציין. ער האָט ארויסגענומען דעם רעוואָלווער, געסטראַשעט צו שיסן. די אידן האָבן זיך צוריק צוזאַמענגעקורטשעט. עטלעכע סאָלדאַטן מיט ביקסן האָבן זיי ארומגערינגלט. איינער האָט געעפנט ברייט די טויערן.

— גערירט זיך, איינס, צוויי, שאַגאָם מאַרש!

* * *

נאָכן ערשטן גרויסן שאָס איז מאַלקע א פארצאַפּלטע אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און מיט איר לייב פארשטעלט די קינדערלעך. די שויבן פון די פענצטער זיינען צעשפּרונגען געוואָרן מיט א געבראַזג אויף פּיצלעך. א פארנאַכטיקער קאַלטער ווינט האָט א פאָכע געטאָן איבערן שטוב.

דער הויף מיט מענטשן האָט זיך מיט אַמאָל ארויסגעריסן פון די שטובן. מאַמעס זיינען בעהאָלעדיק געלאָפן, טראָגנדיק די קינדער אויף די הענט. די דערוואַקסענע האָבן זיך נאָכגעשלעפּט פארציטערטע ארום די ספּאָדניצעס. די מענער מיט שווערע פּעק — אַלע האָבן געשפּאַנט צום קעלער. פון דער גאַס האָבן זיך נאָענטע שכיינים געריסן צום טויער, געהוקעט, זיך געבעטן אריינצוגיין, נאָר מאָרדכע וויינבערגער האָט נישט געלאָזט עפענען.

— כ'דאַרף נישט קיין פרעמדע גאַנאָווים דאָ.

מאַלקע האָט אַ כאַפּ־געטאָן איר קראַנקן סוכאָטנעם כייעמל פון וויג. די קליינע איידעלע האָט זיך שוין אַליין אָנגעהאָנגען פון הינטן. די עלטערע, איינס קלענער פון אַנדערן, האָבן געמאַכט גוואַלדן, געקראָכן פארציטערטע אונטער די פיס. מאַלקע האָט זיך אַ טראָג געגעבן איבערן שטוב צום טיר, געלאָפן גוואַורעדיק איבער די טרעפּ.

אינעווייניק אין איר לייב האָט עפּעס אַ צאַפּל געטאָן. אַ נאָגנדיקער ווייטיק האָט צוגעשלאָגן צום האַרץ־גריבל. זי האָט זיך גענומען וואַקלען, זיך פארפּלאָנטערט און זיך גענומען אראָפּקאַטשען ווי אַ פּעסל פון אויבן אראָפּ.

אונטן איז מאַלקע געבליבן ווי אַ צעשאָטן זעקל ביינער. די נאָכלויפנדיקע קינדער זיינען אויף איר ארויפגעפאַלן, זיך גיך אויפגעהויבן, גענומען רייסן די מוטער פון דער ערד.

מאַלקע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט שווער געדעכעט, געפילט ווי אינעווייניק האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסן, ווי ס'באַשעפעניש וואָלט דערשטיקט געוואָרן און אַ שווערקייט, ווי פון אַ היבשן שטיין, וואָלט געדריקט איר לייב.

שווערע קאַנאָנען האָבן שוין נאָכאַנאַנד געשטויסן די ערד. איבער די דעכער האָבן זיך געטראָגן רויכן. די לופט האָט געשוועבלט, געסמאַליעט דעם אָטעם.

די קינדערלעך זיינען שוין אַליין צוגעלאָפן צום קעלער. דער עלטערער שימעלע — אַ דאַר, בלאַס אינגעלע מיט אַן אויפגעטרענטן דאַשיק פון הי־טעלע — האָט געהאַלטן די ברידערלעך ביי די הענטלעך, געקלאַפּט מיט אַ פיסל אין קעלער־טיר.

די קינדער האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם פארקלאַפּטן ברונעם און שטיל געוויינט. די מוטער מיט פארביסענע ליפּן האָט אין קראַמפּן גע־לענגערט איר קערפּער. פון איר אינגעווייד האָט זיך ארויסגעריסן אַ מעאומע־

דיקער שטומער ברומען, ווי פון א באַשעפעניש וואָס מען וואָלט פון דעם גע־ריסן לעבעדיקע שטיקער פלייש.

— אוממם, אוממם —

ענדלעך האָט זיך געהערט טריט פון קעלער ארויף:

— וואָס פאר א שווארצע יאָלעם מאכט מען מיר דאָ אויפן הויף — האָט זיך דער שרייענדיקער באַלעבאָס, מאָרדכע וויינבערגער באוויזן.

— ס'ט נישט געקענט מיט אַלע גלייך קומען אין קעלער?

דאָס קליינוואַרג האָט גיך ארויסגעשפּאנט, צוגעלאָפן צו מאלקע'ן.

— פון א סנאראד? אויף וועלכן אָרט?

— עך זע נישט קיין בלוט.

דאָס ווייבערוואַרג האָט אָפּגעשטופּט די מענער. שעוועלע, דעם באַלע־באָס שנור, האָט זיך א קניפּ געטאָן די באַק:

— גוילעמס, ס'ווייבל גייט צו קינד, א הייבאַם דארף מען, אידן, גיכער א הייבאַם!

— נאַדיר גאַר, מיטן דערינען, אין אזא צייט, גיין צום קינד — האָט מאָרדכע זיך גענומען קראַצן די גרויע קלאָקעס.

— שווייגט, שווער, שווייגט! — האָט זיך די שיינע שנור פון אָרי־מען שטאַנד געבייזערט אויף איר רייכן שווער. זי האָט שוין אינאיינוועגס געקוקט אויף איר הויקערדיקן מאַן מיטן פויגלשן פּאָנים, מיט די קוים שפּראָצנדיקע הערעלעך אף דער לאַנגער גאָמבע.

דער אוילעם איז געוואָרן צעטראָגן. די ווייבער האָבן זיך גענומען איינשטעלן פאר מאלקע'ן. כאַווע מיט גיטלען, די העמדער־הענדלערקעס האָ־בן געטריבן זייערע מענער:

— אָבער וואָס שטייט עץ גוילעמס?...

אָבער די מענער האָבן זיך נישט גערירט.

— ווי טמע גאַין? דעם טויט אין די אויגן אריין?

— מ'וועט אונז כאַפּן, וועט מען אונז אנעמען פאר שפּיאָנען.

דעמאָלט האָט זיך שעוועלע א ריס געטאָן פון אָרט: — מענער זענטעץ? הינט, נעווייַלעס!

און אליין האָט זי זיך א לאָז געטאָן צום טויער. דער מאַן אירער האָט גענומען נאָכשרייען, געערדט מיט זיין גיכן קוויטשיקן קאָל:

— שעוועלע, שעוועלע, יאָך הייס נישט, יאָך.

דער שווער איז געווען מאַלע רעציכע. ער האָט געשפּיגן, געערדט צו זיך: זי איז א כצופע, געווען און איז. א העפקער־מענטש, א טרייפענע זעל,

האָט נישט גאָט אין האַרצן. ער האָט זיך געשטעלט ביים טיר, גענומען רעד־דן מיט אַ פרומען לאָשן:

— ווילסט טיען אַ מיצווע, ס׳גאַנץ שיין, אָבער דיין לעבן איז דאָך אויכעט איינגעשטעלט. כ׳וויס, אַ זעלנער קען דעך מעאַנעס זיין... צי ווי דאָרטן.

— לאָזט מעך, שווער, יאָך וועל אייך באַליידיקן.

פון הינטערשטן הויף־טייל איז אָנגעקומען יאַנקל רימער — אַן אָפּ־גענגאַלטער איד מיט וואָנסעס. ער האָט זיך מיט די הויף־מענטשן דאָ נישט געכאַווערט, צי פּאַרקערט, זיי מיט אים נישט.

— לאָזט אַ מענטשן אַרויסגיין, מ׳איז נאָך נישט באַ אייך אין קאַ־זאַרמע

— גיט אַזוי, קימט מיט מיר, רעב יאַנקל.

פאַר דעם פאַרגויאישטן אידן האָט מאָרדכע אביסל מוירע געהאַט. ער האָט שוועער אָפּגעזיפצט און געעפנט דעם טויער.

מאָרדכע האָט זיי, די שנור זיינע מיט דעם רימער, לאַנג נאָכגעקוקט. מאָדנע מענטשן זיינען זיי דאָס, די פּראָסטאַקעס. ווי די עמעסע גאָים, האָבן פאַר קיין זאַך נישט קיין מוירע. מיט איין וואָרט — זיי זיינען אַליין גרויסע שקאָצים. און זיין שנור, ראַכמאָנע ליצלאָן, איז אויכעט אַזאַ. ער איז אַריינגעפאַלן. די אייניקלעך זאָלן נאָר נישט זיין אין איר געראָטן. ס׳איז אַ בושע פאַר מענטשן. וואָס האָט ער אָבער געקענט טאָן? זיין זון איז אַ קראַנקער, אַ קריפל. קיין רעכטן שידעך מיט נאַדאַן האָט ער דאָך נישט געקענט קריגן. האָט ער נעבעך שוין געמוזט נעמען אַ פּראָסטן בעקערס אַ טאָכטער, פון אַ וויטלעכער שטאָט, מע זאָל נישט וויסן די כאַרפּע, ראַכמאָנע ליצלאָן.

אויפן גאַס איז געווען שטיל. נישט וויט פון טויער איז געלעגן אַ דערהאַרגעטער סאָלדאַט מיט אַן אַרויסגעזעצטן שאַרבן אויפן פּאָנים. ציגל פון קוימענס, פון איינגעפאַלענע ווענט, זיינען געלעגן אויף דער ערד. דאָ און דאָרט האָט זיך געזען אַן אַראָפּגעשליידערטער דאָך אינמיטן גאַס.

מאָרדכע׳ס בליק איז אויך געפאַלן אויף דעם צעעפנטן מיליטערישן מאַגאַזין... אַז מע וויל, קען מען זאָגן, אַז דער מאַגאַזין איז זיינער, וואָרים ס׳איז דאָך אין זיין הויז. נישט מיין, מע דאַרף עס וואָס גיכער אָפּראַמען, צונעמען די שאַר יעראָקעס פון דאַנעט. ער וועט דאָס באַהאַלטן אויפן בוי־דעם אָדער אין קעלער. געזיכערט איז טאַקע אין קעלער, וואו ער האָט פאַר־מויערט זיין גאָלדן געלט. אָבער ס׳גאַנצע געהינטעכץ ליגט דאָך דאָרטן.

ער לאָזט זיך גיך אַרויסגיין, רופט מיט אַ פינגערל זיין זון, דעם

הויקעדדיקן זון. זיי גייען אריין אין מאגאזין — א שמאלץ־גרוב! זיי האָבן איבערגעלאָזט די בעסטע קאַוועס, צוקער, סוכארעס... ווען נישט דאָס שניי־דער ווייבל וואָלט ער דאָך גאָרנישט געוואוסט.

קוידעם קאָל דאַרף מען פארמאכן די טירן. פון דאָרטן גייט דאָך שוין צום הויף א פארהאקטע טיר, וועט ער שוין איינציקווייז ארויפשלעפן די זעקלעך אויפן בוידים־באהעלטעניש.

פאָטער און זון האָבן שוין גערעדט סוידעסדיק.

— פארשטייסט, ווי לאנג זיי וועלן זיך פאָרן מיטן ווייבל, וועלן מיר דאָס אָפּרייניקן.

דער הויף מענטשן איז טאָקע געווען פארנומען. מע האָט שוין ארויפגעטראָגן מאַלקע'ן אין שטוב אריין. מאַלקע האָט שוין איצט גערעוועט פראנק און פריי, ווי א געשאָסענע כאיע.

אירע אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן אָנגעוואָרפן אן איימע. די ווייבער האָבן זיך געקניפּט די פּענימער, געבראָכן די פינגער. די מענער האָבן זיך פארגארטלט די לענדן, גענומען זאָגן טילעם מיט א געבראָכענעם ניגן.

— בעטס גאָט פאר די ארימע, בעטס.

— פארוואָס האָסטו אויסגעגאָסן אַזויפיל צאָרן אויף אונז, הייליקער פאָטער אין הימל? — האָבן די ווייבער געוויינט.

מאָרדכע מיטן זון האָבן דערווייל געטראָגן זעקל נאָך זעקל אויפן בוידעם ארויף, ווי פראָסטע טרעגער. אזש אנגעסטן שוויס האָבן זיי באגאָסן.

* * *

אין יענער נאכט האָט מאַלקע געבוירן פריציייטיק איר קינד. עס איז געווען א טונקל־הויטיק אכטעלע, עפּעס אזא צעקנאָדערטס, ווי האלב דער־וואָרגן, מיט א בלוטלאָז זקייניש פּענימל. עס האָט אינגאנצן נישט געוויינט, נאָר ארויסגעוואָיעט א ווייעניש פון טיף אינעווייניק, פון די קליינע געדע־רימלעך ארויס. דאָס בלוטלאָזע, איינגעפאלענע בייכעלע האָט זיך געצויגן, געלענגערט אין קראמפּן. דאָס יעסורימדיקע, אויפגעפראלטע מיילעכל, ווי א פיש אויף א יאבאָשע, האָט זיך געבעטן נאָך לופט און ארויסגעיאָכצט מאָדנע דערשראָקענע זיפצן.

די ווייבער פון הויף האָבן צווישן זיך געשושקעט:

— דאָס קינד האָט נעבעך „שטיסקעס", ראכמאָנע ליצלאָן.

— ס'עט נישט לעבן, אז ווינד און וויי צו דער מאמען, וואָס זעט דאָס.

מאַלקע איז געלעגן א פארשמאכטע מיט אויפגעריסענע, טרערנדיקע

אויגן. זי האָט עפּעס געגרעדט מיט בלוטלאָזע ליפּן, גערופן:

— אייזיק, אייזיק.

אין שטוב איז נאָך אַלץ געווען די אַקושערקע קוביטשאָווא — א ני־דעריק אויסגעפּוצט, שוואַרץ־געקליידעט פּריצטעלע מיט ברילעכלעך אויף די אויגן. א שוואַרץ בענדעלע האָט פון די ברילן נאָכגעהאנגען. זי האָט געהאַלטן א וואַליזקע אין האַנט און בעאיין אויפן נישט געוואָלט אוועקגיין.

זי האָט געקוקט אויפן ביסל אָרימקייט אין שטוב, נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי די שניידערקע וועט קענען באַצאָלן. און טאַינעם האָט זי געהאַט אסאך. אזא שווערע נאכט. געקראָכן איבער פּלויטן, הינטערגעסלעך דאָ אהער. מיסטאָמע האָט שוין קיין הייבאַם נישט געוואָלט גיין, האָט מען זי גענומען, די אַקושערקע קוביטשאָווא.

— זי וויל מע זאָל איר מעשאַלעם זיין, וויל זי, האָט א אידענע גע־זאָגט.

— יאָ, ווי איז טאַקע שעוועלע? זי איז דאָך געגאַנגען ברענגען געלט.

שעוועלע איז אָבער נישט צוריקגעקומען אַזוי שנעל. די פּריצטע האָט שוין אַזש גענומען וואַרפן די נאַכפּע. זי האָט בייז גערעדט ווי פאַר זיך.

— אידישע „זאַראַזעס" — און זי האָט געשפּיגן אין איר זיידן טי־כעלע אַריין.

— די פּאַני וויינבערגער באַהאַלט זיך. זי וועט מיר אָבער מוזן באַ־צאָלן — האָט זי געלאָזט הערן פון זיך.

די קליינע קינדערלעך, איידעלע און מאַניעלע, מיט רויטע דערשוויצ־טע פּעניִמלעך זיינען געשלאָפן אין אָנטיעכץ, אויפן פּאָטערם בעט, א זיסן קינ־דערשן שלאָף. זיי האָבן זיך יעדע ווײַלע געקראַצט, געשוונדן פון זיך שטיקער פליש. בלויז דער עלטערער שימעלע איז געווען וואך. ער איז געזעסן אויפן שטול ביים וויג און געוויגט דאָס קראַנקע כייעמל. ער האָט פון שרעק געהאַט פיבער. ער האָט יעדע ווײַלע אויפגעצאַפּלט פון שרעקלעכע דימיוינעס און יאָמערלעך געוויינט.

שימעלע האָט זיך אויבעט געפילט שרעקלעך אומבאַקוועם פאַר די אַלע מענטשן, וואָס האָבן צאָרעס פון זיי. ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל שוין נעמען א סאָף. ווען ער שעמט זיך נישט, גייט ער צו צו דער אַקושערקע און בעט איר, אַז זיין טאַטע וועט שוין אַלץ באַצאָלן. ער וועט איר זאָגן, אַז זיין

טאַטע איז קיינעם נישט שולדיק. אויף די וויינבערגערס האָט זי נישט נאָך וואָס צו וואַרטן.

ער האָט שוין אינאייינוועגס געוואָלט פרעגן, פאַרוואָס דאָס קינד וויינט עפּעס נישט, ווי אַלע קינדער און פאַרוואָס מוז עס עפּעס באַלד שטאַרבן? פאַרוואָס האָט מען געזאָגט אויף כאַיעמלען, זיין אינגער ברודערל, אַז אויבעט ער וועט נישט קאָנען לעבן? געזאָגט האָט מען דאָס נאָך זומער צייט, אַז כייעמל האָט סוכאָטעס. ער געדענקט אפילע, אַז זיין באָבע סאָרע האָט געברענגט אַן אַלטע דאָרפס־גויע מיט אויסגערונענע אויגן מיט גרויסע קלאָקעס. די גויע האָט געוואָלט דריי רובל, וועט זי אָנטאָן דעם קינד אַזאַ העמדעלע, און אויב דאָס האָט נישט די „דאָר" און עס איז אָנגעשריבן אין הימל עס זאָל לעבן, ווערט עס פון דעם העמדעלע גלייך גענעזן. אויב נישט, וועט עס גלייך שטאַרבן. דער טאַטע אייזיק האָט זיך אָבער דעמאָלט גלייך אָנ־געבייזערט:

— עך גלייב נישט אין קישעפמאַכערס. זאָל זי מיר גיין אויס די אויגן.

און די מוטער האָט געזאָגט:

— טאָמער איז עס באַשערט צו שטאַרבן, פאַרוואָס זאָל איך עס צור־יאָגן?

פון דעמאָלט אָן איז אַלץ ווי געוויינלעך. כייעמל איז נישט געוואָרן בעסער.

פון אונטן האָט זיך געהערט אַרויפקומען עטלעכע מענטשן. אין דעם שווערן אַסטמעדיקן סאָפּען האָט מען דערקענט, אַז דאָס גייט ער אליין, מאָרדכע וויינבערגער, מיט זיין זון און שנור. אין פעדערהויז האָבן זיי זיך ווידער אָפּגעשטעלט. מאָרדכע האָט זיך פאַראַקשנט:

—איך דאַרף צאָלן פאַר זייער פלאָדעניש.

און דער זון האָט גערעדט גיך:

— טאַטע, טאַטע! שוין ווייטער מיט קריגערייַ?...

און די שנור:

— ער'ט באַצאָלן, אייזיק, באַצאָלן. סע נאָכנישט עק וועלט.

— יאָ, ווי ער באַצאָלט דירע־געלט. אַן אָרימאַן איז דער גרעסטער טאַקיף. פון וואַנען בין עך מעכויעוו צו וויסן, אַז אייזיק ט'איינגאַנצן קריקקור־מען? סי דעך מילכאָמע, סנאַראַדן פליען.

ביי די ווערטער זיינען אַלע שטיל געבליבן. אפילע שימעלע האָט געטאָן אַ צאַפּל און אָפּגעלאָזט די וויג. ניט צוריקקומען?... זיין טאַטע זאָל

עפשער נישט וועלן מער אהיימקומען? וואָס האָט מען אים געטאָן? ווי ער נעדענקט האָט אים די מאַמע נישט געשיקט אינערגעץ. די מוטער האָט געזאָגט, אז דער טאַטע איז געגאַנגען ברענגען א ברויטל.

שימעלע האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען ארויסגיין אין פעדערהויז, פרעגן מאָרדכע׳ן וועגן זיין טאַטן, וואָס וועט שוין אינגאַנצן נישט קריקקומען.

דער אַלטער מאָרדכע האָט דערזען שימעלע׳ן, האָט ער א זופּ געטאָן מיט דער ברייטער בלאָסער נאָז, פאַרשטעלט א גרויסן געלט בייטל און בייז געפרעגט:

— ס׳ווילסטי? גאַי נעמדער א סידערל, זאָג בעסער טילעם, נישט שטופּן ס׳נעזל אומעטום.

די ווייבער האָבן געזאָגט:

— גאַנץ גלייך, א שטיקל טילעם, אז די מאַמע איז אין אזא „הייט”.

ער איז געווען אין קאַעס מאָרדכע: פארוואָס זאָל ער דאַרפן צאָלן פאַר זיין שנור׳ס נאַרישקייטן? זי וואָלט עס דען נישט געווען אליין אָפּגעגעבן ס׳קינד? ער האָט זיי נאָך אונטן געזאָגט, אז נישט אין געלט גייט אים דאָ, עס גייט אים אין דעם, אז מע זאָל צוגעבן, אז זיין שנור האָט נישט קיין סייכל, שטופּט זיך אַן איבריק מאָל אין פרעמדע געשעפטן. וואָס מיינט זי, זי איז נאָך באַ איר קאַבצאָנישן טאַטן?

נאָכדעם האָט זי, שעוועלע, זייער פריינטלעך זיך מיט איר געשושקעט מיט דער אָקושערקע, זיך געדונגען דער שווער זאָל נישט באַמערקן. זי האָט עס געמאַכט פאַר זייער ביליק. ווארים די קוביטשאָווא האָט פאַרשטופּט א פּאַ-פּירל אין בייטעלע און איז זייער גיך ארויסגעלאָפן, נישט געוואָלט מע זאָל איר אָפּפירן.

ס׳וואַרפט איר הייזער הויך. עס קאָסט איר טייערער—האָט זי געזאָגט דער שווער זאָל הערן. און צו די אידענעס:

— זי איז דען נישט ווערט מען זאָל זי באַגילטן? זיי וואָלטן נע-בעך געווען געבליבן וויסטע יעסוימים.

מע האָט זיך גענומען פּאָרען ארום מאַלקעס פאַרבלוטיקטן בעט. מע האָט אויפגעהאַנגען ליילעכער, אויסגעזוכט שמירעס, אז קיין שיידים און קליפּעס זאָלן נישט צוקומען. שימעלע האָט זיך צוריק דערפרייט. עפּעס מאָ-כן זיי שוין דאָ ארום זיין מאַמע ווי ביי אַלע קימפּעטאָרנס. ער מוז אָבער וויסן צי ס׳איז א אינגל. אויב יאָ וועט שוין באַ זיי זיין פריילעך, א געוואַלט. די גאַנצע שטאָט שניידערס וועלן זיך אויסזעצן באַ זייער גרויסן טיש דאָ. מע וועט שטעלן פעסלעך ביר. די עלטערע וועלן זינגען שטיקלעך פון דעם

קיעזוער כאַזן. די איננערע — „אין גנעזאַלצענעם יאם" און אַנדערע שיי־נע לידער.

אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך: דאָס קינד וועט מוזן שטאַרבן. ער לאָזט אַראָפּ שווער דעם קאָפּ, וויגט, וויגט זיין צווייט ברידערל, בייעמל, וואָס וועט אויכעט מוזן שטאַרבן. פון גרוים קלעמעניש נעמט ער אַרוים ביי־עמלען פון וויגל. בייעמל שמייכלט, ווערט שטיל. די דאַרע שטעקלדיקע פיס־לעך העננען אים נאָך, נישט רירעוודיקע ווי ביי אַ ליאַלקע. ער נעמט אַרום זיין ברודערל. ביידע דריקן זיך צוזאַמען שטייף. בייעמל'ס ליכטיקע טויבן־אויגן זיינען אַזוי לויטער־בלאָ, צעשמייכלט, ווי קיינמאָל נישט.

שימעלע וויינט אין דער שטיל. די טרערן קאַפּיען פּאַמעלעך פון זיי־נע אויגן אַרוים.

די ווייבער הויבן אָן פאַרשווינדן. זיי זאָגן:

— אָ, שימעלע איז שוין אַ גרויסער יונג, סט'אָפּהיטן די מאַמע, אַ־יאָ?

שימעלע שאָקלט מיטן קאָפּ. אַוואַדע וועט ער אַכטונג געבן. ער וועט שוין די נאַכט נישט שלאָפן, סיידן זיין טאַטע וועט צוריקקומען.

ער בלייבט אַליין מיט זיין ברודערל אויף די הענט. דאָס לעמפּל איז אַראָפּגעדרייט, מאַכמעס עס איז פאַרבאָטן צו לויכטען הינטערן פּראַנט. ער דרייט זיך הין און צוריק. עס איז שטיל. ערגעץ רוישן, קאַלערן זיך וועגע־נער, אַנטלויפנדיקע וועגענער אויף די טראַקטן. פון צייט צו צייט העלן אויף ראַקעטן, דעקן אויף, ווי בליצן, שטיקער דעכער, בלינדע מויערן.

בייעמל שלאָפט איין אויף אים, שטיל ווי אַ קראַנק פייגעלע. ער לייגט עם צוריק אין וויגעלע.

ער גייט צו שטיל צו דער מוטער. קיינער קען אים נישט פאַרווערן אָנצוקוקן זיין מאַמען. די מוטער ליגט אַ פאַרשמאַכטע, געל, אויסגעבלייכט מיט פאַרכאַלעשטע ווייסע הענט אויפן בעטגעוואַנט. לעבן איר, אין אַ ברוי־דיק קישן, איז איינגעוויקלט ס'קינד. דאָס קינד האָט אַזאַ טונקעלן, טויט־לעכן צעקנייטשטן פּאַנים. עס דעבעט שווער, מיט אַן אָפן, קליין מיילעכל.

שימעלע וויינט. אַן קאָל וויינט ער. די טרערן רינען אין האַלדז אַריין.

— ס'וועט מוזן שטאַרבן, שטאַרבן.

* * *

פאַרטאָג האָט פּלוצים איבערגעריסן די זשומענדיקע שטילקייט. מאַל־קע האָט פּיינלעך אָפּגעדעכעט. אינערגעץ האָט זי נישט געפילט קיין ווייטיק. בלויז אין די אויערן האָט געקוויטשט. אַרום האָט זיך געהערט אַ שווערע טעמ־

פע שטעפּעריי, ווי פון קאַליע־געוואָרענע ניי־מאַשינען. זאָל, הייסט עס, שוין אייזיק האָבן צוריקגעקומען? וואָס האָט ער דאָ פאַר אַן ארבעט, ער זאָל זיך האָבן אַזוי פרי אוועקגעזעצט ביי דער מאַשין? ווען האָט ער דאָרטן ביי די אַנדערע מאַשינען? זי האָט אָנגעהויבן רופן:

— אייזיק, אייזיק.

קיינער האָט נישט געענטפערט. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אויפ־געריסן די אויגן. קיינער איז אין שטוב נישט געווען. לעבן בעט איז געלעגן שימעלע, דאָס קעפּל אויפן זייט־שטיק פון בעט אָנגעלענט. ער האָט זיצנדיק איינגעדרימלט מיט האַלב־אָפענע אויגן. אויף דעם פענצטער האָט זיך גע־בלייכט אַ פרימאָרגן. אַ גרויער הימל, ווי אַ מוטנע וואַסער, האָט אַראָפּגע־שווערט איבער די הייזער. דאָס שטעפּעריי איז געקומען פון דרויסן. עס האָט גערעגנט מיט מעטאַלישע קליפּערלעך.

— טיק־טאַק, טיק־טאַק.

באַלד האָט מאַלקע דערשפּירט דעם צאַפּל פון דעם ניי־געבוירענעם, וואָס לעבן איר קושן. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס קינד האָט זיך נאָך אַלץ געשטיקט, ווי פריער, איידער זי האָט איינגעדרימלט. דאָס פּעניםל איז שוין געווען נאָך קלענער ווי פריער. די אייגעלעך — צוזאַמענגעדריקטער, מיט אונטערגעשוואָלענע נאָכהענגענדיקע טאָרבעלעך, ווי ביי אַן אַלטן מענטש.

פון דעם ווערט מאַלקע אַ פאַרצאַפּלטע. זי ווייסט וואָס דאָס מיינט. זי שטאַרקט זיך אונטערצוהויבן, נעמט דאָס קינד צו אירע ברוסטן און קוקט קוקט אויף דעם פאַרצערנדיקן פּעניםל.

פון דער שטיקעניש איז עס באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ קורצאָטעמ־דיקן כריפּען. דאָס בייכעלע האָט זיך גענומען אויפבלאָזן און נאָכלאָזן ווי אַ בלאָז־זאַק. פון נאָז און העלזעלע האָט זיך גענומען כאָרכלען אַ שליימיקייט, אַרויס און אַריין.

מאַלקע האָט שוין איצט גאָרנישט געהערט וואָס אינדרויסן טוט זיך. זי האָט געזוכט מיט פאַרציטערטע אויגן עפּעס וואָס, מיט וועלכן צו ראַטעווען דאָס קינד. זי איז גוואַלדיק אַראָפּ פון בעט, זיך געוואַקלט איבערן שטוב, געשריגן צום פענצטער:

— ראַטעוועט, ראַטעוועט!

קיינער האָט נישט געהערט. כאָטש אויף די שכיינישע פענצטער האָט זיך געזען אַרומבלאָנדזשען הענט און פּנימער, וואָס האָבן דאָ אַהערגעקוקט, איז אָבער קיינער נישט געקומען.

מאַלקע האָט זיך צוריק אוועקגעלייגט, גענומען דאָס קינד אויף זיך

און געקוקט א פארלוירענע, א הילפלאָזע. דאָס קינד האָט געצאַנקט, געצאַנקט מינוטנווייז, רעגעסווייז, ביז ס'איז אינגאַנצן טונקל געוואָרן ווי א פארלאָשענע קויל און אויפגעהערט דרעבען.

מאַלקע האָט גענומען שלוכצן הויך מיט אַלע אירע צעפייניקטע גלי־דער. די קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט און אויך גענומען שרייען מיט בי־טערע קוילעס, אָן אויפהער.

דאָס קלאַפּן פון די פּולעמיאָטן האָט אויפגעהערט. אויפן הויף איז גע־וואָרן א גערודער. כאַוועס די אקאָרע מיט איר מאַן אוונער האָט יעדן געוויזן דורך א שפּאַרונע אין לאָדן וואָס אינדרויסן טוט זיך.

דער דרויסן האָט געוויזן די הינטערשטאָטישע באַרגאַרויפּיקע אָפענע פעלדער. דאָרטן זיינען איצט ארומגעלאָפן סאַניטאַרן מיט צלאָמים אויף די הענט. זיי האָבן געטראָגן פאַרוואונדעטע אויף בעטלעך. א ווייס פענדל האָט געפלאַטערט אויפן שטיינערנעם ציילעם, וואָס ביים שייד־וועג. ביכדיי אויפ־דערוויל אָפּצורייניקן די פארוואונדעטע און ווידער אָנפאַנגען האָגלען מיט קוילן ווי פריער.

ביי אַלעמען אין זיקאָרן איז נאָך געווען דער צופאַל מיט דעם נאָענ־טן שאָכנס אינגל, קעפּקע דעם זייגערמאַכערס, ביי וועמען א שפּליטער האָט אָפּגעריסן א שטיק באַק, מיט וואָכן צוריק. האָט מען שוין גענומען שרייען:

— אין קעלער דאַרף מען ליגן, אינגאַנצן נישט ארויסגיין.

מאַלקע'ן איז איצט געווען אינגאַנצן אַלצאיינס: זאָלן זיי לויפן אין קעלער אריין, סיווויסיי איז איר לעבן נישט ניכע. זי האָט נישט מער קיין קויעך. זאָל מען שוין דאָ איבערלאָזן אויכעט איר כייעמל און אַלע דריי וועלן פארשאָטן ווערן אויף אייביק. בלויז זיי, די עלטערע דריי, געבוירענע פארן קריג, אין די גוטע זאַטע צייטן, וועלן איבערהאַלטן.

— שימעלע, נעם איידעלע'ן און מאַניע'ן מיט זיך און לויף אין קע־לער אריין.

שימעלע האָט גיך גענומען די צוויי אינגערע קינדער ביי די הענ־טלעך און זיך געלאָזט אין איין אָטעם צום טיר. ער האָט געמיינט די מוטער ועט שוין אויכעט נעמען די רעשט און נאָכקומען. די מוטער האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט.

— און דו, און כייעמל און...

— גיי, זאָג איך דיר! — האָט די מוטער א ביטערן געשריי געטאָן. שימעלע האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין מאַמעס בייזע, אויסגעגלאָצטע, ווילדע אויגן. ער האָט זיך מיט א געקלאָג געלאָזט צום קעלער.

דאָרטן אונטן, אין דעם טוכלען, דושנעם קעלער, מיט קעמערלעך פון ביידע זייטן, זיינען שוין אַלע געווען — יעדער אויף זיין פּעקל מיטן גאַנצן בניי באיעס. געזעסן איז מען אין קעלער דאָרט, וואו געצל דער סאַדאָווניק פלעגט יעדן ווינטער האַלטן זיינע עפּל. איבער די קעפּ האָבן נידעריק אַראָפּגע־שווערט שטיינערנע פעסטע סקליעפּעניעס. א גרוים פּאַראַפין ליכט איז געווען אָנגעטריפט אויף אַן ארויסשטאַרצנדיקן שטיין. דאָס ליכט האָט שיטער צע־זייט ליכט־שפּראָצן. מענטשן, ווי טונקעלע אומעטיקע שאָטנס, האָבן זיך שווייגנדיק געשאָקלט יעדער מיט זיינע מאַכשאָווועס.

בלויז שימעלע האָט געוויינט ניט אָפּלאָזנדיק די קינדער פון האַנט:

— מאַמע, מאַמע.

דעמאָלט האָט זיך דער קעלער מענטשן געכאַפּט, אַז מאַלקע איז נישטאָ. טייל זיינען פון אָרט אויפגעשפּרונגען, זיך דערמאָנט די נעכטיקע נאַכט. זיי זיינען באַפאַלן מיט פראַגן:

— יאָ, וואו איז די מאַמע... און ס'קינד?

שימעלע האָט נישט געענטפערט. ער האָט געהעשעט, א שווערעניש האָט געפּרעסט זיין קינדיש הערצל. ער האָט זיי נישט געקענט זאָגן, אַז זיין ברודערל איז שוין געשטאָרבן.

טייל האָט שוין פאַרדראָסן, וואָס טאָמער איז די מילכאָמע ווייניק, האָט מען זיי נאָך צוגעגעבן קלאָפּאָטן מיט דער שניידערקע. זיי האָבן אוועק־געדרייט די פּענימער: זאָל ער וויינען, דער סמאַרקל.

בלויז שעוועלע, וויינבערגערס שנור איז צו אים צוגעגאַנגען.

— וואָס ענטפערסטו נישט, וואָס מען פרעגט דיר?

— ס'איז געשטאָרבן — האָט שימעלע ארויסגעפּלאַצט. אַלע האָבן דוכט זיך א ציטער געטאָן. בלויז מאָרדכע האָט געזאָגט:

—גאַנץ גלייך וואָס זי איז דאָרט איבערגעבליבן, וואָרים לויטן שילכען אורעך טאָר מען נישט איבערלאָזן קיין מעס אליין.

יאַנקל רימער, אין ווינקל, האָט זיך אויסגעדריקט קאַעסדיק:

— שילכען אורעך. דער שילכען אורעך הייסט זי אויכעט דאָרטן אומקומען.

אויף דעם האָט שוין מאָרדכע ניט געענטפערט, ער וויל ביכלאַל נישט איינטאַינען מיט קיין גראָבן פּליגל.

די ווייבער, כאַווע די אקאָרע, איר שוועסטער גיטל, האָבן זיך גענומען איינשטעלן פאַר מאַלקע'ן:

— מען דאַרף זי דאָ אַראָפּברענגען. ס'קינד דערווייל אַריינלעגן אין

קעמערל, ביז גאָט וועט העלפן, מ'עט עס קענען ברענגען צו קווירע.

מאָרדכע ווײַנבערגער האָט זיך געקראַצט הינטערן היטל. געשמאָרעט מיט די בלאַסע נאָזלעכער:

— מנע, מנע, נאָך ווייניק מײַנע צאָרעס אויפן קאָפּ... מנע.

— קומט, רעב יאַנקל, וועט מען מען אַראָפּנעמען ס'ווײַבל — האָבן שוין די צווײ ווײַבער־שוועסטער גערופן יאַנקל רימער. שעוועלע האָט באַגיטיקנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

א ווײַלע שפּעטער האָבן די צווײ שוועסטער אַראָפּגעבראַכט מאַלקע'ן מיט איר קראַנק אינגעלע בײַעמל. נאָך זײ האָט יאַנקל געטראָגן אײַנגעוויקלט דאָס אויפּעלע. ער האָט געעפנט זײַן בײַלעק קעמערל, וואו ער האָט טאָמיד געהאַלטן קאַרטאָפּלעס. דאָ האָט ער אויף א ברעטעלע דאָס קינד אַוועקגע־לייגט. מאַלקע האָט נישט געוואָלט אַרײַן אין גרויסן קעלער, נאָר דאָ לעבן פּע־קעלע האָט זי זיך אַוועקגעזעצט און, ווי פריער, א שווײַגנדיקע, מיט א טרו־קן צעוויײַטיקט פּאָנים, זיך געשאָקלט.

* * *

א גאַנצן טאָג האָט שוין נאָכדעם געהאַגלט מיט שווערע באָמבעס איבערן שטאָט. די שווערע סקליעפּעניעס האָבן געציטערט אונטערגעפּרי־שעט מיט זאַמד אויף די אײַנוואוינער. יעדע ווײַלע האָט זיך געדוכט, אז אָט־אָט ברעכן זיך איבער די ווענט און זײ וועלן אַלעמען צודישען. די קאַנאָנען האָבן געוואָיעט אינדערלופטן, געבראָכן מיט האַרטע מעטאַלישע קלעפּ — א וועלט אויפגעריסן!

אײנמאָל האָט אפילע א באָמבע אויפגעריסן אויפן דאַך, דאָס האַרץ האָט א ציטער געטאָן. עפּעס האָט געגומען איבער די קעפּ זיך בויערן. אַלע האָבן זיך צונויפגעטוליעט, אַרומגענומען די קינדערלעך. דאָס שוואַכע שטילע מענטשל, אוונער, האָט שוין אפילע מיט א יאָמקיפּער ניגן אָנגעהויבן זאָגן ווידע. ער האָט זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַרײַן. זײַן דאַרע האַנט האָט הויל געקלונגען אויף זײַן טרוקענעם האַרץ־ברעטל.

מאָרדכע ווײַנבערגער האָט די גאַנצע צײַט נישט גערעדט צו קײנעם. ער איז געזעסן צונויפגעקורטשעט מיט א פּאָר ברילן אויף די אויגן און אַרײַנגעקוקט לאַמדאָניש אין א סייפער. ביי יעדן שטוים האָט ער מאַפּסיק געווען, אפּירגעקוקט מיט א פּאָר בײזע אויגן.

— ס'הויז צעטרײבערן זײ מיר. פאַר אַן אָרימאַן וועלן זײ מיך אויס־שטעלן.

ער איז געווען זײער באַאומרואיקט איבער דער קאַווע מיטן צוקער

וואָס ליגט אויפֿן בוידעם. זיין אַרבעט זאָל נאָר נישט זיין אַרויסגעוואָרפֿן. ער האָט יעדע ווײַלע זיך איבערגעקוקט מיטן זון, וואָס איז געלעגן אויף אַ שעניק מיט געלט צוזאַמען מיט די קינדערלעך. דער כּאַמולע, יאַנקל רימער, זאָל זיך נאָר נישט דערוויסן וואָס דאָ ליגט. ער ווייסט, מענטשן זייַנען קינעדיק. זיי פֿאַרגינען אים ניט. ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אַז דער אומגליק וועט קומען אַזוי שנעל און זיי זאָלן בלייבן מיט אַזויפֿיל פּאַפּיר־געלט? ווי נאָר דער שטורם וועט דורך, וועט ער פֿון אַלץ מאַכן גאָלד און זילבער און דאָס איינ־מויערן. אָט האָט ער דאָרט אין זיין קעמערל פֿאַרמויערט צוויי זעקעלעך, ווייסט עמעץ? ס׳רעדט אים עסן? גאָרנישט!

די קינדערלעך האָבן געוויינט מיט געבראָכענע מידע קעפּעלעך אויף די מוטערס שויסן, געוואָלט עסן. קיין סאַך איז נישט געווען אָנגעגרייט. האָ־בן די מאַמעס געקאַרגט, זיך געהיטן אָפּצוגעבן דעם ביסן די אַנדערע זאָלן נישט זען, וואָרים טאַמער האָט שוין דער צווייטער גאָרנישט.

פֿון צייט צו צייט האָט אַ קינד געקייעט שטיקלעך ברויט מיט צוגע־פּוילטע עפּל. מאַלקע׳ס קינדער האָבן פֿונדערווייטנס געקוקט זשעדנע ווי די אַנדערע קינדער עסן און זייער מאַמע זיצט אין קעמערל און האָט זיי גאָרנישט אײַנזינען. זיי זייַנען צוגעלאָפֿן, געריסן שטיקער פֿון אירע קליידער, אַרייַנגע־שריגן אין איר פֿאַרשטיינערטן פּאָנים:

— מאַמע, מאַמע, ס׳הונגערט מיך!

די מוטער האָט אויף דעם אַלעמען נישט געענטפֿערט. זי האָט לאַנג געקוקט אויף אירע ווײַנענדיקע קינדער. זי האָט אָפּגעזיפֿצט.

— וויינט, וויינט אויף אייער כּורבן, וויינט!

האָבן דאָך די קינדער געזען, אַז מיט זייער מאַמען איז נישטאָ וואָס צו מאַכן און קיין עסן האָט די מוטער טאַקע אויך נישט, זייַנען זיי צוריק אַריין אין גרויסן קעלער. שימעלע האָט אָפּגעריסן די רעשט פּערלמוטערנע קנעפּלעך פֿון זיין צעריסן סאַמעטענע רעקעלע, געררייצט זיך מיט דעם איינג־סטן ווייַנבערגער, מוישעלע. יענער האָט געהאַלטן אַ שטיק פֿיינקוכן אין איין האַנט און אין אייער קיכל אין דער צווייטער.

מוישעלע האָט זיך צוגערוקט מיט דאָרשטיקע אייגעלעך. ער האָט אויפֿגעהערט קייען.

— אַ בים פֿאַר אַ קנעפּל.

— וויל נישט — האָט מוישעלע געהויבן מיט די אַקסעלעך.

—איין בים פֿאַר צוויי קנעפּלעך.

מוישעלע האָט שוין געשאַקלט מיטן קאָפּ. נאָר דאָ האָט זיך שימעלע

אָפּגערוקט אין דער טונקלקייט פון קעלער צו זיין מאַמעס קעמערל. ער האָט געגעבן די צוויי קנעפּלעך און געוויזן אויף זיין אינגערן ברודערל מאַניע.

— אים גיב.

מאַניע האָט זיך אָפּגעווישט די טרערן, אויפגעעפנט א מויל מיט הונ־געריקע ציינער און פארקראַכן מיט וואָלפישער ווילדקייט ביז צו מוישעלעס פינגער. מוישעלע האָט געמאַכט א געוואלד. איידעלע האָט אים שוין אויסגע־כאַפּט דאָס אייער קיכל, זיך געזעצט הינטער דער מאַמען מיט אן איינגע־קורטשעט קעפּל און געקייעט מיט איין אָטעם.

— זיידע, זיי האָבן מיר אויסגעכאַפּט דעם קוכן, זיידע.

דער אַלטער זיידע איז געקומען צולויפן אַ פארסאַפּעטער, געכאַפּט זיין אייניקל ביי אַ פּולקע.

— וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט זאָלסט זיך נישט כאַווערן מיט זיי? זיי זיינען דיינסגלייכן?

דאָס מאָל האָט מאַלקע אויסגעגליכן איר שאָטנדיקן גוף, געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן.

— וואָס זיינען זיי, מאַמזיירים, מעשומאָדים?

נאָר דאָ האָט דער זון, כיל הויקער, גענומען שרייען אין איין אָטעם:

— טאַטע, טאַטע!

מאָרדכע האָט זיך צוריקגעזעצט צום סייפער. עפּעס האָט ער זיך נאָך לאַנג געקאָכט, זיך אונטערגעהויבן.

— אַזאַ פּאַסקודנע נאַשעניע.

אצינד האָבן שוין אַלע גענומען קוקן קרום אויף מאַלקעס קינדער. אז דאָס עסט אויף מיט די אויגן. מע קען דאָך נישט נעמען א ביסן אין מויל אריין צוליב זיי. אפילע שעוועלע האָט שוין געזאָגט:

— כאַזערישע קינדער, אומאויסגערעדט זאָל עס זיין. איך האָב זיי אַליין פריער געגעבן צו שטיקלעך. צעצויגענע קישקעס. ביי אן אָרימאַן וואַק־סן שטיינער, נישט קינדער.

עס האָבן זיך אַזוי געצויגן לאַנגע שווערע שאָען, הייסע פיבערדיקע שאָען. די טוכלע שטיקנדיקע קעלער־לופט האָט אויף אַלעמען ארויפגעדריקט א כאַלאָשעסדיקע מידקייט. די שפּיזלען פון דעם דרויסנדיקן ליכט, וואָס האָט אריינגעשפּאַרט דורכן פאַרקלאַפּטן פענצטערל, האָבן זיך גענומען לעשן.

מאָרדכע האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, עס זאָל אין דרויסן נישט פאַלן קיין כשאַד, אז מענטשן זיצן דאָ. קיינער האָט זיך גאָרנישט איבערגעפרעגט. די מענטשן זיינען געלעגן דערשלאָגענע ווי נאָך אַ לאַנגן טאָנעס.

שפּעט ביינאַכט האָט מען גענומען קלאַפּן אין טויער. מען האָט גע־שטויסן מיט זעלנערישע פּראָקלאַדן. דרימלדיקער אוילעם האָט זיך אויפגע־כאַפּט.

— האַ, וואָס? זיי זיינען נאָך אַלץ דאָ?

ביי אַלעמען איז דער אָטעם פאַרטייעט געוואָרן.

— ש—ש—ש

אויפן גאַס האָט זיך געהערט אַסאַך שווערע זעלנערישע טריט. מען האָט געשטורקעט אַלע שכײנישע הויפן, ביז אין פאַראַקשנטע כעוורע האָט בעשום אויפן נישט געוואָלט אָפּטרעטן. זיי האָבן אויפגעבראָכן דעם טויער.

אויפן הויף האָבן זיך אריינגעשאָטן אַ מאַכנע צעווילדעוועטע סאָל־דאַטן, פאַרבלאָטיקטע, באַוואַקסענע, גלייך פון פראָנט אַראָפּ, מיט די באַג־נעטן אויף די ביקסן און ראַניצן אויף די פּלייצעס.

די סאָלדאַטן האָבן אָפּגעריסן די שלעסלעך פון די שטובן, זיך אריינ־געשטופּט גאַנצע קופּעס, זיך צעליגט ביי מאָרדכע וויינבערגער אויף די בעטן און ווייכע סאָפקעס. טיר און טויער איז געוואָרן אויפגעפּראַלט ווי אַ קרעטשמע. די זעלנער האָבן געבערענגט צושלעפּן שטיקער לאַסטן פון שטאָט־גאָרטן, פון באַלעבאַטישע שיינע פאַרקאַנעס. אַז עס איז זיי געוואָרן ווייניק, האָבן זיי געבראָכן די טישן, בענקלעך און האַנאַע געהאַט פון פאַרניכטן.

נאָכדעם האָבן זיי צעעפנט די ראַניצעס, ארויסגעשלעפּט האַרטע ברויטן, געזוכט מיט הונגעריקע אויגן עפּעס צום פאַסנעם ברויט. באַלד האָ־בן כעוורע גענומען זוכן אין די שענקלעך „שפּיזשאַרניעס", ארויסגעשלעפּט סלאָאיקעס איינגעמאַכטס, ביטלעם מיט סאָק.

די קליינע הונגעריקע קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע ווינקעלעך אין קעלער, וואו זיי זיינען געשלאָפן אין אָנטועכץ. זיי זיינען ארויף אין די שטובן צו מאָרדכע וויינבערגער, זיך געריבן די אייגעלעך: אַזאַ גערדו־לע האָבן זיי שוין לאַנג נישט געהאַט — עסנווארג! אַזאַ ליכטיקער פלאַקער אין אויוון — שוין לאַנג נישט געהאַט.

די טאַטעס האָבן אָבער נישט געלאָזט נאָענט צוגיין צו די זעלנער. די ווייבער האָבן זיך איינגאַנצן נישט ארויסגעוויזן פון קעלער...

בלויז מאַלקעס קינדערלעך האָבן זיך גערוקט צו די זעלנער, מיט ראַכ־מאָנעס בעטנדיקע אייגעלעך. די סאָלדאַטן האָבן זיי באַטראַכט. איינער האָט גערופן שימעלען.

—מאַלטשיק, כאָדי קושאַי.

דער קליינער שימעלע האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך זאַט אָנצו־

עסן מיט אזויפיל קאראמעלקעס, איינגעמאכטס, נעגידישע סאַכן, ווי קיינ־מאָל אין זיין לעבן נישט. ער האָט שוין פון וואוילטאָג זיך פארגינען צו באַ־טאַפּן די פּאַטראָנעס, וואָס זיינען געלעגן אויפן דיל. איידעלע און מאניע האָ־בן זיך פארשמירט די הענטלעך און פּענימער, ווי פארשטעלטע.

דער אַלטער וויינבערגער איז געשטאַנען פונדערווייטנס. ער האָט געברענט אייש לעהאַווא. ער האָט זיך אפילע פארגינען אהינצושרייען.

— שפּיי אויס, מאַמזער דו איינער! ווארף אוועק, ס'איז געזיילע. טרייפע.

אז די סאַלדאטן האָבן זיך זאַט אָנגעגעסן, האָבן זיי אוועקגעטריבן די עלטערע מענטשן, אראָפּגעווארפן פון זיך די אויבערשטע בגאָדים. אַסאַך האָבן אויסגעטאָן די העמדער, געקליבן אָנגעפּרעסענע לייז, זיי פלינק געקניקט, זיי געשאַרט פון די צעביסענע, צעקראַצטע לייבער.

נאָכדעם האָבן זיי זיך צוגעלעגט, ווער אויף די דילן לעבן די ראַניצן, ווער אויף די בעטן. טייל האָבן באַלד גענומען כראָפּען ווי דערהאַרגעטע. אַנ־דערע האָבן ארייננענומען זייערע פּענימער צווישן די הענט, געגלאָצט מיט די אויגן ערגעץ ווייט, ווי נישט היגע.

פּלוצים האָט זיך אַלץ איבערגעריסן. פונדרויסן האָט זיך געהערט א געלויף, א געיאָמער פון צעשראָקענע קוילעס. די פענצטער האָבן אויפגע־העלט מיט א רויטער פלאַמענדיקער סרייפע־ליכט. די זעלנער זיינען אויפגע־שפּרונגען פון אָרט, פלינק אַרויפגעכאַפּט אף זיך די ראַניצעס, פארשנאַלט די פּאַסקעס מיט פּאַטראָנעס און גענומען ארויסשפּרינגען אין גאַס.

די סרייפע־ליכט האָט געשטיגן. דער הימל האָט אינגאַנצן געברענט. עס איז געוואָרן א געלויף ארויס פונם קעלער. עס האָבן געשטיגן ביטערע צע־שראָקענע געוויינען:

— וואו גייט מען אצינד? זע נאָר, ס'ארא „לאַנע".

—זיי צינדן אונטער די שטאָט. זעט!

יעדע פאַמיליע האָט זיך שוין געהאַלטן צוזאַמען מיט זייערע פּעק־לעך גרייט צו אַנטלויפן. בלויז שימעלע האָט דאָ ארומגעבלאָנדזשעט מיט וויינענדיקע צעשראָקענע אויגן, פירנדיק די צוויי אינגערע קינדער.

— עלנטע שטיינער, נעבעך — האָט עמעץ געזאָגט

— זי איז נאָך אין קעלער מיסטאָמע.

שימעלע האָט זיך גיך א לאָז געטאָן צו די קעלער טרעפּ.

אונטן, אין זיין מאַמעס קעמערל, האָט געברענט א דאר ליכטעלע אף א שטיין אָנגעטריפט. די מוטער מאַלקע האָט איצט געהאַלטן כאַיעמלען אף

איר שוים. זי האָט שוין נישט געטריבן די מייז פון זיך, וואָרים מיט איר בייַ־עמל האָט שוין געהאַלטן זייער שמאָל.

דערזעענדיק אירע קינדער האָט איר דערשראָקן, פארפינצטערט פּאָ־נים יעסורעמדיק זיך פארינצלט אין אַ שטומען שלוכצן. איר גאנצער קערפּער האָט געציטערט. אירע שמאָלע אַקסלען האָבן זיך צונויפגעקורטשעט. אויפן האַלדז זיינען געשטאַנען אָנגעצויגן די אָדערן ווי פּרענגעס.

שימעלע האָט זיך געבעטן, גלעטנדיק אירע הענט:

— מאמע, מאַמעניו, וויין נישט, איך וועל אויפזוכן דעם טאַטן, אינ־דרויסן איז אזוי ליכטיק, קום ארויס פונדאַנען.

— וואו וועל איך גיין מיט מיינע אויפעלעך? זיי וועלן אפילו צו קוואורע נישט קומען, ווינד איז מיר.

דער סוכאָטנע בייעמל האָט נאָך באַוועגט מיט די ליפּן. קוים, קוים. די בלוינבלאָע אויגן־לעפעלעך האָבן נאָך אַלץ דערשראָקן געפּאָכעט, געזוכט ארום זיך.

ס׳זוכט דעם טאַטן.

ס׳בעט זיך, נעבעך, אַ ביסעלע מילך — האָט מאַלקע פארטייטשט בייעמלס בליקן.

שימעלע האָט זיך געלאָזט לויפן צוריק ארויף, עפּשער האָבן די זעל־נער עפּעס איבערגעלאָזט. ווי אזוי האָט ער געקענט אַליין זויפן און גאָרנישט ברענגען זיין ברודערל.

אויבן האָט ער שוין געטראָפן די טירן פארשלאָסן. מאָרדכע וויינ־בערגער איז ארומגעלאָפן מיט אַ געקלימפּער פון שליסלען אין האַנט. ער האָט יעדע ווילע ארויפגעקוקט צום דאך, נאָכשפּירנדיק די פליענדיקע פונ־קען, צי דער דאך רויכערט זיך נאָכנישט. ער האָט געדעדט צו זיך:

— ביי מיר איז בלעך דער דאך. וואָס האָב איך עפּעס, אַ קאַבצאָניש כאַטקעלע?

נאָכדעם האָט ער זיך ארונטערגעלאָזט אין קעלער. ער וועט פארשלי־סן די אייזערנע טיר, אויב כאָס וועשאָלעם, ס׳וועט זיך פאָרט אָנכאַפּן ס׳הויז, זאָל כאָטש אים איבערבלייבן די באַהאַלטענע זאַכן אין קעלער.

אונטן האָט אים אַ שיין געטאָן ס׳ביסעלע ליכט פון מאַלקע׳ס קע־מערל, און איר שטיל געוויין.

— ווער איז דאָס נאָך דאָרטן? — גייט ארויס, הערט מיר דאָ אויף צו קלאָגן. גייטס זיך, צו זיך אין שטוב אריין — האָט מאָרדכע געזאָגט, אריינשטעקנדיק דעם קאָפּ אין קעמערל אריין.

— וואו האָב איך צו גיין, רעב מאָרדכע? דריי נעמען האָט עס שוין, ווי דער רעבע האָט געהייסן — כייעם, יעכיל, מייער — און אצינד גייט עס מיר אוים אַף די הענט. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן.

מאָרדכע האָט א קוק געטאָן אויפן קינדישן גויסעסדיקן פּענימל. עס האָט אים, ווייזט אוים, א ריר געטאָן, וואָרים ער האָט געזאָגט, ווי צו טרייסטן איר:

— ס'וועט ענק זיין גלייכער אָן אים אווּדע, וואָרים זאָלסטו וויסן זיין, אייזיקס ווייבל, אז א קינד א קאַליקע איז פאר אן אָרימאַן אן אומגליק.

דאָ האָט זיך מאַלקע ביטער צעקלאָגט. האָט דאָך מאָרדכע געזען, אז ער האָט צו טאָן מיט א פּראָסטער אידענע, האָט ער שוין כאַראָטע געקראָגן, וואָס ער האָט זיך אינגאַנצן דאָ ארייננגעלאָזט אין א שמועס מיט איר.

ער האָט זיך פּאַמעלעך ארויסגערוקט, זיך דערמאָנט נאָך וואָס ער איז דאָ אראָפּגעקומען. ער האָט געעפנט די אייזערנע טיר פון נאָך א נידעריקערן קעלער, גענומען צושלעפּן דעם שטרוי־שעניק, וואו ער האָט געהאַט פּאַר־שטופּט אסאך באַנקנאָטן.

דורכגייענדיק האָט מאָרדכע ווידער ארייגגעשריגן:

— גייטס ארויף, סי דאָ סאַקאָנעס נעפאָשעס צו זיצן. עך גאַי פּאַר־שליסן דעם קעלער.

מאַלקע האָט אים אָבער נישט געהערט, מאַכמעס כייעמל האָט מיט אמאָל אויפגעהערט צו אָטעמען. בלויז אויף די מויל־ווינקעלעך האָט זיך נאָך געקנייטשט א שלאָפנדיקער בעטנדיקער שמייכל.

מאַלקע האָט א קוויטש געטאָן, גענומען רייסן דעם קינדס פּארשטשע־מעטע ציינדלעך.

— כייעמל, כייעמל!...

—ניטע, דו, אידענע, מעטאָרנישט צוריפן קיין מעס! — האָט מאָרד־כע ארייגעשריגן אין קעמערל.

כייעמל האָט נאָכאמאָל א צערופענער געעפנט די אויגן, זיך דער־שראָקן, ארומגעקוקט, צוריק מיד פּארמאַכט די אויגן און פּארוואָרפן ס'קעפּל.

מאַלקע האָט זיך אויפגעשטעלט, א צעדולטע גענומען לויפן פון קע־לער ארוים.

אויפן הויף איז איצט געווען א מוירעדיקער געקלאָג. אזוי ליכטיק, גלייך די שכיינעסדיקע הויפן וואָלטן געברענט. עטלעכע סאָלדאטן האָבן צע־

נויפגעשאַרט דעם אוילעם און געטריבן פון הויף. טייל האָבן געשטויסן מיט די פּראַקלאַדן.

באַלד איז אַ זעלנער צוגעלאָפן צו מאַלקע׳ן:

— אַזוי, ווילסט זיך באַהאַלטן?

ער האָט אַ ריס געטאָן ס׳צוגעדעקטע פּעקעלע פון איר האַנט, אַראָפּגע־ריסן ס׳טיכל, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן: כּייעמל איז געווען צענויפגעשטייגט ווי אַ בייגל מיט די דאַרע הענטלעך און פיסלעך.

דער זעלנער האָט זיך איבערגעציילעמט, אוועקגעלייגט דאָס קינד אין דער קאַרעטע ביים ברונעם און לייכט געגומען אַרויספירן מאַלקע׳ן פון הויף.

נאָכדעם האָבן שוין צוויי זעלנער געשלעפּט דעם אַלטן ווייגבערגער פון קעלער אַרויס, אָן אַ היטל אַפן קאָפּ. דער אַלטער האָט מיט די הענט צוגעהאַלטן די אָפּגעדעקטע גראָע קודלעס, זיך געריסן אויף צוריק, געשריגן צו די זעלנער, צו מאַלקע׳ן:

— יאַ כאַזאַין. איבער דיר מיט דיינע מאַמזיירים וועל איך דאַרפן גיין אין די הייזער. אַ מאַיאָנטעק געלאָזט העפקער, אָן אַ שלאָס.

מאַלקע איז געגאַנגען פּאַמעלעך, געהאַלטן מיד אַראָפּגעלאָזט די הענט, געקוקט אויף דעם רויטן פלאַם, וואָס האָט געשטיגן און באַלויכטן די הינטער־גאַסן. פון צווישן די שרייענדיקע קוילעס האָט זיך געהערט ערגעץ נאָענט אַ שטיל, בעטנדיק, קינדיש געוויין. מאַלקע האָט זיך איינגעהערט, אויפגעצאַפּלט. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס האָט זיך כּייעמל אויפגע־כאַפּט אין דער קאַרעטע... זי האָט זיך אויסגעדרייט, געוואָלט צוריקלויפן, אָבער דער זעלנער, אַ ברייטער מוזשיק מיט אַ געל בערדל, האָט איר צוריקגעהאַלטן.

— מע קען נישט, מאַטושקאַ, אַ באַפעל אַזאַ: טרייבן און פאַרברענען די שטאָט.

מאַלקע האָט נישט געהאַט קיין קויעך זיך צו אַמפּערן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן אירע לעבעדיקע קינדער, האָט זי גיך גענומען איילן פאַראויס, אָנצויאָגן אירע הויף־שכיינים, וואָס פירן מיסטאָמע אירע קינדער.

פון אַלע הויפן זיינען שוין מענטשן בעהאַלעדיק געלאָפן. ערגיץ נאָ־ענט האָבן זיך הינט געריסן אויף די קייטן מיט אַ יאָמערלעכן געוואָי. פערד האָבן געהירזשעט, בעהיימעס האָבן געהאַקט מיט די הערנער אין די שטאַ־לן, געמעקעט מיט אַ מוירעדיקן געוויין אין דער סרייפעדיקער נאַכט אַריין.

א ליידיקע מאַשין

עס איז געווען אין סאמע מיטן האַרבסט־סעזאָן.

אין דעם קליידער־שאַפּ „ווייט גארמענט קאָ.", וואָס אויפן פערטן גאָרן פון דעם פופצן-שטאָקיקן „פעשאָן"־הויז, זיינען געלאָפן פערציק מאַשינען. אויסגעשטעלט אין צוויי רייען באַ די ווענט, האָבן די מאַשינען געדונערט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די פּאָדלאָגע האָט אונטערגעציטערט.

איינער אַנטקעגן אַנדערן האָבן פערציק אָפּרייטאָרס, מענער און פרויען, גענייט סאַטינקרעפּענע קליידער. עס איז דאָ אָנגעגאַנגען אַ ווילדער געיעג פון ניט האָבן קיין צייט די נעז אָפּצואווישן.

שטיק־ארבעט האָט מען גענייט. פון צייט-צו־צייט האָט איין שאָכן אריבערגעקוקט צום אנדערן, מיט קינע דערזען ווי דער אנדערער האָט אים שוין עט־ווייט אריבערגעיאָגט. די פערציק געבויגענע רוקנס האָבן זיך אליין געטריבן. געסאַפּעט האָט מען ווי אייזלען אונטערן יאָך. מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן זיינען די דאָזיקע מענטשן געווען אריינגעטאָן אין די צעעפנטע בינטלעך.

גערעדט האָט מען דאָ הויך איינער צום אנדערן, קעדיי אריבערצושרייען דעם וואַלצעדיקן גערויש פון דעם עלעקטרישן מאָטאָר, וואָס האָט געטריבן קראַפט איבער דער ברייט און לענג פון שאַפּ.

מערסטנס האָט מען דאָ אריבערגעשריגן צו די פּרעסערס־אונטערפּרעסערס — בייזע, רוגזעדיקע יונגען, מיט צעפּראַלטע האָריקע לייבער.

— מיר פריער! קאָם אָן מייק.

— זעסט, ווי כ'שטיי ליידיק איבער די סאַנעווענאַנס, — שרייען די „שיסער" און פארליינגן די הענט אין געפלעכט צו ווייזן, אז זיי האָבן קיין שטאָך ארבעט ניט צו טאָן.

די עלטערע היימישע באַלמעלאָכעס האָבן זיך יעדע ווילע געבעטן קימאַט וויינענדיק דאָ אַף קאָלנערס, אַף ארבל, אז אַ ראַכמאָנעס איז זיי געווען אָנצוקוקן.

— וואָס בינדט איר מיר די הענט, וואָס?

— ראָצכים, כ'קאָן ניט מאַכן קאַ לעבן איבער זיי.

און די מיידלעך, פרויען, שוין אביסל איידעלער, מיט קינדלעך:

— פליעז, קאם אן, דזשעק, זיי א גוד באי!

די פרעסערס אליין האבן זיך אויך ארויסגעיאגט די נעשאמע, זיך געמאכט ניט הערנדיק. גיי שטעל צופרידן אזא מעשוגענע כעוורע. זיי האבן געדריקט, געשארט מיט די גלאנציקע, שווערע אייזנס איבער די פארצויגענע קליידער, וואס אויף די ביגל־ברעטער. קעדיי זיך אפצוטשעפען, האבן זיי יעדע ווילע אויך ניט געשאנעוועט קיין לאשן, געברומט ווי בייזע וועלף.

— א־א־א־שאראפ. סקרע־ע־עם.

די זייטיק־ארייגעבלאנדזשעטע קוינים פון די „מאדל־צימערן”, וואס האבן געזוכט פרישע סטילן, האבן זיך דערשראקן ארומגעקוקט. געמיינט עס איז ערעוו א שאפ־קריגעריי. אבער מער ווי מויל־רייד איז דאסמאל ניט פארגעקומען.

אלץ איז געווען פארטאן אין הארעוואניע. אויף א טייל צושנייד־טישן האבן געזשווזשעט עלעקטרישע צושנייד־מעסערס, אף אנדערע האבן לאנגע שערן געקנאקט, זיך געביסן מיט אנגעטלעכע זיפצן אין די קרעפּענע שטאפן.

בלויז איין־און־איינציקער אין דעם דאזיקן שאפ האט ניט געקאנט ארבעטן. געזעסן איז ער ביים מאשין, וואס לעבן סאמע סאף ריי, ביים מאטאר. דאס איז געווען א שקראפולנער מיטל־יאריקער ארבעטער, שליאמקע דער שווארצער האט אים דער שאפ גערופן. ער איז געווען א נידעריק־געוויק־סיק מענטשל מיט א קרומער צעבראכענער טאליע. ער האט קוים געשלעפט די צעליאפעטע פיס. הענטלעך האט ער געהאט קליינע, פארווייכטע, ווי אנבייר־נערדיקע.

ער האט געקוקט שליאמקע, מיט זיינע פיבערדיקע אויגן, אף דעם דאזיקן געיעג, וואס איז דא אנגעגאנגען. ער האט אויך געוואלט עפעס אזוי זיך א רירעווודיקן יאג געבן. ווארים לעצטנס מאכט ער גארנישט קיין סכירעס. קינדערלעך האט ער שוין גאנצע דריי. ער ברענגט אהיים קימאט ליידיקע קאנווערטלעך פון די סכירעס. דאס ווייב זיינס ניט זי שרייט אף אים, ניט זי זאגט עפעס, נאר קוקט אויף אים מיט אירע ווייסע גענזענע אויגן. אומע־טום זעט ער די דאזיקע שטומע אויגן, וואס האבן צו אים טאינעס.

— פארוואס האב איך אזא פינצטער מאזל בא דיר, פארוואס?

ער גייט שוין טאקע ארום אפגעריסן, אפגעפליקט, ווי קיין שום ארבע־טער אין דעמדאזיקן שאפ. אצינד גייט אזא ביטערער ווינטער. א לאנגער „סלעק” אף כאדאשים ווייט. ער הערט ווי די ארבעטער שרייען איינער צום אנדערן:

— שיס אריין קאַלזמאַן דו האָסט צו ארבעטן, ברידערל!

— שיס אריין, די מאַשינען זאָלן צעטראַסקעט ווערן!

וואָס זאָל ער אָבער טאָן, שליאַמקע. ער יאָגט זיך געגוג. ער טרייסלט זיין שלאַבריק גופל, די שטיקלעך — יעדע מינוט נייע מאָדעס — זיי פאַלן אים פון די הענט ארויס.

כוצדעם דאכט זיך יעדע ווייל: אָט גייט ער שוין ווידער, דער פאַר־מאַן מיסטער בריטש, מיטן רויטלעכן אָפּגעקרילטן פּאָנים, וואָס זעט אויס ווי פון א שוויץ־באָד ארויס. טראָגט ער אים, דער פאַרמאַן, ניט צוריק די ארבעט אמאָל?

מען האַלט אים אין איין צוריקברענגען די קאַליע־געמאַכטע ארבעטן. זיי הענגען טאַקע דאָרט אפן אייזערנעם געשטעל. ווען וועט ער זיי פאַריכטן?

ער פילט, אז די אנגלען דריקן אים אזוי צו, אז אָט וועט ער דאָ א דערוואָרגענער אנידערפאַלן אויפן בענקל. ער מוז מיסטאָמע זיין גוט קראַנק. קען ער זיך אָבער ניט פארגינען אינמיטן סעזאָן זיך אוועקצולייגן, גיין צו דאָקטוירים. און אז ער וועט שוין גיין צום דאָקטאָר, וועט ער אים זאָגן ווי יענער אין שטאָט־שפּיטאָל, אז ער דאַרף וואָס ווייניקער ארבעטן.

ער וועט עפשער בעטן, שליאַמקע, מען זאָל אים אביסל ארויסהעלפן פאַריכטן. וואָרים נאָך אַלעמענס אהיימגיין, איז דען שיין זיך אוועקצושטעלן צו צענעמען פארקרימטע נעט. ער מעסט אדורך אַלע אָפּרייטאָרס מיט די אויגן. דערנאָך שטעלט ער זיך אויף, גייט צו צום גרעסטן „שיסער" אין שאַפּ, לייזער פּאָלאַק, וואָס האָט אכוץ דער שאַפּ־ארבעט, אויך א געוועלב אף קווין סטריט, וואָס דאָס ווייב האַלט אויף.

— לייזער, העלף מיר ארויס מיט א... שטאַמלט שליאַמקע.

— וואועס? כ'בין ביזי — ענטפערט לייזער ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ. שליאַמקע דער שווארצער גייט אוועק. ער באַווייזט נאָך צו הערן ווי יע־נער גיט א זאָג צום שאָכן:

גיי ספּויל דיר א סיזן, צוליב אזא קאַקרוטש.

אינעווייניק אין בויך האָט שליאַמקען שוין געגומען שניידן א גרימענ־דיקער ווייטיק. דערזעלבער ווייטיק, וואָס ער פילט שוין כאַדאשים לאַנג. ער דערמאָנט זיך: ער'ט דאָך אמאָל געקענט אזוי גוט ארבעטן. דעם שאַפּ־פאָר־שטייער-וואולף האָט ער דאָך אליין אויסגעלערנט ארבעטן. פארוואָס פאַר־שטייט ער ניט, אים אמאָל ארויסצוהעלפן?

פלוצים האָט זיך באַוויזן פונדערווייטנס, פון אָפּיס ארויס, דער באַלעבאָס מיסטער פּרייז. א דאַר, גיך מענטשל, אין א גרויען געפּרעסטן

אנצוג. דאָס אָפּגעצערטע פּאָנים האָט אים געציטערט פון רוגזע. ער איז ארומגעלאָפן, ווי מעטורעף לעבן די מאַשין-געשטעלן, האַלטנדיק עטלעכע צעקנייטשטע קליידער אף הענגערס.

נאָך אים, מיסטער פּרייז'ן, איז נאָכגעגאַנגען דער צווייטער, דער אינגערער פּרייז, מיט אַ גלאַט-פּארקעמטן-קאָפּ, וואָס האָט פארשפּרייט פּער-פיום-גערוך. נאָך זיי איז געגאַנגען דער פאָרמאַן, מיסטער בריטש, אַ שווייגנ-דיקער, נאָר דאָס אָפּגעקרילטע פּאָנים בא אים איז אויך געווען בלאַס.

לעבן אַ הויכן בלאָסן יונגנמאַן אין אַ בלאָ העמד האָט זיך דער באָס אוועקגעשטעלט און אַ פאַרהיקעטן געשריי געטאָן: —

— וואָס גייט מען דאָ ביי מיר — טאַכריכים?

— מיר גיבן ארוים פּערפעקטע ארבעט, רופט זיך אָפּ אַ דרייסט מיידל פון דעם שאָפּ-קאָמיטעט.

— פּיש-פּיש, דרייען די צוויי נאָכגייער מיט די קעפּ מיט לייצאָנעס-דיקע פּעני-מער.

דער בלאָנדער יונגערמאַן, דער שאָפּ-פאָרשטייער, האָט אויסגעדרייט זיין דערשוויצט שטרענג פּאָנים. ער באַקוקט די צעקרימטע קליידער, וואָס דער באָס האַלט אים פאַר די אויגן. ער האָט זיך ניט דערשראָקן:

— קען ער שרייען אויף די ציין, דער באָס, וואָרים דער שאָפּ האָט געגנוג געקעמפט, ביז די דאָזיקע כעוורע האָט זיך אונטערגעגעבן און געכאַסמעט.

— כ'וויל די יוניע זאָל מיר צונעמען די קאַליקעס.

איין קליניקייט. וואָולף, דער שאָפּ-פאָרשטייער, האָט אף דעם אַ סאַך צו ענטפערן, אז קאַליקעס זיינען זיי געוואָרן אָט-אָ-דאָ טאַקע בא די נעדעלעך מיט די זיידענע קליידלעך, נאָר איצט איז ניט די צייט דערויף.

וואָולף קוקט איבער די נאָכהענגענדיקע קאַרטלעך, וואָס ביי יעדן קלייד. פאַר אים איז עס ניט קיין נייעס. ער האָט שוין געוואָרנט אויך דעם שווארצן שליאָמקע אויף אַ פיינעם אויפן, איז יענער אים דערפאַר געוואָרן אַ דאַם סוינע.

—אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש. עס מאַכט זיך ביים בעסטן ארבעטער אַמאָל אַ שלעכטע ארבעט, — וויל וואָולף פרידלעך פאַרגלעטן.

— נאָסערי. עס מאַכט זיך. אַ גאַנצן אָרדער האָט מען צוריקגעקראָגן פון דער וועסט. ס'מאַכט זעך...

אַלע דריי באָסעס גייען שוין נאָכדעם צוריק אריין אין אָפיס מיט ניט-אויסגעלאָדענער רעציכע. דער איקער האָבן זיי כאַראָטע, וואָס זיי האָבן

אונטערגעשריבן דעם „אגרימענט", וואו עס שטייט בעפיירעש, אז קיינעם טאָר מען ניט אָפּזאָגן — קיין איין ארבעטער אפילע.

— וואָס־זשע טוט מען פאָרט מיטן שווארצן? ער'ט מיר צעדרייען א סיזן, על'עך האָבן צו געדענקען.

— מיר דאכט זעך, ער'ט ניט לאַנג אָנטרייבן, דער קאַליקע, — זאָגט דער אינגערער פּרייז צום עלטערן.

— לאָז עס גיין.

ביידע צעשמייכלען זיך און גלעטן זיך די האָר, ווי זיי וואָלטן זיך אליין געצערטלט.

און דאָרט בא די מאשינען סוידעט מען זיך נאָך אלץ. אלע ווייסן שוין, אז דער וואָס ביים לעצטן מאשין, איז אין אלץ שולדיק, אינם גאנצן טאַראַראַם. טייל קוקן אהין מיט ראכמאָנעסדיקע בליקן.

— דער יונג איז עפּעס גאָר קויטיק.

— מוז זיין קראנק.

אנדערע רעדן אזעס:

— ער מאַכט צופיל בריסן.

— וויפל האָט ער שוין, דריי?

ער אליין, שליאָמקע, הערט און זעט דאָס אלץ. ער שווייגט אָן אומ־באהאָלפענער. בלויז די טיפע רעמען ארום די אויגן ווערן נאָך שווארצער. די אויגן אליין אין בלוטיקן פיבער, ווי ביי א קראנקן געשמיסענעם הונט. די הענט כאַלעשן אים אונטער דעם קלייד. וואָס ווילן זיי פון אים? אניט וועט ער דען לאַנג אָנטרייבן ביי דער דאָזיקער ארבעט?

עס ווערט אים נאָך שווערער, אומעטיקער אויפן הארצן; דער קאָפּ שווינדלט אים, אזש דער גאנצער שאָפּ דרייט זיך ווי א קאַרוסעלע.

דער שאָפּ האָט באַלד פארגעסן דאָס פריערדיקע. מ'האָט ווידער גע־יאָגט שטיק־ארבעט.

— א בייזע גוואורע זיי האָבן דאָס, רעדט ער צו זיך, דער שווארצער שליאָמקע, מיט באַנייטער קינע. ער שטעלט זיך אויף באקוקן די פריש־צו־געבראַכטע קליידער. ער באַטראַכט זיי מיט פארווייכטע הענט. ער זעט: טאָקע ניט גוט. וואָס איז דאָס פון אים געוואָרן? ער זיפצט שווער. מ'האָט אים שוין צעדרייט א נייע וואָך. אַף קיין עסן וועט ער שוין אפילע די וואָך ניט פאר־דינען, אין סאַמע מיטן סעזאָן.

צומאָרגנס איז דער טאָג געווען א טריבער. א טונקל־גרויע ליכט איז געלעגן אויף די פאריסטע ניט־דורכזעעוודיקע טאַפּליעס פענצטער.

אין שאָפּ האָבן געברענט אַלע לאָמפּן. פונדעסטוועגן איז אומעטום געווען אַזוי־אומעטיקלעך־גרוי אין אַלע ווינקלען. בלויז די קאָלירטע קליידער, צעהאַנגען אויף אַלע געשטעלן, האָבן געמינטעט מיט אַלערליי פאַרבן, דער־מאָנט אין רואיקע שיין־געקליידעטע מענטשן אין יאָנטעוודיקע טעג.

די מאַשינען האָבן געדונערט אונטער די אַפּרייטער׳ס פיס. די באָסעס — די פרייזעס, דער פאָרמאַן בריטש, דער נעגער־יונג, דזשאָן דער פּאַקער, זיינען געלאָפן בעהאָלעדיק איבער דעם שאָפּ מיט די בלעטלעך אויף באַשטעלונגען אין די הענט, געריסן פון די פינישערס הענט קליידער צום אוועקשיקן.

פונדעסטוועגן האָבן אַלע יעדע ווייַלע באַמערקט, אַז ביים סאָף ריי, וואָס לעבן מאָטאָר, שטייט אַ ליידיק בענקל. די מאַשין, אַ שווייגנדיק־טויטע, ווי מען וואָלט איר דעם קאָפּ צעפּלעט. אַרום דער מאַשין איז מאָרעשכווירעדיק פינצטער, מאַכמעס דאָס לעמפּל איז ניט אָנגעצונדן. אַ ווייסער האַנטוך וואָס מ׳האָט היינט איבערגעטוישט, הענגט אויף דעם בענקל־אָנלען.

פון צייט־צו־צייט הויבט עמיצער אויף אַ דערשוויצטן קאָפּ פון דער אַרבעט מיט אַ פראַגע, וואָס ער פאַרענדיקט שוין צוריק פאַרטאָן אין דער מאַשין.

— וואו איז ערגיץ דער שוואַרצער?

טייל ענטפערן מיט ראַכמאָנעס:

— מען דאַרף געוואויר ווערן. עפשער קראַנק.

אַנדערע די וואָוויליונגערישע:

— עפשער לאָזט אים ס׳וואַב ניט אוועק.

אָבער קיינער לאַכט ניט דעם היינטיקן טאָג, קיינער.

אויך די באָסעס באַמערקן דאָס ליידיקע בענקל, נאָר זיי זאָגן גאָרנישט... בלויז דעם יונגערן פרייז איז היינט פריילעכער ווי געוויינלעך. ער גייט אַרום אין שאָפּ מיט אַלערליי האַפּקעדיקע לידלעך אויף די רויטלעכע ליפּן.

די טיר פון ווייטלעכן אָפיס, וואָס ביים סאָף שאָפּ, האָט זיך אויפגע־עפנט. דאָס אָפיס־מיידל, אַ שטענדיק־ברויגעזלעכע און צוריקגעהאַלטענע פון אַלע שאָפּ־מענטשן, אין אַ גרינלעך קלייד, מיט אַ קייענדיק מויל, שרייט אויס העכער, ווי דער שאָפּ־טומל:

— מיסטער לאָנדן, טעלעפאָן!

לאָנדן — אַ שאָכן ביים שוואַרצנ׳ס מאַשין, שטעלט זיך אַ צעטראָ־גענער אויף. ער גייט וואַקלדיק שווער מיט אַ מידן סוטעלעוואַטן גאַנג צום

אָפּיס-טעלעפאָן. א סאך קוקן אים נאָך. ער זאמט זיך דאָרטן אביסל לענגער, ווי געווײנלעך. אז ער באַווײזט זיך צוריק, איז אים דאָס פּאָנים זײער בלאָס, ווי פון כּאַלאָשעס. די אויגן בלינדלען אים ארום דערשראָקן. ער איז א שווײגער, דערדאָזיקער לאָנדאָן, זײער א ווײכהארציקער, ער זעצט זיך צוריק אוועק צום מאשין.

קײנער קוקט אים ניט נאָך, ווײל אלע ווײסן, אז ער דערצײלט גאָרניט פון זיך. דאָסמאָל איז געשען עפּעס אנדערש. ער דערצײלט עפּעס דעם שאָכן, דער שאָכן גיט באלד איבער דעם אנדערן. אזוי איבער דער גאנצער לענג און ברײט פון די מאשינען: דעם שווארצן שליאָמקען האָט מען נאָך נעכטן גע־נומען אין שפּיטאָל.

אלע פּענימער זײנען געוואָרן ערנסט, פארשטײנערט. די מאשינען גײען פויל ווי מ'וואָלט זײ די פיס אונטערגעהאקט. אינדערלופטן הענגט די טרויעריקע בסורע:

— קענסער.

די הײמישע באַלמעלאָכעס כאַזערן איבער:

— א ראַק נעבעך. פארפאלן דער יונג.

די מײדלעך קענען אזש ניט הערן פון דערדאָזיקער קראנקהײט. זײערע פּענימער קוקן אוים באַ זײ, ווי זײ וואָלטן געליטן אויף צײנווײטיק. אָבער די מענער, ווי אויף לעהאכעס, צוגראבלען זיך די אײגענע וואונדן, זאָגן:

— וואודען? אזוי גלאטיק ווילסטו אוועק פון מאשין? קראנקהײטן פעלן ניט. טובערקולאָז, צאָרעס, כורבאָנעס, עך.

דער אוילעם לײגט אוועק די הענט צו פארגעסן די שטיק־ארבעט. די וואלצן פון אונטן גײען שטילער. מען שפּארט זיך אף א הויכן שטײגער: אז אזעלכע קראנקהײטן קומען ניט דאווקע פון ארבעטן. אנדערע זאָגן פארקערט: אז גווירים, באָסעס א שטײגער, עסן צו דער צײט, רואיק, אין שײנע דירעס, ווערט מען ווײניקער קראנק.

דער באלעבאָס, מיסטער פּרײז, לויפט פּונקט אדורך לעבן די מאשינען. ער באמערקט: מען ארבעט ניט, מען שטײט אײן; שאָכן לעבן אנדערן. א שושקערײ צווישן די ארבעטער. שטעלט ער אויף א פרעגנדיק פּאָ־נים. אלע דערלעבן האָבן א געלעגנהײט צו דערצײלן די נײעס, צו זען, צי אויך אים, דעם באָס, וועט עס א ריר טאָן.

מיסטער פּרײז גיט טאקע א דרײ מיטן קאָפּ, א פארקרים די ליפּן: — א שלימאַזלדיקער האָז נעבעך. אָבער וואָס שטײט איר לײדיק...

און פארשווינדט באלד.

לאָנדאָן קען דערווייל ניט אַרבעטן. ער וויל שוין איבערגעבן וואָס שליאָמקעס ווייב האָט אים געבעטן דורכן טעלעפאָן: צי ס'איז ניט מעגלעך, זי זאָל אַרבעטן אַף זיין מאַשין, וואָרים עס שטייט איר פאַר צו שטאַרבן פון הונגער.

לאָזט ער זיך גיין צו דער צווייטער ריי מאַשינען, צום שאַפּ־אָנפירער, דעם טונקל־בלאָנדן וואולף. ביידע שמועסן זיי שוין זייער שטיל. וואולף טראַכט איבער יעדע קלייניקייט. ער קומט צום אויספיר, אז עס איז גאַנץ ווישערדיק, ביי די איצטיקע צייטן, ווען עס איז שווער צו באַקומען אַרבעט. דאָס איינציקע וואָס דער שאַפּ קען טאָן איז: איבערגעבן זיין ווייב דאָס בענקל.

דערווייל לויפט אריין מיסטער פּרייז, מאַכט אַ געוואַלד: — וואָס באַ־לעמוטשעט מען? איך דאַרף שיפּן דעם אָרדער.

וואולף, דער שאַפּ־אָנפירער, וויל עס ניט אָפּלייגן אויף שפּעטער. אויף דער הייסער מינוט וועט ער עס זיכער פּועלן ביי מיסטער פּרייז'ן.

אביסל שפּעטער שטייט שוין דער גאַנצער שאַפּ־קאָמיטעט אינווייניק אין דעם לופטיקן „שאָו-רום". אַרום אויף אַלע ווענט הענגען גלייכע רייען מיט קליידער. אין די גרויסע שפּיגלען זעען ערשט די אַרבעטער ווי פאַרשמו־ציקט זיי זיינען.

— אַזאַ יאָגעניש, מען קען קוים אָפּדעכען.

— די שטיק-אַרבעט וועט אונז פרי אין דער ערד לייגן.

עס באַווייזן זיך די באָסעס. דער יונגער פּרייז מיט כוואַליע אין די מויל-ווינקלען ווענדעט זיך צו זיי:

— נו, וואָס זאָגט עפּעס די יוניע?

און דער עלטערער, דער הויפּט־דייע־זאָגער, ציט צונויף ערנסט די ליפּן, ער האָרכט אויס, וואָס די מיידלעך בעטן. שטייט אַ ווײַלע אַ פאַר־טראַכטער. די בלאָנדע געשפּרענקלטע סערע איז שוין קימאַט ווי זיכער — מאַכמעס איר פּאָנים איז לויטער שמייכל.

— נאָ — זאָגט ער — איך דאַרף האָבן אַ לײַדיקע מאַשין.

— אָבער, מיסטער פּרייז... ווילן די מיידלעך ווייטער עפּעס זאָגן, נאָר די צוויי באָסעס זיינען שוין פאַרשוואונדן אין דעם אָפיס אריין.

גייען זיי אַלע צוריק אין שאַפּ אריין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. יעדער לאָזט זיך אוועק צו זיין בענקל. וואולף, דער שאַפּ־פאָרשטייער, גייט צו צום שוואַרצנ'ס קאַסטן, נעמט אַרויס פּעק. צעטיילט די ניט־פאַרטיקע אַרבעט, געבליבענע פון שליאָמקע'ן.

יעדער נעמט צו אָן איין וואָרט. שטארק געקרענקט. די מאַשינען גייר־
ען א צייט לאנג ווי מען וואָלט זיי די פיס ארונטערגעשלאָגן. מען קוקט אָן
אויפהער אהין צום לײדיקן מאָרע־שכוירעדיקן ווינקל צום שווארצנ׳ס מאשין.
מען זעט:

דאָרט הענגט נאָך אַלץ דאָס ווייסע האַנטוך א ניט־באַרירטס. דערמאָנט
אַלעמען אָן א שטיק ווייסער טאַכריכים־לײוונט.

אין שאַפּ קלייבט זיך אָן א צאָרן. עס וואַקסט א בייזקייט. די שטימונג
איז ווי פאַר א געוויטער...

פרעסט

דער פינפשטאָקיקער קראָכמאַלנער הויף האָט זיך שפּעטלעך אין פרי־מאָרגן אויפגעכאַפּט. פון די אויבערשטע גאָרנס זיינען באַזאַר־הענדלערקעס מיט פּייערטעפּ אין די הענט געלאָפן צו די קראָמען. נידעריקע אַרומגעפּעסל־טע גענזלערקעס, פאַרוויקלטע אין פּאַלטנס, אין וואַלענע צעטיעפּעטע טיכער האָבן געשאָלטן זייערע באַבערדלטע מענער:

— אַזויפיל קוילן זאָל מען ענק אונטערלייגן אין גהענעם, טאַטע זיסער!

— אַזויפיל פרישטשעס זאָל זיך ענק שטעלן אין קעל, וויפל קוילן וואַרשע האָט.

די מענער, פאַרלוירענע, געפּרוירענע פון שטיין אין אַ ריי לעבן די קוילן־קראָמען האָבן זיך פאַרענטפערט:

— אַז מען קריגט נישט אַ שטיקל קויל פאַר אַ מיליאָן.

— יעך בין דאָך שוין געווען ווי וואַרשע האָט אַן עק.

פון די קעלער־שטובן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פאַריסטע וועגעלעך־שלעפּער, באַגאַרטלטע טרעגער — אָפּגעפליקטע אידן, אידענעס — די לייבער פאַרבונדענע מיט שמאַטעס, אַז קוים די נעז האָט מען אַרויסגעזען. אַ סאַך האָבן געטראָגן זעקלעך אונטערן אָרעם, עפּשער וועלן זיי פאַרדינען אויף אַ שטיקל קויל.

— אַז אויב זיי ווערן שוין געסטאָיעט, וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן? — האָט איינער געזעדט צום אַנדערן, ווייזנדיק אויף די אויבערשטע שטאָקן.

בלויז פון איין קעלערשטוב האָט זיך קיינער נישט גערירט — די קעלערשטוב אין ווינקל, וואו דער מיסטקאַסטן איז געשטאַנען, ביים אַסטמע־דיקן פּוטערוואַרגער, יודקע זיסקינד.

אין יודקע זיסקינדס קעלערשטוב האָט קוים אַריינגעקאַפּעט די גרויע טאָג־ליכט. אויף די פאַריסטע ווילגאָטנע ווענט האָט געבליט דער פראָסט ווי ווייסע צעשפּרייטע קרעץ.

דאָס ווייב, דאָבע — אַ ברייט־צעוואַקסענע, אַ שווערע — שלאָפט צוזאַמען מיט אַלע פיר מיידלעך. דאָס איינגסטע נאָך קיין יאָר ניט אַלט. איר

בעט איז קימאַט אינגאַנצן פול, ווי א באַרג. אירע געפּרוּוירענע פּיס, פאַרבונדן מיט אַלערליי שמאַטעס שטייגן אַפיר פון ברודיקן בעטגעוואַנט. דאָס קלענסטע מיידעלע מיט בלאָנדע קאָלטנדלעך אויפן צו־גרויסן קאָפּ, ליגט אויף דאָבעס צעשוואָומענע ברוסטן, סע שלאָפט און זויגט מיט א גרימאַסעדיק גרין פּנעמל.

— יודקע, די קויכעס גייען מיר אויס, יודקע.

דאָבע בלייבט דאָרטן שטיל, וואָרים יודקע האָט זיך שוין ווידער פאַרהוסט. ער כאָרכלט ווי אַן אַלטער מאַן. די אָדערן אויפן האַלדז ציען זיך אָן ווי שטריק. ער שפּייט, כראַקעט אין א טיכל אריין גרינעם לייכעץ.

— שרייסט אין מיר אריין, ווי אין א קייוועך. ניי, לאָדעך שוין דאַכטן אז כ׳בין געשטאָרבן.

דאָבע ענטפערט נישט. זי וויינט, שלוכצט אין זיך אריין אינדערשטיל, קעדיי נישט אויפצואוועקן די קינדער.

אויפן הויף איז שפּעטער טאָג. טומלדיקער. יעדע ווילע זינגט עמי־צער אויס אַן אנדער סכוירע. אַלטוואַרג־הענדלער, נעדאָווע־קלייבער, בלינדע אידן מיט פידעלעך, מיט פאַרדומפּענע קוילעס זינגען אויס וועגן נאָכעס פון קינדער, פון שיכעלעך א פּאָר פאַר א יאָסעם.

— אזויפיל שנאָרער. שוין דאָ מער שנאָרער, ווי געבער — מורמלט יודקע.

נאָכדעם קומט אַן אנדער אויסגעשריי, דאָס געשריי פון א האָפּערדיקן יונג, וואָס ווייסט, אז זיין סכוירע איז ניט קיין באַוול:

— אייער־בייגל, פרישע אייער בייגל!

די קינדערלעך אין דאָבעס בעט גיבן א צאַפּל־אויף, שטעקן ארויס די פאַרשלאָפענע קעפּלעך, רייבן די פאַראָפּיעטע אייגעלעך, שמאַטשקען מיט די מיילער:

— מאַמע, ס׳הונגערט מיאָך, מאַ־מע־ע־ע!

די מוטער דאָבע הערט אויף צו שלוכצן. זי איז שטאַרק אין קאַעס אַף די קינדער:

— שטילער, פרעס־קעלבער! ס׳האָט נאָך נישט געעפנט די אויגן — שוין די פרעס.

אז איר ערשטער אויסגעשריי העלפט נישט, הויבט דאָבע אָן זיי צו שלאָגן, דושעט זיי אונטער אונטערן געלעגער. די קינדער פאַרקייכן זיך, ווערן בלוי ווי מילצן. נאָכדעם פראַלן זיי ארויס מיט אַזאַ געוויין, אז עס דוכט זיך מע מאָרדעט מענטשן.

דאָבע בלייבט אָן קויכעס ליגן. די ברוסטן הויבן זיך גיך און שווער. די אויפגעשוואָלענע דורכגעפרוירענע פיס נעמען בראַנדיק ווײ־טאָן. דאָבע האָט כאַראָטע. וואָס ווייסן אַזעלכע פייגל, אַז אויך זי, דאָבע, פּאַסט שוין אַזוי טאָג נאָך טאָג? אינדערעמעסן מוז זיי כאַלעשן דאָס האַרץ. וואָרים אַ כוץ די פּאָר שטיקלעך בולקעס, וואָס די שאָכנטע, די בעטלערקע, געלע, האָט זיי נעכטן געגעבן, האָבן זיי גאָרנישט געגעסן.

די שאָכנטע, די בעטלערקע געלע, כאַפּט זיך אויף פון די יאָמערלעכע קינדישע געוויינען, זי מורמלט ביי איר קעמערל, שעלט, קרעכצט:

— גייט שנאָרען, גייט. אַלע לאָטס ענק אראָפּ שנאָרע. יאָך גאַי שוין ניש מער.

אַז די קינדער האָבן דערהערט איר, דער בעטלערקעס קאָל האָבן זיי ווידער אַנטשוויגענע אויפגעהויבן די קעפּ, ווי זיי וואָלטן עפּעס דערוואַרט צו קריגן פון איר.

געלע איז אַרויסגעקראָכן פון קעמערל — אַ פאַרשלומפּערטע, דאַרע אידענע מיט אַ בייז קנאָכיק פּאָנים ווי ביי אַן אויסגעהאָרעוועטן מאַנספּאַר־שוין — אַ פּאָנים מיט אַ סאַך קנייטשן: אויף צו פאַרקרימען זיך, אויף שרייען, רייסן פון טויטע און פון לעבעדיקע, אַפילע אויף צו בעטן ראַכמים.
— גייט שנאָרע, פריוווטס נאָר צי מ'עט ענק געבן — איז זי געבליבן שטיין פאַר דאָבעס בעט מיט אַ געבייזער. נאָכדעם איז זי געבליבן אַ שטילע, אָפּגעמאָסטן יעדעס קינד באַזונדער און עפּעס שטאַרק נאָכגעטראַכט. איר שטערן האָט זיך געפאַלדעוועט פון גיך־לויפנדיקע מאַכשאָוועס. זי האָט זיך גענומען פּאָרען אין דעם פּוטערוואָרגערס יודקעס שטיבל, געריסן דעם פאַרפרוירענעם קראַן, ניט ווי איר טעווע.
עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז געלע, פון ווען עס פילט זיך אַ טוכלער גערוך פון לויזיקע שטינקענדיקע קליידער, וויל זיך ענדלעך אָפּוואַשן דאָס פּאָנים.
— אַז מע שמועסט מעשוגע — האָט דאָבע צו זיך געשמייכלט — דאַווקע ווען ס'וואַסער איז געפרוירן, וויל זי זיך וואַשן.
אַזוי, שטייענדיק ביים קראַן מיטן ברודיקן געפרוירענעם צעפּל, האָט געלע זיך גענומען קראַצן די האָר מיט אַלע צען פינגער.
— דער פראָסט עט האָאַנט פּלאַצן, די גווירישע באַכער זאָלן אַזוי פּלאַצן, ווי ר'עט פּלאַצן.
יודקע און דאָבע האָבן זיך צוגעהערט צו די טרייסט־ווערטער. די

קינדער האָבן מיט זשעדנע הונגעריקע אייגעלעך נאָכגעקוקט איר יעדן באַוועג, עפּשער וועט זי געבן עפּעס צו עסן.

ס'מיינט מיר אי גיט? ווי עך שטאַי און גאַי, שנאָרער. ווען יאַך זאָל האָבן עפּעס אַ פּאָרטל, קען יאַך נאָך זיין אַ בעריע.

די בעטלערקע געלע האָט אויף זיך געשלעפּט אַ וואַטאָוון פּאַלטן. שטי-קער צעפּליקטע וואַטע האָבן נאָכגעהאַנגען. איר פּאָנים איז געוואָרן אַזוי בע-טנדיק, ווי זי וואָלט וועלן אַ נעדאָווע.

— ווען יאַך האָב אַזאַ שוועלבעלע אויף אַ שאָ, ברענג עך אַהיים פולע קעשענעס — האָט זי צום סאָף ארויסגעפּלאַצט.

יודקע האָט אָוועקגענומען די הענט פון קאָפּ, גלייך ווי ערשט איצט האָט ער באַמערקט די בעטלערקע געלע. די בעטלערקע האָט שוין געהאַלטן אויסגעשטרעקט די הענט צום אויסגעבלייכטן גרויסקעפּיקן קינד.

— קים צוציקל, קים צו דער מימע געלע.

דאָס קינד האָט אויסגעשטרעקט די שטעקלדיקע הענטלעך, אָפּגעזיפצט ווי אַ באַרדאַאָס און זיך געהויבן מיטן קערפּערל צו געלען. געלע האָט דאָס קינד אַ הויב געטאָן, אַ וואָרים פארגעלט פלאַכטעלע האָט אַ פאַל-געטאָן אויף דער ערד.

— ביזט דעך גרינגיטשקע סאָלקעלע, אָסט ניש צעסן האַ, אָסט ניש?

— האָט די בעטלערקע אריינגעשריגן אין קינד.

דאָבע האָט איר נאָכגעקוקט מיט ציטריק דערשראָקענע אויגן, זיך געמיעסט צו זען איר קינד אין אַזעלכע אומריינע הענט.

— אַזאַ קינד קען געבן פּינוסע, יאַך וואָלט מעך אָף אַ צען מינוט געשטעלט אויפן ריכטיקן ערטל... עס וואָלט זיי אַ רים געטאָן ביים האַרץ, די ראַכע — האָט זי ווינקענדיק אַ קנייטש געטאָן מיט אַן אויג צו דאָבען. די מוטער דאָבע האָט אַ ציטער געטאָן. שוואַך געריר די געפּרווירענע פּיס, אַזש דאָס בעט האָט אַ קרעכץ געטאָן. דאָבע האָט אַ שטרעק געטאָן אירע הענט, געכאַפּט ס'קינד צו אירע ברוסטן.

— כ'גיב ענק אַ ברויט מיט אַ מעסער. מעט זעך טיילן. נאַטס ענק אַן אדעראַף.

געלע האָט אַ קלונג געטאָן מיט אַ לעדערנעם בייטל פון אונטער איר באַרכענע האַלקע, אַ ווייז-געטאָן אַ פולע האַנט מיט קליינגעלט.

יודקע האָט זיך אַ הויב געטאָן, ארויסגעשטעלט די שטעקלדיקע האָ-ריקע פּיס.

— ארויס, אלטע קלעמפּע! וואָס ווילט איר פון אונזער לעבן? — האָט יודקע געשריגן.

די בעטלערקע גרעלע האָט זיך רירעוודיק א לאָז געטאָן צום ארויס־גאנג מיט א רעציכעדיק פּאָנים.

— אין גרויסן, מוישע גרויס, עץ ווילט ניש — שטאַרבטס. מעט זעך אָן ענק באַגיין. ס'פעלט ניש די מעציע — מנע! טיטס א הינט גיט, מנע!

דאָבע האָט געהאַט ארומגענומען דאָס קינד און עס געטוליעט צו זיך.

— צו אלדע פּוסטע כאַלוימעס — האָט זי געזאָגט. פאר די אויגן האָבן זיך א שטעל־געטאָן די זאכן, וואָס מע קען האָבן פאר אזא האַנט מיט געלט. וויפל קיילעכדיקע בייגל, קוואָרטן מילך און עפּשער וואָלט מען נאָך געקראָגן א שטיקל קויל צו קויפן. די קינדער זאָלן נישט אויסגעטריקנט ווערן פון קעלט און הונגער. וואָלט כאָטש נישט געווען אזא פראָסט, איז מיילע, ווער געשוואָלן, נעם דיר דאָס אויפּעלע און ווער מיר א שפּייזער — נישט פאר איר, כאָלילע, נאָר פאר די קינדערלעך.

אויך יודקע האָט קומענדיק צו זיך כאַראָטע געהאַט אף זיין איבער־געאיילטן אָפּטרייב די שנאָרערן. נאָך אלעם, ווער נאָך, ווי זי, אין א גאנצן הויף מיט מענטשן, קוקט זיך אום אויף די קינדער? זי מיינט נאָכאלעם נישט קיין שלעכץ. זי איז עלנט, האָט זי ליב פרעמדע קינדער. זיי זיינען דאָך איר איינגעבאקן. נישט מיין, זי האָט א גאזלאָנישן פּיסק.

נאָכדעם האָבן שוין אלע אין שטיבל געהערט ווי גרעלע לאָזט זיך אוועק אין גאַס. זי האָט געטראַמפּלט אין אירע גרויסע שיך, געקלאַפּט, ווי אויף לע־האַכעס, זיי צו רייצן. א שווערער אומעט איז געבליבן הענגען אויף די גרויסע פּארשנייטע ווענט. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, ווי מע וואָלט זיי ארייגע־זעצט אין א פראָסטיקן קייווער לעבעדיקערהייט, פּאַמעלעך אָפּצושטאַרבן.

— פאר וועמענס זינד? — האָט דאָבע שטיל געפליסטערט.

די קינדערלעך, אנטוישטע, האָבן ווידער אראָפּגעלאָזט די טראָמפּעק־לעך, געקוקט באַליידיקטע אויף די עלטערן. זיי האָבן געגומען וויינען אזוי לאנג ביז די קויכעס זיינען זיי אויסגעגאנגען.

יודקע איז אראָפּגעקראָכן פון בעט, גענישטערט אין אלע שענקלעך צווישן די שמאַטעס, אריינגעגאַנוועט זיך צו דער בעטלערקע אין קעמערל, געזוכט כאָטש א קריש ברויט פאר די קינדער. דאָסמאָל, ווי אויף להאַכעס — גאָרנישט.

ערשט אונטערן אייזערנעם בעטל האָט יודקע געפונען א פארטרי־קנט אויסגעביסן שטיקל ברויט. יודקע האָט אָפּגעקראַצט דאָס שימל, אָפּגעריבן

די לעכלעך פון מייזישע ציינדלעך, עם צעבראָקט. ער האָט אָפּגעהאַקט אַ שטיקל צאַפּן פון געפּרווירענעם קראַן, עם געווייקט מיט זיין קראַנקן אָטעם. אַ פּאַרשעמטער האָט ער עם דערלאַנגט דאָבען.

ווען די קינדערלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָט שוין ווידער זיך געלאָשן דער טאָג. דאָבע האָט דאָס שטיקל ברויט צעוואַרימט אין איר מויל און עם געגעבן די קינדערלעך.

— אז דער טאַטע וועט אַרבעטן, וועט מען קויפן כאַלע, טשאַסטעם — אזעלכע שיינע פּוטער־קיכלעך. — האָט די מוטער דאָבע זיי דערציילט. און די קינדערלעך האָבן געקוקט אויפן פענצטערל, מיט פאַרכאָלעמטע אויגן זיך פאָרגעשטעלט יענעם גליקלעכן טאָג.

* * *

אין אָוונט איז געוואָרן אביסל פרייִלעכער. פון די אָנגעצונדענע אויבערשטע כאַדאָרים האָט אריינגעשיינט קעסטלעך מיט עלעקטריש ליכט. דער ווייסער פראָסט האָט געפיבערט אויף די ווענט מיט דער זעלבער אומהיימלעכקייט.

זייער פרי האָט זיך געהערט טריט פון דער בעטלערקע געלע. זי האָט ווידער הויך, ווי אויף לעהאַכעס, געלאָזט הערן ווען איר אָנקומען. זי איז אריין שטומשווייגנדיק אין איר קעמערל, אָנגעצונדן אַ נאַפט־לעמפּל. אומעטיקע שאָטנדיקע פלעקן זיינען אריינגעקראָכן אין יודקע זיסקינד׳ס שטיבל.

איר אָנקום האָט פונדעסטוועגן געברענגט אביסעלע פרייד. ס׳האָט דער מאָנט, אז נאָך אַלעם איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן זייער קייווער מיט דער וועלט. ווען נישט זייער אקשאָנעם וואָלטן זיי אינגאַנצן אויפגעלעבט דורך איר.

געלע האָט דאָרט אין איר קעמערל, גענומען ציילן געלט. די קלינגערס האָבן געשפּרונגען אין אַ קוואַרט־טעפּל, געמאַכט אזעסדיקע קוילעס. נאָכדעם האָט זי אָנגעצונדן אַן אייזערנעם אייוועלע. די קינדערלעך האָבן ווידער אויפגעהויבן די קעפּלעך, נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די מומע געלע בייזערט זיך.ביילטשע, דאָס עלטסטע פינפיאָריק מיידעלע, אַ שווינדזיכטיקע, איז אריין אין פאַטערס שיך, זיך געשטעלט אויפן שוועל מיט אַ פינגערל אין מויל.

— גייטס, גייטס! כ׳האָב פיינט שנאָרערס, וואָס האַלטן זיך אין גרויסן.

דאָס מיידעלע האָט נישט אָפּגעטראָטן, געשמייכלט בעטנדיק, אונטערטעניק. די בעטלערקע האָט זיך גענומען קראַצן מיט אַלע צען פינגער. געשאָבן דעם געפּאַנצערטן האַלדז, וואָס האָט אויסגעזען ווי שיפּן מיט איינגעוואַק־

סענעם שמוץ. נאָכדעם האָט זי אַפּירגעשלעפּט אַ זעקעלע, ארויסגעגראַבלט אַ שטיק געפּרוירענעם קוכן.

— נאַ, גיב דער מאַמען.

דאָס מיידל האָט גיך ביגנייווע אָפּגעבראָכן אַ שטיקל, זיך שיער דערוואָרגן קייענדיק. די רעשט האָט זי אריינגעטראָגן דער מוטער. דערפון איז דאָבע געוואָרן אזוי גערירט, אזש טרערן זיינען איר געשטאַנען אין די אויגן.

שפּעטער האָט שוין דאָבע אריינגערופן די בעטלערקע גנעלע. דאָבע איז געווען האכנאָעדיק דאנקבאַר.

— כ׳האָב אייך ניט געמיינט צו באַליידיקן, ווייל פריער גאָט נאָכדעם איר, פארגעסט אונז ניט.

די בעטלערקע איז נאָך אַלץ געווען אַ באַליידיקטע, געשטאַנען מיט איין פוס אין יודקעס שטיבל, מיטן אנדערן אין איר קעמערל, געגומען ריידן, ניט קוקנדיק אויף קיינעם: — ווער וואָלט דען געוויסט. כ׳היל איין ס׳קינד, אין אַ האלבע שאָ בין איך קריק מיט דער עמעסער פּויטיקע.

אַלע זיינען פון דעם גערייד געוואָרן שטומשווייגנדיק. אין דער שטיל-קייט האָט זיך קימאַט געלאָזט שפּירן דאָבעס לייכטע קווענקלעניש. גנעלע האָט ווידער אריינגעטאָן איר האַנט אין אַ לעדערנעם בייטל, אומגעצייילט אוועקגע-לייגט אַ צעשאָטן בערגל מיט קליינגעלט אויף אַ בענקל לעבן בעט. גנעלע איז דערווייל אריינגעלאָפן צו זיך אין קעמערל. זי האָט געברענגט צושלעפּן וואָלע-נע, צעריסענע זאכן, אַ ווארימען שפּענצער ארומצואוויקלען דאָס קינד.

דאָבע האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, געקוקט דאָ אויפן געלט, דאָ אויפן קינד, וואָס האָט אַ דערפרוירנס זיך געקלאַמערט צו דער מוטערס שוויי-סיק, פרירנדיק לייב. דאָבען האָט זיך קעסיידער געדוכטן, אז פאַר דעם געלט פארקויפט זי דאָס קינד, אז מע נעמט עס ביי איר צו אויף שטענדיק.

— וואָס זאָגסטו יודקע?

— וואָס קען זאָגן אַ טויטער מענטש? — האָט יודקע שטיל געזאָגט קימאַט אָן קויכעס.

נאָכדעם האָבן ביידע ווייבער ארומגעוויקלט ס׳קינד. די בעטלערקע גנעלע האָט געטאַינעט, אז וואָס צעריסענער און צאַרעדיקער דאָס מיידעלע וועט אויסזען, אַלץ בעסער איז עס אהיימצוברענגען מער געלט.

דאָבע האָט דעם קינד פארוויקלט די פּיסלעך. עס האָט האַלב פארמאַ-טערט געוואָרפן שלעפערדיק מיטן קעפּל.

דאָבעס הענט האָבן געציטערט.

— איר זענט דאָך ווי אַן אייגענע מאַמע צום קינד. היט עס אָפּ, געלע לעבן.

— ס'דען. יאָך וויס ניש? — האָט געלע געזאָגט, נעמענדיק דאָס קינד. דער מוטערס הענט זיינען געבליבן אויסגעשטרעקט, ווי זיי וואָלטן וועלן צוריקכאַפּן. געלע האָט זיך אַ וויקל געטאָן אין איר שמאַטעדיקער דערקע, זיך געלאָזט צום טיר.

אינדרויסן אויפן גאַס האָט דער פראָסט געברענט מיט קאַלטע פיבערן. אויף די האַלב־אויסגעלערטע גאַסן זיינען די מענטשן עפּעס ווי געלאָפן, ווי דער פראָסט וואָלט זיי געיאָגט. אויף זייערע קליידער האָט דער אָטעם גע־פרירט, געשפּיזט מיט שפּילקעדיקע פעדימלעך. אויף טייל ערטער וואו די גאַסן קרייצן זיך, זיינען געשטאַנען קופּקעס היימלאָזע מענטשן, זיך קימאַט געבראָ־טן לעבן די אָפענע אייזערנע קויבערס מיט שטיינקוילן.

געלע האָט געאיילט מיטן קינד צו די באַלעבטע רייכע גאַסן. דאָס קינד האָט צוגעדושעטערהייט געראַניצט ווי אַ קראַנק קעצל, זיך פון צייט צו צייט פאַרגאַנגען אין אַ יאָמערלעך געוויין. געלע האָט עס אַ שאָקל געגעבן, געשיפּעט מיט פאַרקריצטע ציין.

— שאַ, מאַמזער! מע גייט דער נישט קוילענען.

זי איז געלאָפן גאַס־איין, גאַס־אויס. ביז זי וועט קומען אויף די רייכע גאַסן, וועט עס האָבן, דאָס קינד, אַביסעלע איינגעדרימלט, וועט זי פריי אָנ־גיין מיט איר אַרבעט.

ערגעץ לעבן אַ טונקעלער גאַס איז געשטאַנען אַ לאַנגע ריי מיט אָפּגע־ריסענע מענטשן. ציטערדיק האָבן זיי זיך געטוליעט צו די פּלויטן, צו די אָפּ־געשיילטע אַלטע הייזער. מע האָט געוואַרט לעבן אַ קוילן סקלאַד צו באַקומען אַ ביסל קוילן. צוויי פּאָליציאַנטן, באַפּעלצטע אין לאַנגע פוטערס, האָבן גע־שטויסן, זיי זאָלן שטיין רואיק.

זי האָט געוויכט פון פּאָליציאַנטן. זי איז געקראָכן אַרום די אויסגע־לײדיקטע באַזאַר־פּלעצער מיט די פאַרמאַכטע בוידן. ערשט ביים דורכגאַנג פון מיטשטאָט גאָרטן האָט דאָס קינד אויפגעהערט וויינען.

אין גאָרטן האָט געפּאָכעט אַ בלויער פראָסט, געסאַרפּעט ווי שפּירט. די פאַרשנייטע צוזאַמענגעקורטשעטע ביימער, האָבן זיך נישט אַ ריר־געטאָן. אַ טויטע פאַרגליווערטקייט האָט געפרעסט.

ס'טאַקע קאַלט, אַ ביטערע פינוסע, אוי טאַטעניו — האָט געלע גע־מרוקעט. לויפנדיק, סאַפּענדיק, ווי אַן איינגעאָקשנטע מעשוגן פערד. זי האָט שוין אַזוי לאַנג געכאַלעמט, זי זאָל זיך האָבן מיט וואָס אָוועקצושטעלן לעבן

א קאַבאַרעט. אַזוי, אין א געוויינלעכן אָוונט, וואָס איז דער אויפטו? ס'טוען דאָס אַנדערע אויכעט. היינט וועט זי נישט האָבן קיין קאָנקורענט. אַז עס זאָל איר אַפּגליקן וועט עס זיין א קאָשער פאַרדינסטל.

ביים קאַבאַרעט, „אַזאַ", זיינען טאַקע קיין קאָנקורענטן נישט געשטאַנען. לעבן די לאַנגע ברייטע שויבנטירן זיינען יעדע ווילע צוגעפאָרן אויסגעפוצטע גלאַנציקע אויטאָמאָבילן מיט שאָפערס, פאַרמאַכטע עקיפּאַזשן מיט עטלעכע פּאָר פערד נאַשפּיץ. אויסגעצירטע שלאַנקע דאַמען מיט לאַנגע פוטערס, גאַלאַנט געאָרעמט מיט יאָנטעוודיקע גאַוועדיקע הערן, האָבן זיך געלאָזט אריין אינעווייניק. די פּאָרטיערן אין רויטע פראַקן האָבן זיך דינערדיק געבייגט אינדרייען.

געלע האָט געקוקט אין אַלע זייטן, זיך אַוועקגעשטעלט מיט א טאַכנינעמדיק אומשולדיק פּאָנים. אַזוי איז זי געשטאַנען ביים וואַנט. פאַר יעדן אַרויסגייענדיק פּאָרל האָט זי שטיל און רירנדיק געוויינט.

— פּאַנאָוויע! גיטע מענטשן, איידעלע הערשאַפטן!

איר פאַרקרימט פּאָנים האָט צוגעגעבן:

— ראַטעוועט א מאַמע מיט קליינע אויפעלעך.

א יונגער קאַוואַלעריע-אָפיציר אין שפּאָרן, געאָרעמט מיט א דאַמע, איז אַרויס פון אינעווייניק. ער האָט שיקערדיק זיך געוואַקלט. געלע האָט א שטרעק געגעבן א האַנט, זיך א צי געטאָן מיטן קינד פאַראויס צו דער דאַמע.

דער אָפיציר האָט אויסגעדרייט דאָס בעגלופנדיקע פּאָנים, איר א שטויס געטאָן פון זיך. געלע האָט זיך איבערגעקערט, נישט אַרויסלאָזנדיק דאָס קינד פון זיך. אַזוי ליגנדיק, האָט זי געכאַפּט א בליק צי עס קומט נישט אונטער קיין פּאָליציאַנט. זי האָט גענומען יאָמערלעך וויינען. די דאַמע, א פרומפּאָנעמדיקע האָט אַרויסגעריסן איר אָרעם פון אָפיציר, געהאָלפן געלען אונטערהויבן זיך.

— א שמאַטע האָט זי דאַרטן נישט קיין קינד — האָט דער אָפיציר געכאָכאָטשעט.

— אַזאַ שמוציקע דאַרף נישט קומען לעבן שענסטן קאַבאַרעט פון אונזער פּאָטערלאַנד.

געלע האָט אָפּגעדעקט איר פאַרוויקלעניש און געוויזן דאָס שלאָפנדיקע קינדישע פּנימל:

— נאָט, זעט, פּאַנאָוויע, מיין אויפעלע.

די דאַמע, א גערירטע, האָט אַרויסגעכאַפּט פון איר מוף א קנאַקעדיק פּאַפּירל. נאָך איר האָבן שוין אַלע אָנגעקומענע געסט איר דערזען, געשטופּט

זילבער, און פּאַפּירלעך געלט, איר געהייסן וואָס שנעלער אַהיימגיין. אַזוי דערבאַרימדיק זיינען די מענטשן געווען צו איר.

די בעטלערקע געלע איז געווען פאַרקאָכט אין איר אַרבעט. זי האָט געוויינט און גענומען געלט. עס פאַרשטופּט אין בוזים. אַ טייערער צופאַל איז איר אונטערגעקומען. ווען נישט דער שיקערער אָפיציר, וואָלט זי גאָרנישט געמאַכט, אויסגעקושט וואָלט זי אים די שטיוול דערפאַר. אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט. אַפילע אַ פּאָליציאַנט שטערט איר נישט.

ערשט שפּעטער האָט זי דערפילט, ווי דער פראָסט קרעמפּעוועט אַרום איר לייב. דער קאָפּ איז שווער ווי ער וואָלט געווען פאַרטשאַדעט. אַלץ האָט זיך אין איר אַראָפּגעצויגן צו דער ערד איינצושלאָפן.

זי האָט גענומען איילן אַהיים. אויב זי האָט געפונען אַזאַ פּאָרטל, וועט שוין גיין אַ גאַנג. נעכט פעלן נישט אויס. דאַווקע די ערגסטע וועט זי אויסקלייבן. אויף היינט וועט זיין גענוג. זי האָט נאָך סיידוי אַזויפיל געלט מיט איינמאָל נישט געמאַכט. זי וועט זיסקינד'ן געבן אַ פּאַפּירל, וועלן זיי איר קושן די הענט. אַ ראַכמאָנעס אָף זיי. אומבאַהאָלפענע ווי קינדער, און גרויסהאַלטערס.

די שטילע גאַסן האָבן איר גענומען שרעקן. די שוי־פענצטער פאַרפּאַנצערטע מיט געפרוירענע שטעכיקע דערנער, האָבן געשפּיזט, אַזש געשטאָכן איר לייב. די נעגל פון די פיס און הענט זיינען איר שיר נישט אָפּגעשפּרונגען.

זי איז געלאָפן גיך. פון רעגילעס האָט זי נישט באַמערקט די גאַסן. זי האָט אויסווייניק געציילט די געלטער: די דאַמע מיטן ווייסן קאָלנער; די, מיט דעם אַלטן פּאָריץ; דער הער מיטן צילינדער — איניינעם מיינט עס... זי האָט איבערגעריסן רעכענען, מאַכמעס דאָס קינד רייסט איר אָפּ די הענט. עפּעס אַזוי שווער איז דאָס געוואָרן, ווי אַ שטיין.

אַריינקומענדיק אין הויף, האָט געלע גענומען סאָפּען, געלאָזט הערן איר אָנקום. זאָלן זיי נישט מיינען אַז אַזוי לייכט קומט אָן צו מאַכן אַ גראָשן.

זי האָט געעפנט די טיר, געלע. ביי די זיסקינדס איז איצט געווען פרייערלעך. דאָס אייזערנע אייוועלע האָט געפלעמלט מיט האָלץ. יודקע זיסקינד, דאָבע, די דריי אויסגעטרוקנטע מיידלעך זיינען געזעסן אַרום טישל און געזופּט מילך. אַלע האָבן גיך געקייט ברויט מיט הערינג מיט אַזאַ האַנאָע, אַזש זיי האָבן איר, די בעטלערקע, נישט געהערט אַריינקומען.

— אַ סימכע, אַ פּרעסעניש! ווער איז געלעגן געוואָרן?

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט, דער ביסן האָט זיי געוואָרגן אין האַלדז.

אַלע האָבן זיך אָפּגעריסן פון טישל, אויפגעהערט עסן. גנעלע האָט גיך א שלײדער געטאָן דאָס פּעקל מיטן קינד אויפן בעט:

— ס'שלאָפט.

—ש־ש־ש־ש! שלאָפט. — האָט די מוטער געזאָגט מיט אזא טאָן, ווי אַף א טאטן, א פארדינער, וואָס שלאָפט. זי האָט צארט א עפן־געטאָן דאָס פּעקל. א ווײס טויט פּעניטל האָט א פאַל געטאָן אין א זײט. די מוטער האָט א קוויטש געטאָן. זי האָט גענומען רײסן. דאָס קינד איז געווען דערפרוירן אַף טויט.

די אלטע איז גיך פארשוואונדן אין איר קעמערל. יודקע איז געשטאַנען א צעטומלטער, געקוקט מיט טויטע אויגן אויפן קינד און געציטערט מיטן לײב.

די מוטער מיט די קינדער האָבן אויסגעבראָכן אין א יאָמערלעך געקלאָג. זײ האָבן געשריגן הויך, זיך שוין נישט געשעמט פאר קײנעם. זײער געוויין האָט אויפגעריסן דעם הויף פון שפּעטן אָוונט געדרימל. מענטשן זײנען געלאָפן פון אלע שטאָקן נישט באַהײצטע כאַדאָרים. מע האָט אָנגעפילט דאָס קלײנע קײווער־שטיבל.

אויסגעדארטע טרעגערישע ווײבער, אויסגעצוויקטע הערינג־פארקויפערינס האָבן זיך געקניפּט די אויסגעמאַטערטע באַקן, געהאַט טאַינעם צו זיך אַלײן.

— אזא וויסט אָרימקײט... ווי קען הײנט אײנער העלפן דעם אנדערן?

— אַז שלינגען זאָל זײ אזוי אָנקומען, ווי ס'קומט אָן א גראָשן צו פארדינען — האָבן די אָרימע ווײבער געוויזן אויף דער אָנגעקומענער רײכער פּרוכּט־הענדלערקע, פּרוי בערגער. זי האָט זיך געשטעלט לעבן די פעטלײביקע גענזלערקעס מיט די באַפּעדערטע פארבלוטיקטע הענט, אויסגעהערט די רעכילעסלעך, ווי אזוי עס איז געשען מיטן קינד. זי האָט געמאַכט א בײזע ביטערע גרימאַסע:

— נישט מײן רעכט אַף זײ. פון אַלץ מאַכן זײ פּארנאָסע, די שנאָרערס.

בלויז די טרעגערס, וועגעלעך־שלעפּער מיט פארבונדענע שטריק — אומגעהויערע שטאַרקע מענטשן — זײנען געשטאַנען, דאָס בלוט האָט אין זײ געקאָכט פאר רעציכע אויף די אויבערשטע שטאָקן, וואָס האָבן נישט קײן אײנזעעניש מיט אן אָרימאַן. יעדער האָט נאָר זיך אײנזינגען.

—זײער צאַלטאָג עט קומען.

— בלוט עט זיך גיסן.

— עז זעט דאָך, שוין נישטאָ וואָס אָנצוואָווערן — האָבן די טרעגער צווישן זיך גערעדט און גענומען ארויסשטופּן די טשיקאָווע ווייבער פון די אויבערשטע שטאָקן.

— ווען מע דארף זענט עז נישטאָ, גייטס!

— מ׳עט דיר פריער אָפּהאַקן די הענט, וואוילער יונג. ס׳פּעקל וואַרפט דיאָך — האָט פרוי בערגער אין א פארשמאָרדעטן קאַראַקולענעם פּאַלטן זיך א שטעל געטאָן לעבן א הויכן יונג מיט א קאַשקעט איבער די אויערן. דער יונג האָט איר א נעם געטאָן צווישן די הענט, זי א שאָקל געגעבן, אזש די קליידער האָבן זיך פון איר אָפּגעריסן.

— כ׳מאַך פון דיר אַש און פאָרך, די פּיסקאַטש!

און זי, די פרוי בערגער, האָט זיך געבריקעוועט:

— געוואַלד, ראַבושניקעס, קאָמוניסטן!...

עס האָבן זיך א לאָז געטאָן אריינמישערס פון ביידע צדאָדים.

באַלד איז א גאַנצער קנויל געלעגן אין פּעדערהייזל אויף די טרעפּלעך. מע האָט זיך געדושעט, געריסן לעבעדיקע שטיקער.

עס איז אָנגעקומען צו לויפן א פּאָליציאַנט. געזען דעם קנויל, האָט ער ארויסגענומען ס׳פּיפּערל, זיך געשטעלט אין טויער. פון די בעקערייען, קאַפע-הייזער האָבן גענומען אהערצולויפן נאָך פּאָליציאַנטן.

אַלע זיינען שטיל געבליבן. פרוי בערגער האָט זיך מיט א געקלאָג א לאָז געטאָן צו די פּאָליציאַנטן. זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם ציטערדיקן יודקע, וואָס איז געשטאַנען א צעדולטער.

— אַזעלכע טאַטעס, אַזעלכע קינדער-מערדער דאַרפן פאַרפוילט ווערן אין טפיסע —האָט זי געשריגן. די פּאָליציאַנטן האָבן בלויז פאַרשטאַנען, אז שולדיק זיינען נאָר די, וואָס גיבן זיי נישט קיין פאַרדינסטל.

זיי האָבן צונויפגענומען אַלע ווייבער, טרעגערס, יודקע זיסקינד, די בעטלערקע געלע, א כּוץ די גענזלערקעס און די פרוי בערגער, וואָס לאָזן פון זיך לעבן.

— היידא, אין קאָמיסאַריאַט אריין, פאַרכעדיקע ברואים! האָבן זיי געשטויסן די מענטשן. בלויז דאָבעס געקלאָג מיט אירע קינדער ביים טויטן קינד אויף דער ערד, האָבן לאַנג נישט געלאָזט איינשלאָפן דעם הויף.